(?ב?)     ג י אַ ט ש י י – די, מצ. "שנייגלעקעלעך" (רעג, באַסאַראַביע) | קשורה |

רעד: ניט אָנגעוויזן אױן קאַרטל דער אַקצענט.

ג י א = צ ל מ ו ת - |גיי=צאַלמאָוועס| - דער, בא.

(לל) דער טאָל פֿון טויטשאָטן: באַצייכענונג פֿאַרן גיהנום.

1963 " ס'הייבן ערשט אָן צו אויפֿעפֿענען זיך פֿאַר אונדז

די יסורים=טיפֿעניש, און דער הויפּט - דער ייִדישער 4563

גיא=צלמות". ליוויק, 14, 288.

1973 " דער גיא=צלמות, ווו גאָט פֿירט זייַנע שטאַרבנדיקע 3

צום אור=הגנוז". שפּיגל, פּער 38, נ' 79 - 80, ז'85.

ג י ב – פֿאַרמע פֿון ווערב געבן: 1. I פֿערזאָן אצ,
איצטיקע צייט, אינדיקאַטיוו.

1864 " כאַפּ איך מיך אונטער און גיב דער רביצין אַ
קאנק תחינה |...|". מענדעלע, 12, 78.

1907 " איך גיב זיי אַלעמען צו קליינע שטיקלעך. זיי
קאנק לעקן די פֿינגער". שלום=עליכם, 8א, 81.

קאנק 1954 " מספּים, איך גיב מײַן וואָרט". סוצקעווער, 7, 5.

2. II פֿערזאָן אצ, אימפּעראַטיוו פֿון ווערב געבן.

1864 " וואָס טויג מיר טרערן, פֿלעג איך בשעת=מעשׂה
קאנק טראַכטן, גיב מיר בעסער געלט!". מענדעלע, 12, 134.

1910 " גיב זשע, גיב כאַטש עפּעס// מיר אַן אות –
38 זכרון". פֿרוג, 1, 218.

4

1975 " אויב דן דאַרפֿסט נישט, גיב עס מיר". באַשעוויס,

קאַנק 6, 118.

/7 גיב לשון! – רעד! זאָג!

1958 " איך דער האַנט פֿון דעם פּאָעט // האָט די פּען

59 ווי אָפּגעשפּעט: נו, גיב לשון! גיב אַ וואָרט!".

אלף כץ, 3, ליד "דער קוקו".

ג י ב אָ ן - דער, =ען. זגאַל מאַלפּע.

ג י ב ו ר |גיבער| - דער, =ים |גיבוירים|.

1. אַ מענטש וואָס איז פֿיזיש זייער שטאַרק, געזונט.

% דער גיבור האָט געבויגן פֿאָדקאָוועס, ווי טייג.

דער קצב איז אַ ייִד אַ גיבור, ער טראָגט אַ גאַנצע בהמה אויף די פּלייצעס.

1873 " דערצו האָב איך ווײַטער געמוזט אויסלערנען
עפּעס ווילדע בײַיקעס, מעשׂיות מיט שרעקלעכע גיבורים, 13
מיט שטאַרקע שיכּורים, מיט באַרימטע גזלנים |...|".
מענדעלע, 9, 15.

1925 " ייִדן פֿערדהענדלער, |...| ייִדן גיבורים,
מיט הויכע שטיוול, מיט שווערע בורקעס |...| קריגן 22
זיך מיט זייערע קאָנקורענטן". זינגער, 3, 316.

1943 " |...| צווישן די טרעגערס אַפֿילו האָט ער געשמט
פֿאַר אַ גיבור, וואָס פֿאַר זײַן פּאַטש איז מען געלאָפֿן, קאנק
ווי פֿון אַ מגפֿה". טרונק, 5, 177.

2. אַ מענטש וואָס האָט אויפֿגעטאָן גרויסע מעשׂים, פֿאַרבונדן מיט גרויס מוט, באַהאַרצטקייט און מסירת=נפֿש; העלד.

% מיר וועלן אייביק געדענקען די גיבורים פֿון וואַרשעווער געטאָ=אויפֿשטאַנד.

1878 " אונדזער בינימין האָט זיך אומגעקערט טאַקע צוריק און איז געגאַנגען באַהאַרצט, ווי אַ גיבור, מיט גרויס בטחון". מענדעלע, 16, 19. — 14

1921 " עס פֿלאַקערט די הויפּטשטאָט מיט גלוט רויטן מוט, // מיט מאַסן גיבורים צום העלדנקאַמף גרייט, // וואס שווערן די שבֿועה די גרויסע צום טויט// צו שטיין ביזן סוף |...|". ליעסין, 3, 79. — 25

1968 " ר׳ צמח אַטלאַס איז אַ גיבור, אָבער אַ גיבור אין דרויסן פֿון זיך, בעת אַ גיבור לויט דער תּורה איז איך זיך, אַ כובֿש את יצרו. אויך פֿאַר איינעם וואָס וויל גיין אויף מסירת=נפֿש האָט די הלכה אָוועקגעשטעלט גרענעצן |...|". גראַדע, 7, 42. — קאנק

|| גיבורדיק |גיבערדיק| - אַדי/אַדוו. ווי אַ גיבור.

1920 " אין די ווינקלען פֿון סופֿיט, אין דיקע שוואַרצע
קרייזן,// שטייען איינגערינגלט און פֿאַרכּישופֿט, ניט 30
צו רירן זיך,// דער גיבורדיקער לייב, דער בייגעוודיקער
לעמפּערט |...|". לייוויק, 6, 193.

1968 " ער הייסט, און ס'מוז דער שוואַכלינג ווערן
גיבורדיק |...|". לעיעלעס, 6, 262. 29

גיבורה|גיבוירע| - די, =ות (גיבוירעס) (זן) דזוו גיבורטע.

גיבורטע |גיבערטע| - די, =ס. ווע פֿאַר גיבור, ביידן בב.

גיבוריש |גיבעריש| - אַדי/אַדוו. דזוו גיבורדיק.

1946 " ווי קומט צו אַזאַ יידן צו האָבן אַזוי פֿיל גיבורישע
זין?". טרונק, 4, 243. 32

1971 " |...| ביז וואַנען מען האָט אים דערזען,|...|
|...| דעם רבֿ, איינגעשלאָסן אין אַ רינג פֿון הונדערטער
ספּאָדיקעס — גיבורישע יונגע=לײַט, געבונדענע איינס
צום אַנדערן מיט די גראָבע גאַרטלען |...|".
האַגער, פּער 38, נ' 72, ז' 393.

0 גיבור=חייל |כאַיעל| — אַרמיי פֿון גיבורים.

... " אַן אמתער גיבור=חייל". קאַציזנע, דד, 181.

(?נ?) גיבורי=ישׂראל |גיבוירע=ייִסראָעל| — מצ. ייִדישע העלדן.

1970 " אָט דער שער, וואָס דורך אים האָבן זיך עס דאָ
איצט די גיבורי=ישראל אַרײַנגעבראָכן אין דער
אַלטשטאָט אַרײַן|...|". י. קאַפּלאַן, 2, 10.

34

ם ←---- 2.

1716 " גאט ווערט אויז גיך אז איין <u>גבור</u>, אז איין

בעל מלחמה ווערט ער דר וועקן דיא ניידונג". 20

<u>ס' המגיד, 3, ישעיה, מב - יג</u>.

ג י ב ו ר נ ע – די, =ס, פּפּ גיבערנע. (עלט) שטײַיער אויסצוהאַלטן סאָלדאַטן, אַרויפֿגעלייגט דורך קהל אויף די ייִדן אין פּוילן |האַרקאַווי|.

גיביק I - אַדי/אַדוו. (שנש?) וואָס גיט אַ סך, גיט גערן, פֿרוכפּערדיק, פּראָדוקטיוו.

1956 "קאַליפֿאָרניע דאָס לאַנד,// איר ערד - אַ גוטע מאַמע,// גיביק און געראָטן". שומיאַטשער, 3, 120.

|| גיביקייט - די, בא. אייגנשאַפֿט אָדער מצב פֿון זיין גיביק.

45

גיביק II - אדי/אדוו. עלאַסטיש, נאָכגיביק |אויוו|.

|| גיביקייט - די, בא. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן גיביק [1133].

9

גיבל I – דער, =ען. 1. דרײַעקיקער דאַך איבער אַ הויז, ס'רובֿ פֿון דער שמאָלער זײַט.

2. (פֿיג) שפּיץ, הויך אָרט.

182... "די קאָמפּאַניע האָבן זיך אָנגעהויבן אַלע מאָל בעסער צו מאַציווין אין אַלץ אַלע מאָל זיך גרעסער פֿונים פּראָסטער עולם צי הייבן זײַ גאָר פֿאַר בהמות צי האַלטן און זייער קאַמפּאַניע גרויס מאַכן אין גובל אַרײַן". מאַלאַגה, 1, 222.

52

1939 "מען האָט געצאָלט פּרײַזן ביז אין גיבל אַרײַן און סחורה גענומען בלינד". מ. אַלטמאַן, 4, 9.

47

|| גיבלדיק – אַדי/אַדוו. מיט גיבלען, שפּיציק.

1930 " פֿאַר מײַנע אויגן האָבן געשטאַרצט די גאָטישע

56 שפּיצן און גיבלדיקע הײַזער פֿון זײַן װײַטער

היימשטאָט". איבן י. מאַרק, 2.

גיבליק - אַדי/אַדוו. דזוו גיבלדיק.

1936 " אַ פֿיל=גיבליקער באַרג איז דער באַרג בשן! פֿאַר

58 וואָס באַשיקלט איר, פֿיל=גיבליקע בערג?".

איבן גראָס, 3, 16 - 17.

0 גיבלדאַך - דער, ־דעכער. דזוו גיבל, ב1.

1941 " אַ גיבלדאַך זאָלסטו מאַכן צו דער תּיבֿה"|...|".

55 תרגום יהואש, בראשית, ו' - 16.

גיבל=שטיבל - דאָס, =עך. אייבערשטיבל, אַ צימער וואָס

איז אויפֿן בוידעם, מיט אַ פֿענצטער וואָס גייט אַרויס

אויפֿן גיבלדאַך.

□ גיביל.

.2 ---->

|1689 ?| " צמרת הארז - גיבל דער טענך". באר משה,

יחזקאל, יז - ג.

46

ג י ב ל !! - דער, =ען. ריז, גיגאַנט.

1929 " די גזלנים זײַנען געווען הויכע און גראָבע

גיבלען". עלע, 1.

51

ג י ב ן – פֿאָרמע פֿון ווערב געבן, איצטיקע צייט,

אינדיקאַטיוו: 1. I פֿערזאָן מצ.

1968 " וויפֿל מיר זאָלן זיך פֿאַר אַ חבֿר ניט מקריבֿ זיין,
קאנק גיבן מיר אים גאָרניט, איב מיר גיבן אים ניט קיין
נצחיות". גראַדע, 7, 217.

2. III פֿערזאָן מצ.

1873 " גוטע, פֿאַרשטענדיקע חבֿרה=לייט, וואָס גיבן
קאנק השגחה |...|". מענדעלע, 1, קאַנק 208390.

1948 " ס'געדויערט ניט לאַנג און באַלד גיבן זיי זיך
קאנק די הענט |...|". נסתּר, 6, 267.

3. (דיאַל, וואַלין) אינפֿיניטיוו פֿון געבן.

ג י ב ע - <u>די, =ס.</u> (<u>רעג. מאָרמאַרעש</u>) „קורצער אייבערמאַנטל
64 פֿון שוואַרצער וואָל פֿון שאָף, מיט דער וואָל אַרויס" |<u>קטור</u>|.

ג י ב ע ר נ ע - ---> גיבורנע.

(?נ?) (גי) ב ר אַ ל ט אָ ר - דער, בא. 1. דער דורכגוס וואָס פֿאַראייניקט דעם מיטללענדישן ים מיטן אַטלאַנטישן אָקעאַן.

2. (שגל) "אין וואַרשעווער געטאָ - דער דורכגאַנג אויף זשעלאַזנע = כלאָדנע, וואָס האָט פֿאַרבונדן דעם צפֿונדיקן טייל געטאָ מיטן דרומדיקן". |בלומענטאַל, פּער 90, נומ' XVIII - 3, 1958|.

(?נ?) ג׳יגאָלאָ - דער, =ס. געצאָלטער פּאַרטנער צום טאַנצן
אין פֿאַרווייַלונג=לאָקאַלן; פּאַרטענצער.

1970 " |...| טרוימען פֿון ג׳יגאָלאָס, קאָקאָטעס און
פּאָעטן". צייטלין, 7, 460. 76

ג י ג אַ נ ט - דער, =ן. 1. אַן אויסערגעוויינטלעך גרויסער, געוויקסיקער מענטש; ריז.

... "אַ בליק פֿון אַ לייב אין גסיסה נאָך האָט ער, // דער העלד פֿון זײַן צײַט, דער גיגאַנט פֿון זײַן לאַנד". 88

ווינטשעווסקי, 2, 249.

1943 "כּל=זמן מיר זענען שוואַך |...|, סטאַרעט ער זיך אונדז אונטערטעניקן, צעטרעטן און ווײַזן זײַן קראַפֿט 78

– די קראַפֿט פֿון אַ גיגאַנט קעגן אַ קינד". דימאָוו, 1,52.

1962 "אָפּט מאָל זע איך דיך |אַמעריקע| אַ פֿרוי, אַ שטיינערנער גיגאַנט, |...| מיט קני, מיט בריסט און 86

פּנים |...|". גראַדע, 5, 68.

2. (פֿיג.) אַ זאַך וואָס איז ריזיק גרויס.

1921 " קלעצער פֿירט מען נאָך אַנאַנד,// דאָס דאַרע פֿערדל פֿירט// אַ הונדערט יעריקן גיגאַנט". סעגאַלאָוויטש, 6, 37. 87

1972 " ער האָט ליב געהאַט דעם אײַזערנעם הילכיקן רויש פֿון די מאַשינען,|...| געווען גוט צו שפּרײַזן צווישן די שטאָלענע גיגאַנטן |...|". ראָזענפֿאַרב, 2, 606. 79

|| גיגאַנטאָמאַניע - די, ־ בא. די נטיעה צו גרויסע, ריזיקע זאַכן.

גיגאַנטיזם - דער, ־ בא. אומנאָרמאַל גרויסער וווּקס פֿון קערפּער אָדער פֿון באַזונדערע טיילן זײַנע.

גיגאַנטיש - אדי/אדוו. אויסערגעוויינטלעך גרויס; ריזיק.

1931 " |...| וואַקסט אַ שווערע חיה מיט גיגאַנטישע
103 לאַפּעס, מיט אַן אָפֿן מויל |...|". ברעגמאַן, 1, 332.

1940 " די בערזע, די גיגאַנטישע 'אָפּאַסטאַדן' -
106 די מאַגאַזינען, ווו ס'האָבן זיך אָנגעזאַמלט די סחורות
פֿון דער גאַנצער וועלט". קאַראַלניק, 3, 73.

(?ג?)

ג י ג ל אַ נ י - בנב.

... " מען לייגט דאָס אונ |=אין| נייע ערדיגי |=ערדענע|
כלי עס זאל גושט זיין אובר גדעקט מוט בלייא וויא 112
מען רופט עס גיגלאַני אונ מען שטעלט עס אוף קולין
פון איין קאוויל אונ עס אוז גוט אובר שמעלצון
קעגון איין האלבי שטאנד". אַנ, דברי חכמים.

רעד: אפשר איז דאָס וואָרט פאַרגרייזט פון פוילישן
= GLINIANY = ליימענע, פון ליים: ערדענע כלים
האָט מען אויך גערופן ליימענע כלים, ביי אונדז
(וואַלין) אויך געהערט "גליניאַקעס".

גיג(ע)לניק - דער, =ס. (שש? רעג, פוילן?)

וועגן עמעצן/עפּעס וואָס איז אומגעהייער גרויס,

113 צעוואַקסן, ריזיק. % אַ גוי א גיגלניק. א גיגלניק -

גרייכט ביזן באַלקן.

1910 " אַ מאָדנע בילד שטעלן פֿאַר די וואָלקן=קראַצערס

116 אין די געלט=און האַנדלס=געגנטן פֿון בראָדוויי,

די דיזע גיגעלניקעס פֿון ליים און אייַזן, וואָס טראָגן אין

זיך דעם אַמעריקאַנער ביזנעסגייסט". ראָזענפֿעלד, 6, 300.

ג י ג ע פ ל - <u>דער, =ען.</u> <u>(איר)</u> וועגן <u>אַ</u> גדזמאדיק אויסגעפּוצטן מענטשן |<u>סטוטש 529</u>|; פֿראַנט, דענדי.

(?נ?) ג י ג ר אָ מ ע ט ע ר - דער, =ס. מכשיר צו מעסטן די פֿײַכטקייט פֿון דער אַטמאָספֿער.

ג י ד I – דער, =ים/ =ין. (לל) 1. אָדער, שפּאַנאַדער.

... " אַט שטייט ער פֿאַר דיר אַ פּאַרטיקער – אַ בינדל

121 ביינער, ארומגעפּלאָכטן מיט שס"ה גידין". מענדעלע, 22,25.

1920 " |...| דײַן גוף מיט אַלע דײַנע אבֿרים, גידים".

120 לייוויק, 7, 190.

2. (אייפֿעמ) געשלעכטגליד פֿון אַ זכר.

1943 " אויף אַ פּוסטן פּלאַץ – אַ מאַנספֿאַרשוין, ניט ייִדיש

קאנק געקליידט |...| אין לאַנגע שטיוול מיט לאַקירטע כאָלעוועס,

|...| אין האַנט – אַן אָקסישן גיד |...|". נסתר, 5, 45.

1953 " באַפֿרוכפּערונג ברענגט גאָטס אָקס, דער געטרײַער,//

124 זעט זעט זײַנע נאָזלעכער,// זעט זײַן גיד". איגנאַטאָוו,

1, 435.

0 גיד=הנשה |האנאשע| - שפּרינגאָדער וואָס געפינט זיך
אין דער דיך פֿון מענטש און בהמה.

ער איז דעם גיד=הנשהס אייניקל - (איר) וועגן
איינעם וואָס האַלט זיך פֿאַר אַ מיוחס.

מע האט אים אנגעטראָטן אויפֿן גיד - (ווו.לג) וועגן
עמעצן וואָס איז שטאַרק אויפֿגעבראַכט.

ם גיד.

.2 <---

1717 " |...| שמיר אויף דעם בראָך טעקסי פעט |...|
אונ' מוז זיך היטן דז פון דען פעט נ(י)ט אן לעכלכן 123
פון דען גיד קומט". ס' החיים [!], דף תע"ז.

גיד II - דער, =ן. וועגווייזער, מדריך. FR: Guide

1934 "ס'איז בריוסאוו זיין אפגאט און רבי,// זבין

122 מדריך, זיין מעטר און גיד". פיינבערג, 2א, 17.

ג י ד ו ל |גידל| - דער, בא. (לל) 1. דאָס וואַקסן,
דאָס שפּראָצן; וווּקס. % אויף אַ זאַך וואָס זײַן גידול
איז ניט פֿון דער ערד, מאַכט מען די ברכה שהכּל|ברכות 1- 3|.

2. וווּקס, געשטעל, קערפּערלעכער געבוי. % דאָס מיידל
האָט אַ שיינעם גידול - הויך, שטאַלטנע.
1945 "האָט אבֿרהמל אָפּגעמאָסטן דעם גידול פֿון טאַטן און
זײַנע אייגענע נײַנצן יאָר". באַריישאַ, 3, 329. 126

3. (איר) וועגן אַ הויכן, צעוואַקסענעם מענטשן.
1920 " אָן זיצט ער אַ זאַ גידול". לייוויק, 7, 73. 125
1938 " אַ גידול אַ בחור, הויך און גרויס, ווי עוג 129
מלך הבשן". שניאור, 3, 31.

4. האָדעוואַניע, דאָס אויפֿצִיִען, אויפֿברענגען (ס׳רובֿ
וועגן קינדער).

1963 "שפּראַך און קולטור |...| פֿאַרלאַנגען אַ |...| ליבעפֿולן
גידול, ביז די קרעפֿטיקן אײַן זייערע וואָרצלען 127
אין באָדן". זשיטלאָווסקי, ציט פֿער 1, נאָוו׳ = דעצ׳.

|| גידולניק |גידלניק| - דער, =עס. 1. (איר)
דזוו גידול, ב 3.

1872 " וואָלט איר זען אַ ביסל אַ גידולניק |טעקסט:
גידעלניק| אויסגעוואַקסן אויף קורצע יאָר". דיק, 58, 23. 137

2. (פֿעיִא) דערצויגלינג, אויפֿגעכאָוועטער. % דער
גידולניק זײַנער וואַקסט אַן אויסוואָרף, שלאָגט די
קינדער.

0 גידול=בנים |גידל=באָנים| - דער, בא. דאָס אויפֿהאָדעווען, אויפֿציִען קינדער.

... " שווער דער צער פֿון גידול=בנים - ערגער איז נאָך אַן אים". שטיינבארג, משלים. (ברושי)

... " אָט איז דער גידול=בנים! כ'האָב אויסגעהאָדעוועט, אָפּנים אויף ביין ווהנדער". ר' מרדכילע, משלים. (ברושי)

צער=גידול=בנים | צאַר... | - די שוועריקייטן און יסורים פֿון אויסהאָדעווען קינדער.

1914 " איידער האָבן אַזאַ צער=גידול=בנים פֿון טעכטער, |...| איז נישט גלײַכער טויזנט מאָל ליגן אין דר'ערד און באַקן בייגל?". שלום=עליכם; 27, 204. 130

ג י ד ו ף |גידעף| - דער, =ים. |ס׳רוב געניצט אין מצ|.

(לל) זידלעריי, באַליידיקונג, לעסטערונג.

% ער איז אים באַפֿאַלן מיט קללות און גידופֿים, וואָס

מע קען פֿאַרן מויל ניט ברענגען.

גיי ד ז - דער, =עס. "אַ סענק/סוק אין אַ בוים, אין אַ ברעט"|קטור|.

ג י ד ( ע ) ל נ י ק - ---> גידול(ניק).

ג י ה נ ו ם |גע(הע)נעם| - דאָס/דער, =ס (זן).

1. לויט דער מסורה, דאָס אָרט אויף "יענער וועלט", ווו די זינדיקע קומען אָפּ זייער שטראָף דורך פֿאַרשיידענע פּייניקונגען, ווי דורך ברענען אין פֿײַער א"א.

1843 " |...| טרייפֿינער אפיקורס וואַרט! |...| אין גיהנם ווערסט דיא אויך נישט האבן ריא". פֿישלזאהן,49,1. 183

1893 " |...| וואָס מער זי ציטערט און ווערט בלייכער - פֿעסטער און ראַשער ווערט זײַן קול: - גיהנום! פֿײַער! הענגען אויף דער צונג! אַרבע מיתות בית=דין!".

פּרץ, דערצ׳ "א כעס פון א יידענע".

1910 " צו אים אין מויל אַרײַנפֿאַלן - איז ווי אין גיהנום". שלום=עליכם, 7ד, 145. 144

1929 " דער גביר איז געקומען אויף יענער וועלט,

159 האָט מען אים אָפּגעמישפּט גיהנום!". בערגמאַן, 2, 59.

1975 " זי איז מײַנע. דער מלאך=דומה האַלט שוין גרייט

קאנק די רוט. אַ מחבל אין גיהנום הייצט שוין פֿאַר איר דעם

קעסל". באַשעוויס, 6, 5.

2. (פֿיג) אָרט, סבֿיבֿה, אומשטאַנדן, אין וועלכע מע לעבט

איבער שרעקלעכע פּײַן, יסורים. % דאָס לעבן אין

געטאָ איז געווען אַ גיהנום.

1888 " וווײַטער האָט זיך שוין קלערער אַרויסגעוויזן

קאנק וואָס אַ נגידס גוטסקייט באַטײַט, באַהיט זאָל מען ווערן!

עס האָט זיך פֿאַר איר געעפֿנט גאָר אַ נײַע וועלט מיט

אַנדערע מיני קרענקונגען - אַ וועלט מיט אַ שׂטן, מיט

אַ גיהנום און אַ קאָכעניש, פֿײַער און שוועבל |...|".

מענדעלע, 3, 13.

1907 " פֿון דער ערשטער מינוט, וואָס מיר זענען געקומען קאנק
קיין לאָנדאָן, האָט מײַן שוועגערין ברכה געוואָרפֿן
אַן אומ=חן אויף דער שטאָט - ספּנות! ס'איז דען אַ שטאָט? -
זאָגט זי. - ס'איז נישט קיין שטאָט, ס'איז אַ גיהנום!".
שלום=עליכם, 8א, 284 - 285.

1968 " דעם ערגסטן גהנום האָט ער אין שטוב גופֿא. די קאנק
פֿלוניתטע זיצט אַ בלייך פֿאַרפֿאָרענע און שטומט, די
טאָכטער קומט אַרײַן צום עסן מיט רויט פֿאַרווייינטע
אויגן, זי שעמט זיך ווײַזן אין דרויסן |...|".
גראַדע, 7, 160.

3. (פֿיג) דאָס איבערלעבן שטורמישע געפֿילן, מאָראַלישע יסורים.

1864 " דער קאָפּ ווערט אים שיער נישט צעזעצט, עס ברענט קאנק
אין אים אַ גיהנום, אַ העליש פֿײַער, עפּעס איז אים ענג
די וועלט |...|". מענדעלע, 12, 142.

1975 " ער האָט געהאַט אַ ווײַב, ציפּע, און אין דער
ציפּען האָט געברענט אַ פֿײַער פֿון **גיהנום**. |...| זי
האָט אַלע ווײַבער חושד געווען, אַז זיי ווילן צונעמען
איר מאַן. אים אַליין האָט זי געשאָלטן מיט טויטע קללות".
באַשעווים, 6, 226. קאנק

4. (פֿיג) ביטערע מחלוקת, רײַסערײַ, סקאַנדאַל.
% אין שטוב בײַ אים איז אַ **גיהנום** - נאָר מע זידלט
זיך, מע קריגט זיך, מע שלאָגט זיך.

5. (פֿיג) גרויסע היץ, חמימה.

1916 " די בעסטע צײַט פֿאַר אונדזערע ביזנעס איז זומער,
אין די הייסע טעג. זומער איז אין ניו=יאָרק אַן אמתער
**גיהנום**". שלום=עליכם, 8ב, 175. קאנק

1943 " דער טאָג איז הייס . מע פּילט, אַז אויף שפּעטער
קאנק שטעלט זיך אַ גיהנום". נסתר, 5, 282.

|| גיהנומדיק |גע(הע)נעמדיק| - אַדי/ אַדוו.
ווי פון/אין גיהנום.

1961 " פֿײַערן פֿון די שׂריפֿות האָבן גיהנומדיק באַלויכטן
212 די ליידיקע טויטע שטאָט". י. כּאַראַק, יזב 13, 107.

גיהנומניק |גע(הע́)נעמניק| - דער, =עס. איינער וואָס
איז אין גיהנום אָדער אַזאַ וואָס פֿאַרדינט די שטראָף
פֿון גיהנום.

1959 " |...| ווי אַזוי אַ גיהנומניק דאַרף זיך אויפֿפֿירן".
215 ליוויק, 13, 104.

גיהנומ(י)ש - אדי/אדוו. דזוו גיהנומדיק.

1944 " די מלאכי=חבלה באַלעקן זיך שוין פֿון גרויס תענוג
קאנק אַרויפֿצוכאַפּן אויף זייערע לאַפּעטעס אַ זינדיקן רבֿ און מיט
אים לערנען דעם אמתן גיהנומשן בלק". טרונק, 3, 216.

1971 " מע האָט שוין באַשריבן |דאָס| גיהנום; און ניט קיין
213 אַנדערער האָט געשאַפֿן אַ קונסטווערק, אַ גיהנומיש, ווי
דער מלכותדיקער דאַנטע". שטיינמאַן, 1, 25.

0 גיהנום=שמש |...=שאַמעס| - 1. איינער פֿון די אויפֿזעער
איך גיהנום.

2. (פֿיג, איר) וועגן אַ זייער שטרענגן שומר.

1915 " פֿאַרגעסט זשע ניט דעם זיי=געזונט און קומט שבת,
214 |...| נאָר גייט גלייך, פֿרעגט ניט קיינעם, קוקט ניט
אויף דעם גיהנום=שמש". שלום=עליכם, 15, 222.

3. צונאָמען פֿאַר אַ באַגרעבער, אַ קבֿרות=מאַן.

1935 " אַלע מאָל איז אַן אַנדער הויז |איז| אַוועקגעפֿאַלן אַן עופּעלע |...| . וואָלעכל דער גיהנום=שמש איז ווידער אומגעגאַנגען מיט זײַן שוואַרץ קעסטל". באַשעוויס, 1, 151. קאַנק

ℒ פֿפֿ: ברענען ווי אין גיהנום. הייס ווי אין גיהנום.

ער איז דורכגעגאַנגען (אַלע) שבֿעה מדורי=גהינום |שיווע מאָדוריי" געצנעם| - וועגן איינעם וואָס האָט זיך אַ סך אָנגעליטן, געהאַט פֿאַרשיידענע ביטערע איבערלעבונגען.

שוו: שבת האָט אַפֿילו דער רשע אין גיהנום אויך רו.

בעסער מיט אַ חכם אין גיהנום ווי מיט אַ נאַר אין גן=עדן.

דאָס גיהנום איז ניט אַזוי שלעכט, ווי דאָס קומען צו אים.

צען מײַל פֿון אַדעס ברענט דער גיהנום [אַדעס האָט געגאָלטן
פֿאַר אַן אָרט פֿון אַפּיקורסים].

ם

## גיהנם/גהינם.

---> 1.

| XV | י"ה | " רפאים – די טוטן, ל׳ מתים, פירוש בני גהינם".

180 רייכלין 8, משלי, כא – טז.

1676 " |...| אונ׳ ביט איך דז איר וועלט אויף זיכטיג

167 יין מיט זולכן זכין |עניני נידה וטבילה| דז איר איך
אונ׳ אייערי מאן ניט ור אונריינקט אונ׳ בהויט איך
ור דען גיהנם". ברנט שפיגל, פרק לג.

1723 " דען די בהמה קומט ניט אין דז גיהנם אונ דר מענש
193 קומט יוא אריין". לב טוב, 2, א – ב.

ג י ה נ ו מ ע ן |גע(הע)נעמען| - אוטוו, פּפּ געגיהנומט [געגינומט].

וואָס: דאָס גיהנומען. ברענען, בראָטן, שרפֿען.

(1.) % די זון האָט געגיהנומט.

2. זײַן שטאַרק אין כּעס, קאָכן זיך, היצן זיך.

% ער האָט ניט אויפֿגעהערט צו גיהנומען אויף די שותּפֿים, הלמאַי זיי האָבן ביליק פֿאַרקויפֿט די סחורה.

ג י ו ו ע ט ש - דער, |בא?|. (רעג, רומעניע)

" אַ מאכל געקאָכט פֿון אַלערליי געמיזע צוזאַמען"|קטוו|. 226

רעד: ווי אַזוי איז דער אַקצענט? איז עס סתּם אַ רומעניש
וואָרט?

ג י וו ע נ י מ ע ס —|דער? דאָ?| . * (רעג, זאמעט)

237

" אַן אייגענע דירה, אַ שטיקל בעל=הבתישקייט, אויך

אַן אופֿן לעבן". %איך האָב שוין, ברוך השם, אַן

אייגענעם גיוועניעמס". |י.מארק, פֿער 106, 467|.

מיאוס ווי יורקעס גיוועניעמס.

Lit. gyvẽnimas [דערלעבן]

(?נ?) ג י ו כ ט ר[ם] - |דער?| דזוו גייכט.

1728 " איז דער שתן גרין, זוא ביקומט ער גיוכטר".

218 סגולות ורפואות, דף י"ח - ז.

ג י ו ר |גיער| - דער, בא. דאָס אַריינברענגען אַ
ניט=ייד אין יידישן גלויבן, אויך די געהעריקע
צערעמאָניעס דערביי. % דער גיור איז פֿאָרגעקומען
לויט דער הלכה.

1971 " דער גאַנצער באַגריף פֿון גיור איז אַ ריין
רעליגיעזער, הלכהשער באַגריף". ג. יאקאבסאָן, 221
פֿער 69, VI/22.

0 גיור=להומרא |...= לעכומרע| - דאָס אָפּהיטן אַלע
שווערע דינים פֿון דער הלכה ביים גיור.

גיור=לקולא |...= לעקולע| - פֿאַרגרינגערטער אויספֿן
פֿון מגייר זיין.

ג י ו ר ת |גיִיוירעס| - די, =ות. ווע צו גר,

אַ ניט=ייִדישע פֿרוי, וואָס האָט אָנגענומען דעם ייִדישן גלויבן; גרטע. % זי איז טאַקע אַ גיורת, אָבער היט זייער אָפּ ייִדישקייט.

1868 " איין כהן גדול מוז נעמען נאָר איינע ייִדישע טאָכטער, אָבער קיינע גיורת". דיק, 33, 54. 224

ג י ר ת - -----> גאיעס/גייעס.

(?נ?)     ג י ז ב ר |גיזבאַר| - דער, =ים. ~~|גיזבאַרטעס|~~:
(רעג, ישׂראל) קאַסירער.

(?נ?) ג י ז ר ה |גיזרע| - <u>די, =ות.</u> (<u>לל</u>) אין דיקדוק פֿון

לשון=קודש - די ווערטער, וואָס זייערע וואָרצלען

זײַנען ענלעך אין געבוי און האָבן די זעלבע נקודות.

% די <u>גיזרה</u> פֿון פ"א (אהב, אכל).

ג י ט - פֿאָרמע פֿון װערב גע<u>בן</u>: 1. !!! פֿערזאָן אצ איצט' צײַט, אינדיקאַטיװ. % דער טאַטע <u>גיט</u> דעם קינד אַ מתּנה.

2. !! פֿערזאָן <u>מצ</u> איצט' צײַט, אינדיקאַטיװ. % איר <u>גיט</u> מיר ניט די סחורה, װאָס איך װיל.

3. !! פֿערזאָן 3מ אימפּעראַטיװ. % זײַט אַזױ גוט, <u>גיט</u> מיר דאָס זאַלצמעסטל!

(?נ?) ם גיטאבירץ - בנב.

|1689?| " השדרות - דאז גיטאבירץ". באר משה,

238 מלכים ב, יא - ח.

רעד: תי טײטשט: אל השדרות - אין די רײען.

(?נ?) ג י ט אַ נ א - די, =ס. ציגײַנערקע.

1936 " די וועלט האָט נאָך אַ סך שעהען, אַ סך ווײַן,
239 אַ סך גיטאַנאָס". נאדיר, 9, 82.

רעד: מסופּק, צי דאָס וואָרט האָט עמעצער געניצט, חוץ
נאַדירן דאָ. אין שפּאַניש איז טאַקע דאָ דאָס וואָרט,
אָבער מע רעדט עס אַרויס: כיטאַנאָ.
ציגײַנער - *Gitano*, ציגײַנערקע - *Gitana*.

ג י ט אַ ר(ע) - <u>די, =ס.</u> מוזיק=אינסטרומענט מיט 6 אָדער
7 סטרונעס, וואָס ווערן בײַם שפּילן גערירט (געשטשיפּעט)
מיט די פֿינגער, דאָס רעזאָנאַנס=קעסטל האָט ס'רוב די
פֿאָרעם פֿון אַן 8, מיט אַ לאַנגן גריף.

1869 " |...| געפֿאָרן קיין פּאַריז און האָט אײַנגעהאַנדלט
|...| באַרבאַנטער שפּיצן, אײנע טײַערע <u>גיטאַרע</u>, 254
<u>אַ</u> שיינעם בראָנזעלעט". <u>דיק, 47, 24</u>.

1907 " |...| אַבי ס'איז, דאַנקען גאָט, דאָ אַ <u>גיטאַרע</u>,
|...| דער פּאָסטעקראַט ברעמזעט אויף איר". 253
<u>שלום=עליכם, 15, 139</u>.

1974 " מע האָט געשפּילט אויף <u>גיטאַרעס</u> און מאַנדאַלינעס
|...|". <u>עלבערג, 2, 343</u>. 252

|| גיטאריסט - דער, =ן. דער וואָס שפּילט אויף אַ גיטאַרע.

גיטאַריש - אַדי/אַדוו. (ווי) פֿון אַ גיטאַרע.

גי - 61

ג י ט אַ ר ע - ב ר ע ט ל - <u>דאָס, =ער.</u> (<u>שנײַדערײַ</u>)

ברעטל פֿון אַ ספּעציעלער פֿאָרעם צום פּרעסן |<u>סטוטש 526</u>|.

(פֿר: האָט עס אַ שײַכות מיט גיטאַרע, דעם אינסטרומענט?)

רעד: חוץ דעם זוכוואָרט איז אויפֿן קאַרטל ניטאָ גאָרניט.
בײַ סטוטשקאָוון ניטאָ.

ג י ט ו נ ג – די, =ען. (שנש) דאָס טאָן גוטס.

1965 " ס׳איז יעדער רחמים – מײַן קישן,// יעדער

גיטונג – מײַן זיג". מאָלאָדאָווסקי, 3, 22. 263

---

רעד: ניט זיכער אין אויסטײַטש, נייטיק אַ גרעסערער

קאָנטעקסט.

---

ג י ט י ן - <u>די, בא.</u> (לל) נאָמען פֿון דער זעקסטער
מסכתא אין סדר נשים פֿון משניות, באַהאַנדלט די דינים
פֿון גטן זיך. |אין דער מסכתא זײַנען אויך דאָ
באַשרײַבונגען פֿון חורבן בית שני און אַנדערע מעשיות.|

גיטיק – אדי/אדוו. (עלט) גוטגינציק, גוטווייליק, לײַטזעליק.

1866 " דעם קייסער איז געפֿעליק געווען זײַ גיטיק
אויפֿצונעמען". פֿער 177, נ׳ 14. 278

1876 " זאָל דער רבי אַזוי גיטיק |...|". ברעגאַווסקי, 1, 11. 274

|| גיטיקייט – די, בא. (עלט) גוטסקייט, גוטגינציקייט, לײַטזעליקייט.

1969 " וועלן זיי דאָס געדענקען און פֿאַרשרײַבן אויפֿן
חשבון פֿון צאַר=באַטיושקאַס גיטיקייט". ב. רעסלער, 281
פֿער 69, XI/15.

גיטיקס - באמערקוואָרט, באטייט: זייַט אַזוי גוט, איך
בעט אייַך, ביטע.

1937 " עסן זי, גיטיקס, רוקט אים צו שייגדל דאָס
267 טעלערל מיט אויפּס". פּערלע, 2, 86.

גיטיג. ם

1686 " איך דעם וואר דער ביטריבט אם קומן// אונ׳
275 גרישט זיא אלי ביידי גאר גיטיג אונ׳ שטיל".
ס׳ משלים, דף מא - ז.

1734 " איך ווינשונג דער גיטיגה גאט וואל, זיינר
277 פעטערליכה זעגין |...| דא צו פור לעהנן".
לשון זהב, דף 22.

|| גיטאקייט.

1668 " דו האשט דר שאפן אונז מיט דיינן גינאדן אונ׳

מיט דיינר גיטיקייט דער גרושן". יוסיפון, 3, דף רמב-II. 280

1739 " גיוועלטיג אן פעלקר אונ׳ פיהרי דיינה הערשאפט

איבר זיא דורך דיינה גיטיגקייט קיגן זיא |...|". 282

ס׳ מבחר הפנינים, דף י"ט - I.

גיטיגליך - דזוו גיטיק.

1610 " דא שפראך יצחק דאן שטים איז יעקב דארום דז ער

דא גיטיגליך רעט אודר דיא הענד זיין עשו". 283

טייטש=חומש, בראשית, כז - כב.

1701 " דאז טעט אליהו הנביא דרום דאז זיא זאלטן
גידענקן זיך עז זיין נאך ארמר לייט איין עולם אז מיר 285
זיין און' זולט ער <u>גיטיגליך</u> אויף נעמן". <u>מעשה=בוך</u>,
<u>מעשה ס"ט</u>.

(?נ?) ם |גיטיקן| ג י ט י ג ן - טרוו. אנגעמען פֿאַר גוט, באַגיטיקן.

|?1685| " אזו האט דער רב אים ווידר גיפראגט איז דען ממשות אן דיא שמות הטומאה צו איבלן אודר צו גיטיגן".

דרך הישר |...|, דף יז - !!.

(?נ?)    ג י ט ל  - אַ יידישער פרויען=נאָמען.

ס׳וועט זיין גיטל - (שפּאַסיק) ס׳וועט זיין גוט.

אלע שיינעלעך זיינען מיאוס, אלע גיטעלעך זיינען שלעכט און אלע זיסעלעך זיינען ביטער - דער נאָמען פון מענטשן זאָגט נאָך גאָרניט, ווען זיין באַרעכטיקטע ידיעה אויפֿזען.

גיטלעך - <u>אַדי/אַדוו.</u> (<u>עלט</u>) אויף אַ גוטן אופֿן,
מיט גוטן, פֿרײַנדלעך.

1870 " מיר וועלן לעת=עתה אים פֿאַרשווינען, ווײַל עס
האָט געהאַלטן בײַ אַ פֿאַרגלײַך, אפֿשר וועלן זיי מיט 300
אים <u>גיטלעך</u> פֿערטיק ווערן". <u>צעדערבוים, 1, 30.</u>

1883 " דער קיניג האָט געשיקט צוויי פּאָסלאַניקעס
[=שליחים; רוסיש] צום פֿראַנצויזישן געזאַנדטן זאָגן, 301
אַז ער וויל זיך אויסגלײַכן מיט פֿראַנקרײַך אויף |אַ|
<u>גיטלעכן</u> וועג". <u>פֿער 74, נ' 22, ז' 337.</u>

| XVי"ה| " ער |אחשורוש| אנטפֿאַנג אין |מרדכין|
<u>גוטלעך</u>". <u>מגילה-ליד, שורה 1367.</u> 295

1602 " |...| דו הושט גיקעשטיגט מיך אונ׳ [illegible]

[illegible]רופט אונ׳ איך דייך שטרוף גיטליך אויף נעם". 298

ס׳ ירמיה, לא - יז.

ג י ט ע ר ! - די. מצ פון סוב גוט (פאַרמעגן,
מאַיאָנטעק, פּאָסעסיע).

1836 " האָט אים אַוועק גיגעבין העלפט פון אלע זיינע
גיטער |...|". איבּ אַנ, מעשה טאביא. 326

1872 " דו וועסט דאָ געפינען אַ רייסטער פון יידישע און
פריצישע נעלמים פון ביעגלע |=אַנטלאָפענע| סאָלדאַטן 322
וואָס זייַנען פּאַנשטשיזניקעס |=לייַב=אייגענע| איך
די אַרומיקע גיטער". דיק, 58, 24.

1920 " איינער אַן אויפגעקומענער מלחמה=גבֿיר האָט
ניט געהאַט ווו. אַהינצוטאָן זייַנע מיליאָנען, האָט 323
ער צו ערשט געקויפט הייַזער, גיטער |...|".
סעגאַלאָוויטש, 5, 37.

1944 " די סאָניקער גיטער האָבן געהערט צו אַ גרויסן

קאנק פּוילישן מאַגנאַט, פּירשט סאַפּיעהאַ". טרונק, 3, 18.

מלך אביונס גיטער - (שלש) וועגן אַן אָרעמער געגנט, שטאָט, אויך וועגן אַ פאַרוואָרפענער געגנט, אַ העק.

1975 " איך שטאַם פון יאָנעוו, נישט ווייַט פון זאַמאָשטש,

קאנק מ'רופט עס דעם מלך אביונס גיטער, ווייַל ס'איז

דאָרט דאָ וויניק נגידים". באַשעוויס, 6, 48.

ם גיטר

1626 " איך וויל טיילן צו ישראל איין טייל אין די גיטר

329 פון אירי פיינד |...|". ס' המגיד, תהילים, ס - ח.

גיטער !! – דאָס, =ס. פּפֿ געגיטער. (עלט) צוים פֿון קראַטן, שטאַכעטן.

1866 " די מאַרמאָרנע שטיינער פֿון דעם פֿוסבאָדן (פּאָל) און דאָס אײַזערנע גיטער האָט מען אויף שטיקלעך צעברעקלט". פּער 177, נ' 28, ז' 433. 333

1871 " |...| אַלע |...| וואָס האָבן אײַנגעריכט אַ ביטשריפֿט |...| צום קיניג, שטעלן זיך אויף מאָרגן |...| אַרום דעם אײַזערנעם גיטער (אַרום דעם צוים פֿון אײַזערנע שטאַכעטקעס) וואָס איז אַרום דעם דוואָרעץ |=פּאַלאַץ; רוסיש) און שרײַען, וויינען, קלאָגן". דיק, 50, 35.

1743 " אונ' אל זייני <u>גיטר</u> זאלן פֿר דען קיניג פֿר
פֿאלין זיין". <u>שארית ישראל, דף לא - T!.</u> 331

גיי - דער, בא. 1. (ווס) דאָס גייִן, דער גאַנג.

1939-1937 "פֿון וואַנען איז מײַן קום, //דווהין מײַן גיי?".

447 סוצקעווער, 3, 155.

1970 "באַהימלט מײַן גיי |...|". (אהרן) צייטלין, 7, 247. 344

2. הויפּטייל אין דער פֿאָרמע פֿון מאָמענטאַלן אַספּעקט פֿון ווערב "גייִן": טאָן א גיי, געבן א גיי.

ג י י א י ק - ------> גייזק.

(?נ?)   גיִגע – די, מצ גיִיגן. (עלט? דטשמ?) פֿידל.

1872 "דער |יובֿל| וואַר דער ערשטער דער דאָ מאַכט

358 האַרפֿן און גייגן". צאינה וראינה, 3, בראשית.

ם
גייגע.

360 |XV| י"ה| " וכינור – אונ׳ גיגן". רייכלין 8, תהילים, קנ–ג.

1602 " אונ׳ דוד אונ׳ אל גיזקדא ישראל זי שפילטן

355 |...| מיט אלרלייא פֿפֿייפֿן אונ׳ גייגן |...|".

טייטש=חומש, ויקרא, הפטורה, שמו״ל ב׳, ו – ה.

1722 " אונ׳ דיא לויים האבן גשפילט מיט הארפֿפֿן

354 אונ׳ גייגן אונ׳ פּויקן |...|". מנורת המאור,

דף קל"ב – ב.

ג יי ג ע ס — די, מצ. (שש, ביטול) "אויגן".

% " געקוקט, געקוקט מיט די "גייגעס"|קטוו|.

..................................................................

רעד: דער בײַשפּיל (ציטאַטע?) איז פֿון קאַרטל און במילא דער אויסטײַטש לויטן קאָנטעקסט פֿון בײַשפּיל. אונטן איז אויפֿן קאַרטל אָנגעגעבן "בערג". זאָל עס זײַן אַ ציטאַטע פֿון בערגעלסאָנען? פֿון וואַנען?

אַגבֿ: גייגעס? גײַגעס?

..................................................................

(?נ?) ג יי ג ע ר = צ יי ל ע ר - דער, =ס. (פיזיק)

אפאראט צו מעסטן די ראדיאציע.

ג יי ד אַ ק ע ס - די, מצ. (רעג. ווו.?) קאַרטאָפל

|סטוטש 258|.

(?נ?)   ם גיידן – פֿראַוועון שׂימחות, פֿרייען זיך, הוליען.

1648 " כלי בית האבן מיר פֿר קויפֿט צו גרוש נוט//

365 ניט ויל האבן מיר גיטן מיט גיידן". מגילת ווינץ,ז' 6.

........................................................

| רעד: דעם אויסטייטש געגעבן לויטן קאַרטל. דאָרט איז |
| אויך דאָ:   mhd: giude |

........................................................

(?נ?) ג יי ד ע ר ל - פּקפּ פֿון גוידער.

1962 " וואָס דען האָט איר געוואָלט? ער זאָל קומען פֿון דער מלחמה מיט אַ פֿלוסטערל, מיט אַ גיידערל, מיט אַ קײַלעכיק בײַכל?". א. שעכטמאַן, פֿער 131, ער 1, ז' 36. 368

רעד: כ'מיין, אַז ס'איז פּשוט די ליטוואַקישע אויסשפּראַך פֿון גוידערל, און ניט קיין באַזונדערע פֿאָרמע מיט אַ קלאַנגענבײַט.

ג יי וו ע ג - <u>דער, =ן.</u> טראָטואַר |<u>סטוטש 178</u>|.

(?נ?) ג יי = וו ע ג ע ל ע - ----> גאנג=וועגעלע.

ג יי וו ע ר - ----> גאוועער.

ג יי ו ר ע ר ן - -----> גאוורען.

ג יי וו ע ר ק - דאס, =ך. " דער רעדער=מעכאַניזם
איך אַ זייגער"|קטור|.

(?נ?)   ג יי ו נ ג   - <u>די, =ען</u>. (<u>עלט</u>) דאָס גיין, דער גאַנג.

1941   " ראו הליכותיך אלהים - מע קוקט צו דיינע

379   <u>גייונגען</u>, גאָט". <u>תרגום יהואש, תהילים, סח - 25</u>.

<u>רעד</u>: אפשר געבן צו "גייין"?

פֿפֿ גוט, גוש.

(?נ?) גיין - די, =ן. (עלט) ציג.

1872 " זיי זיינען געזעסן אין דער היים און האבן
געהערט ווי איר שאף און גייזן שרייען אין איר שטאל".
צאינה וראינה, 3, בשלח.

ם
גייז.

1783 " אונ' זי נאם איין גייז בעקליין אונ מאכט
דארויז גוטי גקעכטס |...|". תם וישר, דף יא - ד! 381

0 גייזן מילך.

1743 " דען גיבט מן אים צום ערשטן צו טרינקן וואשר
דש גקאכט איז מיט דש בעשטי פֿייני מעל פֿון ווייצן 382/א
אודר זעמל מעל גקאכט אין גייזן מילך".
יוסיפון, 4, דף רי"ז.

ג ײ ז ע ר – דער, =ן. הײסער װאַסערקװאַל, װאָס שפּריצט אַרױס פֿון צײַט צו צײַט פֿאָנטאַנען אין דער הױך; די גײזערן געפֿינען זיך ס׳רובֿ אין װוּלקאַנישע געגנטן.

1894 " עס געפֿינען זיך אין ים |?!| שטײנערנע בערג,
387/א װאָס שפּריצן פֿון זיך נאָר װאַרעמע װאַסער, זײ הײסן גײזערבערג". איבז דאַץ, 1, 3.

1936 " עס צײַטיקט אַ בענקשאַפֿט, זי ברענט און באַגערט,
382 // װי אַ גײזער פֿון אונטער דער בראָנדזענער ערד".
סוצקעװער, 3, 38.

(?נ?)　ג יי ט ל ם - דער, ען, בײַטש?

... " |...| ווער ער דאך גערין העכיר גישטיגין

אונ׳ העט זער גערין זיין חזיר גייטל אודר פֿייטש　384/א

מיט דען שולטיס שטאב פֿארטוישטי". שילדבורגר

זעלצאמי |...|, ציט אווע !!!, 481.

(?נ?) ג יי ט ר ע פֿ - <u>מצ, די.</u> (<u>נש</u>) עסקאַלאַטאָר.

גייַק - אַדי. וואָס איז זייער אָנגענומען, וואָס ווערט אַ סך גענוצט, געקויפֿט; (דטשמ) גאַנגבאַר.

% דאָס איז אַ גייַקע סחורה, אַלע קויפֿן עס.

1939 " אַן אויסדרוק, וואָס איז מסתמא אויפֿגעקומען ביַי סופֿרים, איז געוואָרן אַ גייַק ווערטל ביַי אַלע יידן". ווייַנרייך, 4, 246. 350

1969 " איז ניט מייַן ווי רעכט מחיה=מתים צו זייַן | דאָס וואָרט | ׳וואָזנע׳, וואָס אין 16טן י"ה איז עס געווען אַ גייַק וואָרט". מ. שעכטער, פֿער 38, נ׳ 66, ז׳ 241. 349

(?נ?) ם ג יי כ ט - |דאס?|. פֿאַדאַגרע (אַנצינדונג אין די
געלענקען).

XV| י"ה| " יואב אונ' דיא זיינן מושן אויף דיזר ערדן
437 // אין אירן זוינדן רינן אונ' מצורע ווערדן.//
דש גייכט אין ביינן מוש אין נוימר בר גון".
שמואל=בוך, סטר' 952.

1725 " |...| איז קומן איין קללה דז ה"ו דיא קלייני
436 קינדר ביקומן דז רוב חולי הנכפה |...| אונ גייכט
חולאת". תקוני מועדים, דף כד - !!.

(?נ?) ם ג יי ל י ן - ~~ווערב.~~ אויטן. זײַן זשעדנע, געריק,

1676 " אונ׳ דש זי עשין מיט דער מאש אונ׳ טרינקין

441 ניט צו פיל, אונ׳ דש זיא ניט זולן גיילין

אונ׳ זולן זיך אל צייט בנויגן לושן וואש מן אין

גיבט". ברנט שפיגל, פרק מג.

ג יי ל ע = ז ע ל ב ל - דאס, =עך. "פאַרמאַצעוטיש אַרטיקל,

לאַטייניש: "Unguentum pp. flavi" |קטורו|. 442

רעד: אפשר דאַרף מען ~~[illegible]~~ לייענען: "געלע"....?

2096

(?נ?) גיים - דער, =ען. (אַמ) שפּיל, פּאַרטיע אין אַ שפּיל.

| 1926 - 1931| " |...| דאָס האָבן זיי געפּרעגט,

443 וואָס פֿאַר אַ פּאַרטיע האָט געוווּנען דעם "בייזבאָל=גיים".

אפּאַטאַשו, 6, 20.

|| גיימקע - די, =ס. פּקפּ פֿון גיים |סטוטש 516|.

445 ג יי מ ע ן – | טרוו? | " בוצקען (זיך) "|קטוו|.

גיין — אומוו, פֿאר געגאנגען (דיאל: געגאַן), פּץ מיט זײַן (דיאל, ביאַליסטאָקער געגנט: האָט געגאַנגען); און !!! פֿערזאָן איצטיקע צײַט: גייען; גערונדיוו: גײיענדיק; ווס: דער גיי; דאָס גיין.

1. באַוועגן זיך, איבעררוקן זיך אין אָרט, אין שטח, געשפּרייט.

א) ~~דורך~~ באַוועגן די פֿיס (בײַ מענטשן, פֿיסיקע בעלי=חיים).

% גיין גיך. גיין פּאַמעלעך. גיין טריט בײַ טריט.

די קינדער גייען פּאָרווײַז. מע גייט אויף די שפּיץ פֿינגער, ניט אויפֿצוּוועקן דעם קראַנקן.

1836 " דאָס נייטן אַ קינד צו פּרוּוען אָנפֿאַנגען צו גיין אדער שטיין מאַכט דאָס שוואַכקייט און אויסקרומונג פֿון די פֿיס". בערלאַנט, 1, 59.

774

1875 " קומט אום אויס אַריבערגיין אַ בריק, הייסט מען

1991 צאָלן אָדער <u>גיין</u> צוריק". <u>מענדעלע, 10, 141.</u>

1892 " נעכטן, אַז דאָס גאָלד איז געווען אין די פֿעסעלעך,

1779 <u>זענען</u> די פֿערדגאַנץ שווער <u>געגאַנגען</u>, הײַנט אָבער לויפֿן

גאָר די פֿערד, אַז די פֿערד לויפֿן, איז שוין |קיין|

גאָלד ניטאָ". <u>פּלאי, 2, 33.</u>

1909 " קיין מענטש איז נישט אימשטאַנד מיט נפֿתלין

1005 צו <u>גיין</u> און נישט בלײַבן פֿון הינטן". <u>שלום=עליכם,</u>

<u>7א, 225.</u>

1930 " |...| בשעת דער בוכהאַלטער <u>גייט</u>, שטעלן זיך

1080 בײַ אים די פֿיס נישט זיכער, אַזוי ווי ער וואָלט

געבלאָנדזשעט". <u>פּערלע, 1, 467.</u>

1966 " זי פּלעגט אים דערזען דורכן פֿענצטער גיין
איבער דער בלאָניע". קאָרן, 7, 47. 1078

ב) באַוועגן זיך אין אַ באַשטימטער ריכטונג, מאַרשרוט
(וועגן טראַנספּאָרט=מיטלען). % די באַן גייט אויף רעלסן.
דער אויטאָבוס גייט אַלע 15 מינוט. די טאַנקען גייען
מיט גערויש. דער עראָפּלאַן גייט אויף אַ הייך פֿון
5 קמ.

1881 " עס איז אים לײַכטער געוואָרן, ווי ער איז שוין
געזעסן אין וואַגאָן און דער צוג האָט אָנגעהויבן צו גיין". 1183
יה"ל, 1, 63.

1936 " |...| ס'גייען וואַגאָנעס געלאָדן מיט ברויט".
כאַריק, 3, 132. 955

1947 " עס <u>גייען</u> טאַנקען, עס <u>גייען</u> האַרמאַטן, די מלחמה
איך אייראָפּע |...| איז אין סאַמע ברען". 1984
<u>סעגאַלאָוויטש, 10, 25</u>.

ג) (<u>זן</u>) פֿאָרן, פֿליִען, שווימען אויף אַ טראַנספּאָרט=מיטל.
% אונדזער אויטאָ איז אַרײַן אין אַ גרויסן טראַפֿיק,
און מיר <u>גייען</u> קוים 10 קמ אַ שעה. דער קאַפּיטאַן פֿון
עראָפּלאַן מעלדעט, אַז מיר <u>גייען</u> איצט איבערן אַטלאַנטיק.
1805 " |...| אונ רופין אלי צייט שיף רידירש אונ קוים
זעגליר די דא <u>געהן</u> גאר טיף אין ים ליא מאכין שטארק
דעם בוים מיט שטארקע שטריק". <u>איבן פֿאָוויר, 1, דף נט-ו</u>.

ד) איבעררוקן זיך, אויסשפּרייטן זיך אין אַ מאַסע, שטאַרק [illegible]

(וועגן ווינט, ריח, קלאַנג אד"גל). % דער טײַך

גייט האַסטיק. די וואָלקנס גייען פֿון מיזרח=זײַט.

דער ווינט גייט פֿון מדבר. פֿון דער קיך איז געגאַנגען

אַ געשמאַקער ריח. די קולות גייען פֿון אַלע זײַטן.

אַן אײַנגענעמע וואַרעמקייט גייט פֿון אויוון.

1869 " דאָס קול פֿון דעם אומגליקלעכן ייִנגל איז געגאַנגען

עד לבֿ השמים". נ. האַכבערג, פֿער 177, נ' 45, ז' 312 - !!!. 1811

1883 " הגם דער צימעס איז אַפֿילו געווען פֿון בריקעוו,

נאָר אַ פֿאַרע איז פֿון אים געגאַנגען אַזוי ווי פֿון די 1932

גרעסטע פֿאַראָווע מאַשין". בעקערמאַן, 1, 7.

1947 " דורך אַלע דינע שטיבער די באַטעפּעכטע |...|

גייט אַזאַ טערפּקע |...| ריח". באַריישאַ, 4, 206. 1120

1965 " פֿון די טונקעלע קוימענס, וואָס סטאַרטשען אַרויס

1388 צום הימל, גייט אַ רויך". נאָטע לוריע, 5, 26.

ה) וועגן דער באַוועגונג פֿון זאַכן איבערן וואַסער.

% דאָס איז גייט. די פֿליטן זייַנען געגאַנגען מיטן

שטראָם פֿון טייַך.

1888 " אונטער אַ פּאַר=פּסח, אַ שטייגער, בשעת עס לאָזט

1687 אומעטום, עס גייט די קרײַע |...|". מענדעלע, 17.

ו) פֿליסן, גיסן, רינען, אויסשיידן זיך. % עס גייט אים

בלוט פֿון דער נאָז. דער קראַן איז פֿאַרשטאָפּט, גייט

ניט דאָס וואַסער. די סלינע גייט אים פֿון מויל.

1843 " און די תורה איז גיגלעכינט צו וואסער אזוי
1186 ווי וואסער גייט פון דער הייך אין דער נידריק אזוי
האט די תורה א קיום נאר ביי די וואס זיי האלטן זיך
נידריק". ס' שיח ספונים, 2, 18.

1887 " |...| האָט זיך פֿון דעם מת געוויזן בלוט, אָדער
2119 עס איז אים געגאַנגען שוים פֿון מויל, |...| איז דאָס
געווען דער סימן, אַז דער איז דער רוצח". ה'א'נ'ך
|א. קאַגאַן|, 1, 104.

1921 "|...| ווי אַ בלוטשטראָם גייט דער טרערנשטראָם גלייַך
1876 פֿון האַרץ". מ. ראַוויטש, 1.

1950 " פֿון יעדער ניר גייט די אורין דורך אַ רערל אַראָפּ
1084 איך אַ בלאָז(פּענכער)". פּער 152, נ' 1.

ז) פֿאַלן (װעגן אַטמאָספֿערישע אָפּזאַצן). ס'גייט אַ שטאַרקער רעגן. דער שניי איז געגאַנגען אַ גאַנצע נאַכט.

1864 " דאָס גייט נישט קיין רעגן, נאָר ברויט גייט עס". מענדעלע, 12, 103.

1911 " און דער רעגן גייט פֿויל, פּאַמעלעך, מיט דראָבנע טראָפּנס". בערל שאַפּיר, 1, 30.

1966 " |...| אויף ברוק און שטיין זאָלן רעגנס גיין". האַלקין, 4, 265.

ח) איבערגעפֿירט/איבערגעשיקט װערן (װעגן בריװ, סחורה אד"גל) % די בריװ איז געגאַנגען 8 טעג. די סחורה גייט מיט דער באַן.

2122

1936 " דער אָרץ איז געגאַנגען קיין קוניעצק דורך

2108 מאַנדי=באַש. אין מאַנדי=באַש האָט מען געבויט אַ באַרי־יכער=

פאַבריק". איבז מאַרשאַק, 1, 354.

2. (פיג) באַוועגן זיך, פאַרשפּרייטן זיך (וועגן אַבסטראַקטע

באַגריפן). % עס גייען קלאַנגען, אַז ס'וועט זיין

אַ מלחמה. דער ניגון גייט פון מויל צו מויל.

די נשמה גייט אין הימל אַרײַן.

1875 " |...| און זיין שם |ר' זישעס| איז געגאַנגען

929 בכל מדינות קורה פאַר אַ גרויסן מאָן". אנ, קהל חסידים,

דף מד/א.

... " מײַן בליק גייט ניט אימער אַהינטער צוריק//

878 און שטעלט זיך ניט אָפּ ביי מצבות און טרונעס".

ווינטשעווסקי, 2, 120.

1936 " קום, לאָמיר אַוועקגיין, מיט אונדז גייט צוזאַמען

|...| איך ס'ליד פֿונעם פֿאַסטעך |...|". 1132

סוצקעווער, 3, 50.

1947 " איין מאָל האָט זיך אין קאַפֿע 'מאַניקאַ' פֿאַרשפּרייט

אַ זיסער קלאַנג. פֿון טיש צו טיש איז געגאַנגען 2096

אַן אָנזאָג, אַ בשורה". סעגאַלאָוויטש, 11, 181.

3. אָנקומען, דערנענטערן זיך, באַווייַזן זיך.

% דער פֿרילינג גייט. עס גייט שוין צו ווינטער.

עס גייען בעסערע טעג. דעם קינד גייען שוין ציינדלעך.

1968 " אָט־אָט גייט אָבער וועסנע, מען דאַרף זייען יאַראָווע

ברויט". פֿער, 177, נ' 6, ז' 42 - !!. 933

1868. "|...| אָנגעזאָגט די בשׂורה וועגן געוויסער, וואס

גייט אויפֿן שטעטל". י. י. זינגער, 9, 274. 1049

1957 " עס גייט צו אלול, |...| דאַרף מען האָבן (?)כנה".

י. י. שניאורסאָן, 2, דף ק"ט.

4. אַוועקגיין, פֿאַרגיין, דויערן. (וועגן צײַטבאַגריפֿן).

% די צײַט גייט. די יאָרן גייען. אַזוי גייט אַ טאָג

נאָך אַ טאָג. דעם קינד גייט שוין דאָס צענטע יאָר.

1910 " דער מאָרגן גייט, דער טאָג קומט אָן // מיט

אויפֿגעהויבענער שטראַלנפֿאָן |...|". רויזענבלאַט, 1, 887

ליד "רויטע פּערל".

1928 " אַז ס'גייען וואַרעמע האַרבסטטעג, לאָזט ער אַרויס

1392 די בהמות זיי זאָלן אָפּהריזען דאָס גרינס". איזרא, 46,3.

1943 " די שעהען זיינען געגאַנגען פֿאַר אים אומבאַוווּסטע".

1685 דעמבלין, 3, 39.

1958 " ווען מירלען איז קוים געגאַנגען דאָס פֿופֿצנטע יאָר,

1401 איז זי שוין געווען |...| מיט אַ פֿולן ליכטיקן געלעכטער

פֿון אַ מיידל, וואָס איז 'אַרויס פֿון אירע קינדער=שיכלעך".

י. קייטלמאַן, פֿער 155, !!!/16.

5. פֿאַרלאָזן דאָס אָרט, אַוועקגיין, פֿאַרשווינדן.

1915 " אָט אַזוי אַרבעט מען דאָס? |...| גייט, איך וויל

1998 אייך דאָ מער אין שאַפֿ ניט האָבן". ליבין, 1, 29.

1945 " מעך וועט אײַך איין מאָל, צוויי מאָל לאָזן אָפּעסן,

2065 אַזוי ווי די בראָדיאַגעס, און דערנאָך וועט מען אײַך

הייסן גיין!". שניאור, 9, 230.

1963 " ער ענטפֿערט: אַז אײַער מאַן וועט מיך אָפּשאַפֿן, וועל

1485 איך גיין". באַשעווויס, 4, 252.

6. (אין שפּילן) מאַכן אַ צוג. % ער גייט מיט דער מלכּה

און פֿרעגט שאַך. ער איז געגאַנגען מיט דער טויז און

געוווּנען . ווער דאַרף איצט גיין?

1901 |...| גייט די לעצטע האַנט אויף בלינד, וועט עס

1006 אָנגערופֿן׳אַ = לאַ= לייב׳". שלום=עליכם, דערצ׳ [illegible] דאַטשע.

6, 55,

7\. אַרויסטרעטן קעגן, אַטאַקירן. % די דײַטשן זײַנען געגאַנגען אויף מאָסקווע. די פּאַרטיי גייט קעגן דער רעגירונג.

1941 "זאָל איך גיין קעגן רמות=גלעד אויף מלחמה אָדער זאָל איך אָפּשטיין?". תּרגום יהואש, מלכים א׳, כב - 6. 1481

8\. באַטייליקן זיך אין לערנען, שטודירן. % די קינדער גייען אין אַ יִדישער שול. ער איז געגאַנגען אין אַ פֿאָרשול. זי גייט שוין אויפֿן דריטן קורס פֿון אוניווערסיטעט. דאָס יִינגל גייט אויף דער לער צו אַ סטאָליער. זיי גייען אויף מעדיצין.

1875 "האָט ער אים אָפּגעגעבן אין איינעם בלאהאָראָדנעם |=אַריסטאָקראַטישן| (רוסיש) פּענסיאָן, וואָס גייען דאָרט קינדער נאָר פֿון אַדל". דיק, 77, 39. 1087

1898 " איך מיין, דו וועסט גאָר אַצינד גייַן אויף
בעטלער". אויזערקיס, 1, 27. 1178

1959 " |...| אַ צווייטער וואָס האָט געוואָלט גייַן אויף
כעמיע און נישט געקאָנט דאָ זיך אַרײַנקריגן".
ז. קאַליק, פּער 47, מאַי, ז' 13 - II.

9. צײַען זיך, שפּרייטן זיך, האָבן אַן אָרט, ריכטונג, געפֿינען
זיך, זײַן צוזאַמען, פֿירן ערגעץ. % דער וועג איז
געגאַנגען דורך בערג. דער טײַך גייט געשלענגלט.
דער אַרײַנגאַנג גייט דורכן הויף. נאָכן זאַל גייען
עטלעכע גרויסע צימערן. דאָס רעקל גייט ביז די קני.
אַזאַ היטל גייט אָן אַ דאַשעק.

1911 "...| דאָס דינסטמיידל האָט שוין אויך |...|

1654 אויפֿגעלעגט די טיר, וואָס **גייט** צו דער קיך".

ווײַסענבערג, 2, 188.

1963 "טוט טאַקע דער טורעם העכער און העכער **גיין**".

1470 פֿרידמאַן, 3, 81.

1965 " דער ספֿאָדיק **גייט** אין איינעם מיט באָרד און פּאות,

מיט יראת=שמים און רוגזה|...|". מ. גראָס=צימערמאַן,

פֿער 166, XI, 1/.

10\. נאָכגיין, נאָכפֿאָלגן עמעצן/עפּעס, קערעווען זיך לויט עפּעס, צילן צו עפּעס, נוטה זײַן צו עפּעס, אַנטוויקלען זיך אין אַ געוויסער ריכטונג (וועגן אויפֿפֿירונג, געדאַנקען, אידעיִשע ריכטונגען, סאָציאַלע דערשײַנונגען א"א).

% די געשיכטע גייט לויט באַשטענדיקע געזעצן. דאָס
לאַנד גייט אויפֿן וועג פֿון טעכנישן פּראָגרעס.
זיי גייען לויט דער הלכה. ער איז געגאַנגען אין די
דרכים פֿון זיינע עלטערן. זיי ~~זיינען געגאַנגען~~
~~אין די דרכים פֿון זייערע עלטערן~~ זיי זיינען געגאַנגען
אויף שלעכטע וועגן. די רעוואָלוציע גייט שוין
באַרג=אַראָפּ. זיי גייען בלינד נאָך זייער פֿירער.
ער האָט געמוזט גיין אויף אַ פּשרה.

1843 " האָב ליב דיין פֿריינד ווי דעך אליין,// מיט דעם
כלל וועסט דיא שוין בדרך הישר גיין". פֿישלזאהן,1,84. 1896

1896 " די מענטשן קענען ליידער זייער אייגננוציק,
יעדער גייט נאָר נאָך טובֿת=עצמו". הײַלפּערין 1,11. 770

1919 " אַרום מיר זײַנען געגאַנגען ייִדן דעם וועג פֿון
זעלבסט=באַפֿרײַונג און זעלבסט=באַיאָונג |...|". 1114
פֿינסקי, 3, 143.

1931 - 1926 " דער רמב"ם גייט נאָך ווײַטער און זאָגט,
אַז גאָט האָט משהן געוויזן זײַן קשר של תּפֿילין". 816
אפּאטאשו, 10, 182.

1974 " אויב די ציון=פֿאָן האָט דעם כּוח צו געבן ייִדן
אַ ביסל אמונה, |...| התלהבֿות צו גייען אויף דעם 1910
שווערן וועג, איז עס אין דער בחינה פֿון יענער הייליקער
פֿאָן". עלבערג, 2, 359.

11. גרייטן זיך צו אַ טוּונג, האָבן בדעה עפּעס צו טאָן.
% ער גייט שרײַבן א בוך, זי גייט ווערן אין גיכן
אַ כּלה. עס גייט ווערן אַ שטורעם.

1875 " גייען מיר עס אַ נאָז אָנרייבן// אונדזער פֿעטער
ישמעאל,// מחילה אים אַרויסצוטרייבן// טאַקע באַלד 1454
פֿון ארץ=ישׂראל". מענדעלע, 10, 143.

1919 " די יידישע אַרבעטער קאָנען זיך ניט באַנוגענען
מיט דעם שריט, וועלכן זיי גייען איצטער טאָן". 2028
זשיטלאָווסקי, 9, 166.

1939 " ער האָט געוווּסט, וואָס זיך וועט ביי אים
איצט זאָגן". פּערלע, 3א, 195. 1405 ~~2283~~

1966 " דאָס אַרומלויפֿן פֿון אָנגעגורטע זעלנער האָט
אָנגעזאָגט, אַז עפּעס גייט געשען". צאַנין, 1,63. 2283

12. ווענדן זיך, אָנצילן זיך אויסצופֿירן אַ טוּונג,
אָנהייבן די טוּונג, (א) ווען די טוּונג איז אָנגעווייזן

אין דעם אינפֿיניטיוו ~~פּרר~~ אָדער אימפּעראַטיוו פֿון
געהעריקן ווערק. % ס'איז שוין שפּעט מע דאַרף גיין שלאָפֿן.
מיר גייען הערן אַ באַרימטן זינגער. זיי גייען עסן
תּמיד אין דער זעלבער צײַט. דער טיש איז שוין גרייט,
לאָמיר גיין עסן.

1832 " אלי יום כפור גייט אַליש א בת קול פֿון דעם הימל
און זאגט גיי עש דיין שפּייז מיט פֿרייד |...|". מחזור, 2, [illegible] 1057

1881 " לאָמיר בעסער דאַווענען מינחה און גיין עסן
שלש סעודות אָדער, בעסער געזאָגט, גיין מאכן המוציא". 2318
שאַצקעס, 1, 80.

1926 " וועלוול, וועלוול! גיי וויג צו דאָס קינד!".
אפּאַטאָשו, 5, 118. 2003

1970 " בהשכמה גייט אַ פֿרוי זיך באָדן". אהרן צייטלין, 7, 515. 1886

ב) מיט אַ ווערב אין אַ באַליביקער פֿאָרמע (ס'רובֿ אין איצטיקער צײַט), באַהאָפֿטן מיט ן בינדוואָרט 'און'.

% גייט ער און זאָגט אים אויס דעם סוד. גייען זיי און צעקריגן זיך גאָר איבער אַ קלייניקייט.

1815 "און ער הט מורא גיהאט טאמיר וועט מען זיי אוועק רופֿין ביי אום אונז ער גגאנגין און הט זיך פרקליידט וויא אמאטראס הט זיך אפנים גיהאט ווי א זכר". בראסלאַווער, 1, דף לח – ב. 1171

"גייט ער יאָקל און לייגט אַרײַן אַ קנאָבל אין אויער". שלום=עליכם, העכּב "ואם שפּרל" 10, 3 4 1401 455

ג) ווען דער ציל פון דער ווענדונג איז אנגעוויזן מיט
א סובסטאנטיוו אין דאטיוו מיט די פרעפאזיציעס אין,
אויף, צו. % מיר גייען אפט אין טעאטער. ער גייט
אין א שליחות. פריטיק גייט ער אין מרחץ.

זיי גייען אויף געיעג. מיר זיינען געגאנגען אויף
א חתונה. די ייִדן גייען שוין צו סליחות.
זיי גייען צו באסט. גיין צו דער ארבעט.

1815 " האט גיזאגט רבי וואלף צום בע"ש ער וועט ניט
גיין מיט דעם חתן צום באדעקינס ביז ער וועט מסלק 1167
זיין די צווייא הונדרט גילדן". שבחי הבעש"ט.

1887 " דער סוחר קען ניט גיין אין באלניצע, ער דארף
פארקויפן די לעצטע און זיך קורירן אין דער היים". 1018
בעקערמאן, 8, 25.

1910 "אַ מאָל אין חדר גייענדיק, // פֿלעגט דער באַהעלפֿער
941 שלאָגן אונדז". פּרוג, 2, 162.

1911 "איך טו מבֿין זאַך בשלמות: איך עס און טרינק און
1050 שלאָף און גיי אויף שפּאַציר". שלום=עליכם, 6ג, 148.

1922 "ס׳יונגוואַרג איז אויף ניס געגאַנגען |...|".
1692 אוליצאַווער, לידד"א פּרימאַרגן".

1938 "די אַרומגערינגלטע רויטאַרמייער איז עטלעכע מאָל
1140 אויסגעקומען גיין אין באַגנעטן=געשלעג".
נח לוריע, 4, 143.

ד) ווען דער ציל פֿון דער ווענדונג איז אויסגעדריקט
מיט אַ סובסטאַנטיוו אָן אַקוזאַטיוו (ס׳רובֿ ווען
אויספֿירן אַ טאַנץ). % גיין אַ טענצל. אַלע נעמען זיך

פֿאַר די הענט און גייען אַ שער. די ווײַבער גייען
טבֿילה. ער איז אַ גוטער שווימער, ער קאָן גיין
וואַסערטריט. גיין אַ גאַנג.

1902 " די מחותּנים מיט די מחותּנתטעס פֿוןביידע צדדים
נעמען זיך פֿאַר די הענט און מע גייט אַ פֿריילעכס. 758/1
שלום=עליכם, 7א, 49.

1926 - 1931 "כ׳געדענק ווי הײַנט, לייבוש קודש איז
געגאַנגען אַ ריקודל, האָט דאָס גאַנצע הויז געציטערט". 758
אָפּאָטאָשו, 8, 77.

1962 " עלטערע ווײַבער האָבן פֿאַרהויבן די יופּעס,
געגאַנגען אַ קאָזאַק". י. וואַרשאַווסקי, פֿער 155, 11/V. 1701

13. פֿונקציאָנירן, אַרבעטן (וועגן מאַשינען, מעכאַניזמען אד"גל).

% דער מאָטאָר גייט נאָרמאַל. די מיל גייט אַ גאַנצן
טאָג. דער זייגער גייט.

1866 " די וואָך זענען די געשעפֿטן אַ ביסל איבערגעשלאָגן
דורך דעם וואָס די טעלעגראַפֿן זענען נישט געגאַנגען". 1503
פֿער 177, נ׳ 46, ז׳ 710.

1937 " האָט ער נאָך אַ מאָל צוגעלייגט ס׳ציבעלע=
זייגערל צו דער רעכטער פּאה, כּדי זיך צו באַצייַגן, 946
צי מ׳קען זיך פֿאַרלאָזן אויף אַזאַ גייַן". נאַדיר, 11, 201.

1940 " אַ זייגער צו אַ זייגער איז ניט גלייַך, אַז ער
גייט אָן אַ פּאַטשינקעלע אַכצן יאָר ווי איין טאָג". 1826
דרוקער, 1, 69.

14. א). באַקומען זיך/אַרויסקומען (גוט), געלינגען, געראָטן, איַינגעבן זיך. % די געשעפֿטן גייען גוט.

עפּעס גייט ניט ביַי מיר די אַרבעט. דער האַנדל גייט לעבעדיק. דאָס רוימען איז געגאַנגען ווי אַמאָמור.

1901 "אפֿשר וועלן מיר זיך דינגען? - ניין, פּני רויטשילד,

1605/א ס'וועט ניט גיין". שלום=עליכם, 7א, 13.

1927 " מען זאָגט 'כּל התחלות קשות', עס הייסט, ס'איז

786 נאָר שווער אָן אָנהייב, דערנאָך גייט עס גרינג".

בודזאָהן, 4, 12.

1948 " |...| ווי ליַיכט עס גייט דאָס הרגענען און טייטן,

1641 // און שפּיַיען קלעק אין יענעמס טיפֿן צער".

סעגאַלאָוויטש, 12, 58.

ב) (נאר דריטפערזאניק, אז (מיט אַ סוב׳ אָדער פּראָן׳ אין דאַטיוו), מצליח זײַן, האָבן מזל. % ווי גייט עס דיר?

ס׳גייט אים שלים=שלימזל. דעם קראַנקן גייט שוין אַ סך בעסער.

1832 " אַזוינע מענטשן |...| גייט זייער גוט אין דער וועלט |...|". דובֿ בער, 1, אות כ"א. 1600

1890 " איינער אַ גרויסער בעל=מקנא, וואָס ער האָט ניט געקענט זען, אַז דעם צווייטן גייט עפּעס גוט |...|". דובנער מגיד, 1, 52. 2144

1914 "צו וואָס ער האָט זיך גענומען, איז אים ניט געגאַנגען". מ. ריבֿקין, 1, 152. 1176

1901 " מיין עלטערן זון איז געגאנגען נישט שלעכט".

1176/א שלום=עליכם, 7א, 35.

1926 " |...| דאָס וואָסער פֿאָדערט זיינס - דעריבער גייט

1584 זיי אַזוי שלימזלדיק". אָפּאַטאָשו, 5, 180.

ג) באַווייזן, פּראָגרעסירן אין לערנען. % דער תלמיד

גייט אויף סאַמע פּינפּן.

1865 " קינדווייז, געדענק איך, בין איך געגאנגען

2278 גוט אין לימוד, איך בין געווען שטענדיק פֿון די

בעסטע קינדער אין חדר". צווייפּל, 2, 83.

... די פּשטנים צווישן זיי, די וואָס זענען אין לערנען

1027 ניט געגאנגען ווייטער פֿון אַ בלאָט גמרא און מפֿרשים |...|".

מאַנגער, 22ד, 90.

ד) (אומפֿערזאניק, נאָר דריטע פֿערזאָן אַז, אויסרופֿיק).

מסכים, גוט, זאָל זײַן אַזוי!

1926 " וויפֿל גיסטו? - וואָס הייסט? קריגסט אַ צענערל! -

ניין, גוטער ברודער - פֿופֿצן! - דער געלער איז געשטאַנען 1585

אַ ביסל, געטראַכט: - ס'גייט!". אָפּאַטאַשו, 5, 41.

15. (אומפֿערזאניק, דריטע פֿערזאָן, אַז אַלץ מיט אַ סובּ/

פֿראַנ' אין דאַטיוו. זײַן אינטערעסירט, אַרן, אָנגיין.

% עס גייט אים נישט אין דעם שאָדן, עס פֿאַרדריסט אים

נאָר וואָס יענער האָט אים אָפּגענאַרט.

1902 " ס'איז זיי נישט געגאַנגען אין געלט - געלט איז

בלאָטע. ס'איז געגאַנגען אינעם עקשנות, אינעם צו=להכעיס".

שלום=עליכם, 7א, 145. ?1461, ?140, N

1961 " זאָל דאָ געזאָגט ווערן אומצווייטײַטיק: מיר

780 גייט דאָ אין איינהייטלעכקייט". זאַקוסקי, פּער 90, תשא - 3.

1973 " אָבער נישט אײנעם אויפֿלעבן אַ לאַנגן חשבון |...|

2057 מיט אַ בר=מינן גייט אונדז דאָ". פּער 9, ד/19.

16. (~~אומפּערזאַניק,~~ דריטע פּערזאָן) האַנדלען זיך, זײַין
די טעמע, דער ענין. % מע ווייסט נישט וועגן וואָס
גייט עס דאָ אין דעם אַרטיקל. עס גייט וועגן געווינען.
עס גייט וועגן אַן אָרעמען, וואָס מע דאַרף אים העלפֿן.

1881 " ער |דער מאַן| האָט געוווּסט, אַז דאָ איז געשפּילט

1791 מיט דער נשמה, דאָ גייט שוין אין נפֿשות". שאַצקעס, 105,1.

1902 " איך וואָס גייט דאָ בײַ אײַך, אייגנטלעך, דער

1791/1 גאַנצער סיכסוך?". שלום=עליכם, 7א, 132.

1929 " האָט ר' וואָלף געשווינד געהייסן דינגען אַ

1725 רײַטער, ער זאָל נאָכיאָגן נאָכן חסיד, אים באַלד

צוריקברענגען, ווײַל עס גייט אין פּיקוח נפש!".

בערגמאַן, 2, 98.

1962 " אַבֿרהמס ענטפֿער איז אים ניט געפֿעלן געוואָרן.

765 דניאל קאָן נאָך אַלץ ניט אָנכאַפּן דעם פֿאָדעם, אין וואָס

גייט דאָ?". שעכטמאַן, פֿער 131, נ' 2, ז' 27.

(וועגן)

17. (עלט) באַצײַען זיך, שײַך זײַן, ווערן געזאָגט, מיינען.

1832 " דאָס גייט אויף אברהם דאָס ער איז אין דעם

2129 טאָג געפּרובט געוואָרן |...|". מחזור, 2, דף כז - ב.

1883 " זעט מען דאָך אַז דער רמז גייט נאָר אויף דעם

רבין". וואלצאָגנעק, 3, 12. 1182

1957 " פֿריִער זאָגט ער |...| אַז תהילת ד' איז דורך

דומי' - און נאָך דעם זאָגט ער |...| עדיך כל בשׂר 1606

יבֿואו, וואָס גייט אויף תּפֿילה". י.י. שניאורסאָן, 2, דף ע"ד.

18. (דריטפּערזאָניק) אָנווייַזן, באַטייַטן, זאָגן.

% ווי דאָס ווערטל גייט.

1843 " |...| די גמרא גייט איין (מגילה) ער זאָגט

(רב חסדא) אין דעם חודש טבת האט איין גוף פון בען 1786

אנדרן הנאה ווייל קאלט אין". אהרן מטריבוש, דף יב - ב.

1844 " שפראך זי: ליבער רבי, דאס שפריכווארט גייט

1105 אין ירושלים, ווער עס וויל זיין האב איינזאלצן,

דאס ער וויל עס באהאלטן, זאל ער דערפון צדקה געבן".

פּאוויר, 1א, דף יט - ב.

1959 " זי האָט |...| 'געטראָגן די הויזן', ווי עס גייט

1440 דאָס ווערטל". אקערמאן, פּער 68, XII/6.

19. (דריטפּערזאניק) פאָרקומען, געשען, פּאַסירן, ווערן

אויסגעפירט, זיין. % עס גייט אַ לעבעדיקער שמועס.

אין טעאַטער גייט אַ נייע פאָרשטעלונג. די צוגרייטונגען

צו דער נסיעה זיינען געגאנגען ענערגיש.

גיי -

1873 " מיט מיר גייט עס אַקוראַט ווי מיט מײַנעם אַן
אַלטן חבר איוב, בשעת ער איז איבערגעגעבן געוואָרן 1103
דעם שׂטן אין די הענט". מענדעלע, 9, 90.

1893 " אויף די פֿעלדער גייט איצט קאָכעדיק די אַרבעט,
די פּויערן אַקערן, זייען |...|". גאָרין, 1, 3. 796

1901 " אַצינד גייען ערשט די רעכטע 'ווייען'".
שלום=עליכם, 7א, 25. 1103/1

1936 " איצט איז שוין אַלץ געגאַנגען ראַש, ווי איינער
קײַקלט זיך באַרג=אַראָפּ". האַראַנטשיק, 3, 205. 994

1949 " עס קען בײַ איר אַנדערש נישט גיין. זי קען
אַנדערש נישט טראַכטן". סעגאַלאָוויטש, 10, 141. 1676

.20 (עלט) אַרויסקומען, אָפּשטאַמען.

1863 " פֿון ,יי | פֿון די משחיתים| גייען אַלע שלוחים,

וואָס גייען אָפּקערן די לײַט מדרך האמת |...|". 1999

אנ, נופת צופים, 1, 16 - ז.

.21 (דריטפּערזאָניק) זײַן באַשטימט, ווערן געניצט/געברויכט

פֿאַר עפּעס. % דער ווײַסער שטאָף גייט אויף לײַלעכער,

ציכלעך. דאָס לעדער גייט מער אויף פֿאַדעשוועס.

דאָס טרוקענע האָלץ גייט אויף צו הייצן די שטוב.

די אַלטע מאַשינען גייען שוין אויף שמעלץ.

1895 " מען האָט געלט |דעם רבין| אַזוי ווי מצה=וואַסער,

בפֿרט אַז ער האָט געזאָגט, אַז דאָס געלט גייט אויף 1180

ארץ=ישׂראל". אנ, אַמעריקאַנישע גליקן, ז' 10.

"עכטער ברושטין |בורשטין|, וואָס גייט אויף 1913

לייולקע=ציבוקעס". שלום=עליכם, ~~[illegible]~~ 6 ג, 178. 1934

1935 " ס'איז אַ פּנים געווען אַן אָפּגעניצטע מנורה,

וואָס דאַרף גייין אויף ברוך". קאַהאַן, 4, 40. 1663

1962 " וואָס מיר בלײַבט איבער פֿון איינעמס זוילן,

גייט עס אַ צווייטן אויף נאַבאָיקעס". נ. לוריע, 1430

פֿער 131, נ' 1, ז' 69.

22. (עלט?) איבערגיין פֿון איינעם צום צווייטן, איבערגעגעבן

ווערן.

1895 " די באַשענקונג איז דורכגעגאַנגען דורך צען הענט...

גייענדיק פֿון איין האַנט אין די אַנדערע איז זי אַלץ 917

געוואָרן אָפּגעשמאַלצן און קלענער, אַזוי ווי אַ שטיקל

אײַז וואָס גייט דורך ~~[illegible]~~ עטלעכע הענט". דיק, 101.

1905 " די צוויי מעשענע ליַיכטער, וואָס זענען נאָך

געגאַנגען בירושה פֿון איר עלטער=זיידן, מיט צוויי 787

ליכט|טעקסט: לעכט|, פֿלעגן פֿאַרשפּרייטן ניט זייער קיין

גרויסע ליכט". יאַנישעווסקי, 1, 12.

1943 "ווי אַ פּאַראָל זאָל גייַן דאָס ליד פֿון דור צו דור".

גליק, ליד "זאָג ניט קיין מאָל".

1957 " מעשׂיות ווערן דערציילט פֿון דעם רבינס ז"ל

|...| פֿעסטונג. די מעשׂיות גייען בקדושה ובטהרה". 1065

י.י. שניאורסאָן, 2, 196.

23. ווען באַוועגונג אין קויף/פֿאַרקויף, אין געלט=ענינים.

א) האָבן אַן אָפּנעם, אָפּגאַנג. % דער נייַער שטאָף גייט

גוט, כּמעט אויספֿאַרקויפֿט די גאַנצע סחורה.

יענער מוסטער גייט ניט, שוין אַרויס פֿון דער מאָדע.

ב) קאָסטן, האָבן אַ פּרייז, אַ ווערט. % דירות גייען איצט ביליקער, ניטאָ קיין קונים.

1864 " אַ באָד איז דאָ אַ קהלשע, זי גייט 400 רו"כ אַ יאָר".
פֿער 177, נ׳ 22, ז׳ 342.

1874 " |...| אז דו האָסט אַ מטבע, וואָס זי איז געגאַנגען
אין 50 גריוונעס, ביסטו געגאַנגען צו אַ חלפֿן און 1773
האָסט אָפּגעביטן |...|". אַנ, מלאכת מחשבֿת, 1, 70.

ג) וועגן אופֿן פֿון ווערן געקויפֿט/פֿאַרקויפֿט (מאָס, וואָג אד"גל).
% די סחורה גייט אויף דער וואָג. אין אַ פּעקל גייען 100 שטיק. ס׳איז שווער הייִנט מיט מזומנים, עס גייט אַלץ אויף באָרג.

1876 " אַ שטיקל אַרבעט גייט אַרויס פֿון מיר// אַ זשופּיצע,
אַ פֿראַק, אַ ברושליק, אַ מונדיר,// אָן צאָל, אָן מאָס,
גייט עס פֿונעם שטיק,// פֿאַר אַלע איין פֿאַסאָן בין
איך גדליה חזק". ליגעצקי, 1, 60.

24. אַכטונג געבן אויף עמעצן/עפּעס, זאָרגן, באַדינען (מיט דער פּרעפּ 'אַרום').
% די שוועסטער גייט אַרום דעם קראַנקן.

1862 " |...| זיי פֿאַרשטייען |...| ווי אַזוי מע גייט
אַרום די פֿלאַנצן". פֿער 177, נ׳ 1, ז׳ 2. 1674

25. קליידן זיך, טראָגן אויף זיך בגדים, זײַן אָנגעטאָן
בכלל.

א) (אויסגעדריקט בלויז דורכן ווערב גיין).
% ער גייט שטענדיק לויט דער לעצטער מאָדע. די ~~באָבע~~
גייט נאָך אַלטמאָדיש.

1868 " מען גייט שוין דיִיטשמעריש, מע לערנט שוין
1808 גויִיש, טייל שיקן שוין די קינדער אין די שקאָלעס".
פּער 177, נ׳ 12, ז׳ 90 - ז.

1886 " ניט דערלעבן זאָלן די מאַנען, אַז מיר זאָלן מיט
1134 זיי פֿאָרן און דאָרטן גיין אַזוי ווי די אַלטע באָבעס".
בעקערמאַן, 6, 14.

1903 " איך פֿאַרהאָף, אַז ער וועט מיר נאָך מאַכן שענערע
1845 קליידער, ווי די מאַדאַם קוואָקע גייט". שלייפֿשטיין,16,3.

ב) (אויסגעדריקט דורכן ווערב גיין מיט דעם פּאַר אַדוו "אָנגעטאָן" אָדער (זן) "געקליידט"). % ער גייט רייך
אָנגעטאָן. זיי גייען חסידיש געקליידט. די קינדער
גייען שיין אָנגעטאָן.

1833 " עס איז פר הנדן איין אישה וואש איין איר היים
גייט זי אן גקלייד ווי א דינסט |...|". 1903
(הגולת\מרי)
איבן אליהו הכהן האמרי, דף לג - !!.

1875 " איבער דעם האָט אים דער רבי ניט דערקענט, ווײַל
בשעת ער פֿלעגט צום רבין פֿאָרן, איז ער געגאנגען ???
שיין אנגעטאָן, |...|, געפֿאָרן מיט אַ בריטשקע |...|".
אנ, קהל חסידים, ז' מז - 1.

1916 " איזן איז ער דער אייגענער וואָס געווען, נאָר
ער גייט אַנדערש אנגעטאָן". שלום=עליכם, 8ב, 130. 777

1957 " דער בעש"ט איז געגאַנגען געקליידט ווי אַ פּשוטער
בעל=מלאכה, אַ דאָרפֿסשניידער אָדער שוסטער". 1617
י.י. שנייאורסאן, 2, 438.

ג) דזוו פֿריער (א, ב) און מיט אַ סובסטאַנטיוו (אין
דאַטיוו מיט דער פּרעפּ "אין", זעלטענער אין אַקוזאַטיוו)
וואָס ווײַזט אָן אויף אַ באַשטימטן מין בגד אָדער מין
שוכוואַרג. % ער גייט אָנגעטאָן אין אַ פֿוטערנעם מאַנטל.
זי גייט אין שיך אויף הויכע קנאַפֿל. די קינדער
גייען אַלע אין אוניפֿאָרמען. דעם קאַפּעליוש גייט
ער אַלע מאָל פֿאַררוקט אויף אַ זייט.

|אָנהייב XIX| " ווינען זיי תמיד |די גוטע=ייִדן| אין
2149 שיינע דירות, עסן און טרינקען דאָס שענסטע און בעסטע,
גייען אין ווײַסע מאַטריקענע זשיפּעצעס מיט שפּאַניע
באַלייגט". אנ, די געגנאַרטע וועלט, ז' 71.
1870 " ער אַליין איז שוין באַלד פֿאַרטיק, ער גייט
1839 שוין עפּעס אַ רויט העמדל מיט פּערלמוטערנע קנעפּלעך|...|".
צ. דיִיטש, פּער 74, נ' 14, ז' 109.

1902 " האָט מען אַ ברירה גייִן גאָר אַזוי, דאָס הייסט, מחילה,

896 אין תּחתּונים, און פֿון אויבן אַ ציצענעם אַרבע=כּנפֿות".

שלום=עליכם. 7א, 62.

1914 " ער גייט דעם הוט איבער די אויגן, ווי אַ גנבֿ".

1836 ק. עפּשטיין, 1, 22.

1920 " דער שוואַרצער בערל גייט שוין אָנגעטאָן דעם

991 ברוינעם באַראַנקאָווע פֿאַלטאָ |...|". ע. וואַרשאַווסקי, 242,1.

1957 " |איך| האָב דערזען עטלעכע עלטערע ייִדן גייִן אין

1622 שיך און זאָקן |...|". י.י. שניאורסאָן, 2, דף ק"ל.

(מיט די פּירעס און/מיט).

ד) וועגן האָבן/טראָגן האָר, ברילן אד"גל. ער גייט אין

גאָלדענע ברילן. די ייִדענע גייט אין אַ פּאַרוק.

דער בחור גייט מיט לאַנגע פּאות. אַ סך יונגע=לייט

גייען היינט מיט לאַנגע האָר.

1884 " |...| האָט ער |שבתי=צבי| געמאַכט שוין ווידער
920 פֿון זיך אונטער=נביאים. |...| זייַנען <u>געגאַנגען מיט</u>
לאַנגע האָר, מיט רימענע גאַרטלעך, האָרענע מאַנטלען |...|".
<u>דיק, 93, 85</u>.

1893 " איז כּמעט אֵין גם אחד זאָל <u>גיין אין תּפֿילין</u>
2059 ריכטיק ווי דער דין |...|". <u>פּלאי, 1, 47</u>.

1896 " ער פֿאָדערט, אַז מאַריאַסיע זאָל נאָך דער חתונה
1814 נישט טראָגן קיין שייַטל און <u>גיין מיט</u> אייגענע האָר".
<u>בינשטאָק, 1, 69</u>.

1958 " עם=הארץ, |...| טריפֿהנער ביין! - האָט ר' איטשע=מאיר
1034 געענטפֿערט. - ווועסט <u>גיין</u> בײַ אונדז <u>אין</u> קייטן!".
<u>י. ווארשאַווסקי, פֿער 155, VI/21</u>.

ה) אין באהעפּט מיט דער פּרעפּ "אַן": ניט האָבן אויף זיך
אַ באַשטימטן בגד אָדער שוכוואַרג. % ער גייט אַן
אַ היטל זומער און ווינטער. דאָס אָרעמע קינד גייט
נעבעך אַן שיך. די מיידלעך גייען אַלע אָן זאָקן.

1895 " |...| יענעם צו באַשווינדלען אין ביי באַים גרינגער
1988 ווי צוויי מינוט אַן ציצית צו גיין". בעקערמאַן, 28.12.

1936 " וואָס מיר גייען אַן שיך, זאָלסטו פֿאַרגעבן אונדז,
2121 וואָס מיר האָבן געזינדיקט מיט די פֿיס צו לויפֿן".
מחזור, 5, 24.

ו) אין באהעפּט מיטן אַדי/אַדוו נאַקעט" אָדער פֿון אַן ענלעכן באַטייט:
ניט טראָגן אויף זיך קיין שום בגדים, זיין אויסגעטאָן.
% אין מרחץ גייען אַלע נאַקעט. קליינע קינדער שעמען
זיך ניט צו גיין אויסגעטאָן.

1930 " |...| ווי קינדערלעך מיט פּופּקעס גייען נאַקעט".

798 שומיאַטשער, 2, 86.

ז) איך באַהעפֿט מיטן אַדי/אַדוו באָרוועס): ניט טראָגן קיין שיך.

1895 " רובן גייט באָרוועס, ער האָט זיך יענע וואָך אַ

2165 האָלץ אַרײַנגענומען, לאָזט ער נאָך". פּרץ, "דער התונה געהאַט".

1936 " זיי זײַנען געגאַנגען באָרוועס און האָבן געטראָגן

2103 רויטע שטערנדלעך אויף אַרויפֿגעפּאַרענע היטלעך".

נח לוריע, 3.

ח) (פיג) גיין נאַקעט און באָרוועס: ניט האָבן קיין גוטע מלבושים, טראָגן צעריסענע בגדים און שיך. % די יתומים גייען געבעך נאַקעט און באָרוועס איבער דער גאַס.

ט) (עלט) גיין באַרהייפּטיק (עלט:באַרהאַפּטיק): גיין אָן אַ היטל.

|אַנהייב XIX י"ה| "איך האָב אויך מיר אַרויפגעכאַפּט דאָס קלייד, און אַבי איך גיי ניט באַרהאַפּטיק,האָב איך אין דער פֿינצטער געכאַפּט דעם ספּאָדיק". 908

אנ, די גענאַרטע וועלט, ז' 287.

26. (שגל) אומקומען, שטאַרבן. % זי איז געגאַנגען מיט דער ערשטער אַקציע.

1946 "איטשע=מאיר איז שוין אויך געגאַנגען".

אש, 15, 32. 1843

27. <u>געניצט ווי אַ באַמערקוואָרט, איך אימפּעראַטיוו,</u>
<u>צווייטע פּערזאָן, ס׳רובֿ אַצ:</u> א) באַטייט ספֿק אָדער
אוממיגלעכקייט פֿון דער טוּונג, וואָס איז אויסגעדריקט
אין קומענדיקן ווערב, אויך אין אימפּעראַטיוו.
% עפּעס שטאַמלט ער, <u>גיי</u> ווייס וואָס ער זאָגט.
יענער רעדט אַזוי פֿאַרפּלאָנטערט, <u>גיי</u> פֿאַרשטיי וואָס
ער מיינט.

1900 " וויַיזט דער ליטוואַק א בפּירושע גמרא - די אויגן
שטעכט ער אויס.|...| נו, <u>גיי</u> שפּאַר זיך מיט אַ ליטוואַק". 1073
<u>פּרץ, דערצ׳" אויב נישט נאָך העכער</u>".

1911 " <u>גיי</u> טענה מיט אַ ייִדן! - מורמלט דער אַשמדאי |...|".
<u>מענדעלע, 9, 156.</u> 773

1929 " איז דאַכט זיך גוט, איז דאַכט זיך וווּיל - נו,

גיי דערגיי ערגעץ אַ שׂכל און אַ טאָלק". מאַרקיש,א4,26. 1108

1972 " גיי פּרוּוו איך פֿרילינגדיקן וואַלד//די ראַבינע

געפֿינען!". טעלעסין, 53. 1954

ב) טייל מאָל איבערגעחזרט, אויך מיט "שוין", באַטייט;

אָפּגרענעצונג, באַוואָרעניש, מורא, אומגלויבן צו דעם

פֿריער געזאָגטן דורך אַ צווייטן. % האָסט געהערט -

יענער גייט ווערן דירעקטאָר פֿון שול. - גיי שוין גיי,

ס'קען ניט מיגלעך זײַן.

|אָנהייב XIX י"ה| " איך ווייס שוין וואָס דו ווילסט

מיר זאָגן; גיי נאָר גיי, איך וועל שוין פֿאַר קיינעם 1589

ניט איבערחזרן". עטינגער, 3, 318.

1867 " אײנער האָט געזאָגט: גייט שוין גייט... איך ווייס גאָר נישט צו וואָס מען ברויך אַ יידישע צײַטונג". 1880

פער 57, נ׳ 1, ז׳ 7.

1904 " - וואָס זאָגסטו אויף דעם נפש... ער מוז זײַן אַ בוק=קיפער. איך מיין - אַ שרײַבער. — גיי, אַ שרײַבער ווערט ניט אָנשפּיליען קיין בלום אויף אַ לאַץ". 1947

רייזען, 9, 228.

1919 " מזיקים, ווילסט זיך לאָזן אָפּרעדן פון מיר? לאָמירביידע אַוועק! (וויל איר אַרומנעמען). - מירקע: (מאַכט זיך אַרויס): גיי...כ׳האָב מורא...". בימקא,1,12. 1412

0 קומען צו גיין - קומען (ס'רוב געמיינט גייענדיק צו פֿוס).

1935 " נאָך צוועלף קומט צו גיין פֿון בית=מדרש איטשע=מאַטעס |...|". באַשעוויס, 1, 111. קאנק

1943 " קומט צו גיין, ייִדן, קומט אַלע!". נסתר, 5, 65.

לאָזן זיך גיין - אָנגהייבן גיין, גרייטן זיך צו גיין.

1935 " שטעלט ער אַוועק דעם זאַק אין אַ ווינקל, און לאָזט זיך גיין איבער גאַריִ פֿון שטוב צו שטוב". באַשעוויס, 1, 66. קאנק

1968 " דער ערשטער האָט זיך געלאָזט גיין דורכן הויף ר' מרדכי=אהרן שפּירא |...|". גראַדע, 7, 150. קאנק

גיין זיך - דער "זיך" גיט צו דעם ווערב גיין

(ס׳רוב אין באַטײַט1) די אינטאָנאַציע פֿון ניחאדיקייט,

געלאַסנקייט, סתּמיקייט, געמיטלעכקייט.

1864 " האָט געבויט [?] אין לאָנדאָן איבער די שאַנצן |?|,

דאָס הייסט, ער איז זיך געגאַנגען נדבֿות קלײַבן". 2181

דיק, 16, 34.

1900 " שטעלט אײַך פֿאָר, אין איין שיינעם העלן וואָכנטאָג,

גייט זיך איבער דער גאַס אַ ווײַבל, אָנגעטאָן בגדי=שבת 1901

|...|". פּרץ, דערצ׳ "אַ גילגול פֿון אַ ניגון".

1909 "איך גיי מיר מיט דעם גאַנג, אַז אַ מענטש, וואָס האָט

עפּעס, וועט ער עס אַליין אַרויסגעבן". שלום=עליכם, 37, 27. ‎-26 2298

1929 " <u>גייען זיך</u> קינדער,// איין עלטער, איין גרייס,

2177 // און קומען צום טײַך אָן,// און וואַרפן אַרײַן זיך//

אויף וואַסערס באַראַט". <u>האַלקין, 1א, 18 |?12|</u>.

|| <u>גייעכץ</u> - <u>דאָס, בא.</u> (<u>ביטול</u>) דאָס גיין. % מיט אַזאַ

<u>גייעכץ</u> וועלן מיר אַפֿילו ביז מאָרגן ניט אָנקומען.

<u>גייעניש</u> - <u>דאָס, בא.</u> 1. <u>דזוו דפוו</u>.

2. דאָס דווערנדיקע גיין אָדער דאָס גיין פֿון אַ סך מענטשן.

1975 " אָרעמע-לייט, |...| האָבן זיך דערוווּסט, אַז ער טוט

קאנק צדקה, און ס'איז געוואָרן אַ <u>גייעניש</u> פֿון אַלע זײַטן".

<u>באַשעוויס, 6, 113</u>.

**גייער** - ←--- זבֿן.

**גייערײַ** - **דזוו גייענ̇יש**, ב 2.

1955 " דיַין ווונדערלעכער שיינער וויכער // פֿון רעדער, גייערײַ און טריט". מאני לייב, 1, 147. א/2177

פֿפֿ (לויטן א"ב):

**גייַן ווי אַ בלינער פֿויגל** - גייַן אומגעלומפּערט, שווער, ניט=ריִרעוודיק. **גייַן ווי אַ בעדנער ארום אַ פֿאַס** - זיך שטאַרק מטפּל זיַין, זיך פֿאָרען מיט עפּעס.

**גייַן ווי אַ בער** - גייַן שווער, אומגעלומפּערט.

**גייַן ווי אַ וואַנץ** - גייַן פֿאַוואָליע, שלעפּן זיך.

**גייַן ווי אַ וואַסער** - גייַן געלויפֿיק, פֿליסיק.

1968 " קײנער האָט זיך מיט אונדז נישט געקענט פֿאַרגלײַכן
2289 מיטן איבערחזרן דעם פּסוק ׳ואני׳, וואָס איז בײַ
אונדז געגאַנגען ווי אַ וואַסער". י. גאָלדשטײן, יזב 443,2.

גײן ווי אַ וואָרעם - גײן זײער פּאַמעלעך, קריכן.

גײן ווי אַ זאַקס - גײן גיך, אײַליק.

גײן ווי אַ חתן/כּלה צו דער חופּה - גײן גערן, מיט חשק.

גײן ווי אַ טראָגעדיק ווײַבל - גײן שווער, וויגנדיק זיך.

גײן ווי אַ טשערעפּאַכע - גײן זײער פּאַמעלעך.

גײן ווי אַ לויז - גײן זײער פּאַמעלעך, קריכן.

גײן ווי אַ למך - גײן אָפּגעלאָזן, צעמישט.

גײן ווי אַ מויז - גײן פּאַמעלעך, קריכנדיק |סטוטש439|.

גייען ווי אַ מיידל צום טאַנץ - גייען גערן, מיט חשק.

גייען ווי אַ ניט=דערקוילעטער האָן - גייען מיט ניט זיכערע טריט, וואַקלען זיך פֿון איין זײַט אויף דער אַנדערער.

גייען ווי אַ פּאַדלע - גייען זייער פּאַמעלעך, שלעפּן זיך.

גייען ווי אַ פּאַווע - גייען זייער שטאָלץ, שטאָלצירן.

גייען ווי אַ פֿראַנצויז - גייען מיט אויסגעקרימטע פֿיס פֿון די שיך.

גייען ווי אַ קאַטשקע - גייען וואַקלענדיק זיך מיטן גוף.

גייען ווי אַ שאָטן בײַ דער וואַנט - גייען זייער שטיל, אומבאַמערקט.

גייען ווי אַ שיכּור - גייען מיט אומזיכערע טריט, וואַקלען זיך.

גייען ווי אַ שנעק - גייען זייער פּאַמעלעך, קריכן.

גייען ווי אַ תּקיף - גייען זייער שטאָלץ בײַ זיך, פֿאַרריסן.

גיין ווי אויף אַ גלייכן שליאַך - גיין זיכער.

גיין ווי אויף אַ קליאַטקע איבערן וואַסער - גיין זייער פֿאָרזיכטיק.

גיין ווי אויף אַן אײַזערנעם בריק - גיין זיכער.

גיין ווי אויף גלאָז - גיין זייער פֿאָרזיכטיק, געהיט, שטיל.

גיין ווי אויף הרודעס - גיין שווער.

גיין ווי אויף אַ לוויה - גיין פּאַמעלעך און טרויעריק.

גיין ווי אויף שטאָלצן - גיין פֿאָרזיכטיק, ניט נאַטירלעך.

גיין ווי אויף קוליעס - גיין ניט נאַטירלעך.

גיין ווי אויף שפּיגוועבס - גיין זייער פֿאָרזיכטיק, דעליקאַט, געהיט.

גיין ווי אין ניַינטן חודש - גיין שווער, וואַקלענדיק זיך.

גיין ווי אַן אַלטער באָק – גיין פּאַמעלעך, געלאַסן.

גיין ווי אַן אַלטער בעל=עבֿירהניק – דזוו דפּוו.

גיין ווי דורך דערנער – גיין פּאָרזיכטיק, היטנדיק זיך.

גיין ווי דער אָקס אין דער סאָכע – אויספֿירן געהאָרזאַם
אַן אויפֿגעצוווּנגענע אַרבעט.

גיין ווי דער אָקס צו דער שחיטה – גיין אָן ווידערשאַטנד צום טויט.

גיין ווי הינטער דער וואַנט – האַלטן זיך באַשיידן, שטיל.

גיין ווי חוהלע צום גט – גיין מיט חשק, גערן, לייַכטזיניק.

גיין ווי פּאַזע וואַנט – האַלטן זיך זייער באַשיידן.

גיין ווי פֿון מקווה – גיין פֿריילעך, לעבעדיק.

גיין ווי צו דער שחיטה – גיין ניט גערן, טרויעריק.

גיין ווי צו דער עקדה - דזוו דפּוו.

גיין ווי צום טאַנץ - גיין גערן, מיט חשק, פֿריילעך.

גיין ווי רוחות וואָלטן געטראָגן - גיין זייער גיך, האַסטיק.

גיין ווי שבת נאָכן קוגל - גיין זייער געלאַסן.

דריטפּערזאָניק:

ב) עס גייט בײַ אים ווי אַ וואַסער - ער רעדט גיך, גרינג.

עס גייט ווי אַ מיזמור - עס באַקומט זיך גוט, גרינג, אָן שוועריקייטן.

1888 "אָנגעהויבן אײַער נײַ געשעפֿט האָט איר גאַנץ גוט, ווי אַ לאַנד=שדכן טאַקע. אײַ וואָס, דער בחור? נו, בע, כ'לעבן. דערפֿאַר אָבער, אַז איר וועט ערגעץ שוין אָנשמעקן אַ מויד, וועט עס שוין גיין ווי אַ מיזמור". 837

מענדעלע, 4.

1968 "דער שופר גייט ביי מיר ווי א מיזמור". גראדע, 128,7.

עס גייט ווי אויף/אין פוטער - דזוו דפוו.

1920 "ווען א געשעפט גייט גוט, זאגט מען: עס גייט ווי אויף פוטער". עלזעט, 2ב, 96.

עס גייט ווי ביי א גוטן שליטוועגס - דזוו דפוו.

עס גייט ווי געשמירט - דזוו דפוו.

1872 "דער חתן האט נאך דערצו איין דרשה געזאגט... עס איז געגאנגען ווי געשמירט מיט ריינע סמאלע". 1172/2
אפ"ס, 1, 19.

1963 "דער מוסף איז שוין נאך דעם געגאנגען ווי געשמירט, ווי דער כאר וואלט ארייגעהויכט א 'נשמה יתרה' אין אים". ש. וויגאדא, פער 155, T /20.

<u>עס גייט ווי מצה=וואסער</u> - וועגן אַ סחורה, וואָס פֿאַרקויפֿט זיך גיך און גרינג.

<u>עס גייט ווי פֿון פֿעך</u> - וועגן אַן אַרבעט וואָס קומט אָן שווער, עס געדויערט לאַנג, טרעפֿט אָן אויף שוועריקייטן.

ג) אומפֿערזאָניק/דריטפּערזאָניק:

<u>עס גייט</u> -

1. עס באקומט זיך, ס'קומט ארויס גוט, עס פֿונקציאָנירט.
2. <u>(אויסרופֿיק)</u> עס גייט! מסכים, זאָל זיין אַזוי, איך נעם אָן!

<u>עס גייט אַ גאַנג</u> - דזוו <u>עס גייט</u>, <u>באַטייט</u> 1.

<u>עס גייט אויף אַ דרך(דערעך)</u> - ס'וועט זיך באַקומען, ס'וועט זיין אַ גוטער רעזולטאַט. % דער ענין <u>גייט שוין אויף אַ דרך</u>.

<u>עס גייט אויף אַ לאַד</u> - <u>דזוו דפֿוו</u>.

עס גייט אַ סדרה |...| - עס קומט פֿאָר אַ סעריע געשעענישן.

% עס גייט איצט אַ סדרה שטרייקן, אומרוען.

1911 " |...| גייט ביי מיר אַ סדרה תּעניתים, יאָמער און

קלאָג". מענדעלע, 9, קאַנק 1045370. קאַנק

עס גייט (זיך) אָפּ חלשות |כּאַלאָשעס| - ס'איז מיאוס,

איבלדיק, אָפּשטויסנדיק.

עס גייט קאַפּויער - עס באַקומט זיך שלעכט, ניט ווי מ'האָט

געוואָלט.

1975 " אַז ס'מזל דינט, דינט עס, ווען ס'הערט אויף צו

דינען, נעמט אַלץ גיין קאַפּויער". באַשעווויס, 6, 108. קאַנק

עס גייט צו בעסער - עס ווערט בעסער.

1968 " ער האָט געזען, ווי זײַן גאַנצער אויפֿטו צעפֿאַלט
זיך. און חבֿרה וועט נאָך פֿון אים לאַכן. איצט אָבער קאַנק
גייט צו בעסער, ער וועט אויפֿרײַסן די גאַנצע ישיבֿה |...|".
גראַדע 7, 108 - 109.

אַז אַ ייִדן גייט, גייט אים מיט אַלעמען: גייט אים בלוט
פֿון נאָז, גייט די ווײַב צו קינד, גייט דער וועקסל
אין פּראָטעסט.

עס גייט פֿון די הענט - ס'ווערט גיך אָפּגעטאָן.

עס גייט פֿון מויל ווי פֿערפֿל פֿון אַ קאָזע - וועגן איינעם
וואָס רעדט אַ סך.

ס'איז צו גיין אויף בילעטן! - ס'איז זייער אַ ווונדערלעכע/
אויסטערלישע זאַך.

עס גייט מיט דער פּוטער אַראָפּ - עס באַקומט זיך שלעכט,
דער מצב ווערט ערגער.

ס'זאָל (אַפֿילו) גיין אין לעבן - פֿאַר יעדן פּרײַז,
אַפֿילו אײַנשטעלן דאָס לעבן.

|1926 - 1931| " סאַשע איז זיי נאָכגעגאַנגען |...| און
זיך געטראַכט: ס'זאָל אים גיין אין לעבן, וועט ער זיי
אָפּשפּילן אַ חתונה". אָפּאַטאָשו, 7, 140.

עס גייט ניט – א) ס'באַקומט זיך ניט, ניטאָ קיין גוטע רעזולטאַטן.

ב) (אויסרופֿיק) ניט מסכּים, ס'טויג ניט.

עס גייט ניט, כאַטש צערייס זיך (וואָר: כאַטש לייג זיך און שטאַרב; כאַטש פֿון בריק אין וואַסער) – דער מצבֿ איז זייער שלעכט, ביז יִאוש, אָן אַן אויסוועג.

אַז סע גייט ניט, מאַכט קמץ בית – מע! – אַז ס'איז ניטאָ קיין מזל, באַקומט זיך אַלץ ניט ווי ס'דאַרף צו זײַן.

אַז אַ ייִדן גייט ניט, גייט אים ניט מיט אַלעמען: גייט ניט דאָס ייִנגל אין חדר, גייט ניט די ווײַב אין מיקווה, גייט ניט די בהמה אין פֿעלד.

עס גייט ניט אין קאָפּ אַרײַן – א) מ'איז ניט מסוגל צו באַנעמען, פֿאַרשטיין.

ב) ס'אינטערעסירט ניט, ס'איז ניטאָ קיין געמיט דערצו.

1896 " אונדז גייט נישט אין קאָפּ אַרײַן |צוליב דאגות פּרנסה|, ווי אונדזערע עלטערן פֿאַר צײַטנס, צוצוקלערן ווערטער און פֿאַרגלײַכענישן |...|". בינשטאָק, 1, 43. 1032

עס גייט ניט אויפֿן הארצן – דזוו דפֿוו.

ד) דריטפּערזאָניק מיט אַ סוב/פּראָנ אין דאַטיוו:

עס גייט אים (איר, זיי, אונדז): עס גייט אים אין אַהאַ - וועגן איינעם וואָס וויל אויספירן זײַן עקשנות, אַמביציע, צו=להכעיס.

עס גייט אים אין ביין - דזוו עס גייט אים אין לעבן.

1931 "סע גייט אים אין ביין, אַז זי זאָל דאָ באַלד אויפשטאָן אַ וווּנדערלעכע | זאַך|". קולבאַק, 9/8, 128.

עס גייט אים אין האָנאָר - ס'איז אַ ענין פון כּבֿוד.

1943 "פאַרלירן, אַבי זײַן נגידישן האָנאָר אויסגעווינען. און אויך אין דעם פאַל מיטן ברודער |...| הייבט עס אים אָן גיין אין האָנאָר". נסתּר, 5, 165.

עס גייט אים אין/אום לעבן - ער איז אין דעם זייער פאַר-אינטערעסירט, עס גייט אים שטאַרק אָן, ער וויל זייער שטאַרק.

1882 "באַרגט מיר אויף די קאָפּאָטע 2 רובל, |...| וואָרעם איך דאַרף זייער נייטיק האָבן, עס גייט מיר פּשוט אום לעבן". א. מרגליות, 1, 15.

1968 "ליגט נאָך אַרײַן די טומאה אין דער טהרה, אַז דיר גייט אין לעבן צו וויסן, ווי מען דאַרף ענטפערן אַן אַפּיקורס". גראַדע, 7, 90.

קאַנק

995

קאַנק

<u>עס גייט אים דאָס בלאָט</u> - ער האָט מזל (ס'רוב וועגן קאָרטנשפּיל).

<u>עס גייט אים דורך טיר און דורך טויער</u> - ער האָט מזל אין אַלץ, עס גליקט אים אומעטום.

<u>עס גייט אים די האַנט</u> - ער איז פֿעיִק, ער טויג זיך אויס צו עפּעס.

1899 "נאָך גוט, כ'לעבן, וואָס <u>עס גייט אים די האַנט</u> אויסצושניצן פֿון אַ שפּענדל אַן אויערלעפֿל און מאַכן אַ 'בעזרת השם' מיט אַ צוק, אַ דריי אַזוי, אַז ס'קומט אַרויס מיט אַ פֿויגל". <u>מענדעלע, 8ב, 98.</u>

811

<u>עס גייט אים ווי דעם קליינעם שייגעצל</u> - בנב <u>מ. מארק,</u> <u>פֿער 90, נ' 3 - 6, ז' 136.</u>

<u>עס גייט אים ווי דעם צדיק אויף דער וועלט</u> - עס גייט אים שלעכט, ער האָט ניט קיין מזל, ס'לעבט זיך אים שלעכט.

עס גייט אים ווי דעם רשע אויף יענער וועלט - דזוו דפוו.

עס גייט אים מיט דער פּוטער אראָפּ - דזוו דפוו.

1869 " גייט מיר תמיד שלימזל מיט דער פּוטער אראָפּ".

מענדעלע, 10, 46. 2326

1959 " ווי דער שטייגער איז ביי ייִדן, האָבן טייל גראָד שטאַרק מצליח געווען, ביי טייל איז עס געגאַנגען מיט דער

פּוטער אַראָפּ". י. טרונק, פֿער 68, XI /14.

עס גייט אים נישט פֿויגלדיק - עס גייט אים שלעכט.

עס גייט אים נישט יום=טובדיק - דזוו דפוו.

עס גייט אים פֿון אונטן ארויף - דזוו דפוו.

עס גייט אים פֿון אַלע זייטן - עס גייט אים זייער גוט.

**עס גייט אים פֿון טיר און פֿון פֿענצטער** – עס גייט אים זייער גוט, ער האָט מזל אין אַלץ.

1883 " האָט זיי אָנגעהויבן גיין, ווי מען זאָגט, פֿון טיר און פֿון פֿענצטער". צ.ז. רובינשטיין, 1, 30. 819

**עס גייט אים שלים=שלימזל** – עס גייט אים זייער שלעכט, ער האָט ניט קיין מזל צו קיין זאַך.

ה) **גיין** + ...: ~~([illegible])~~

**גיין אַ גאַנג** – א) גיין אין אַ שליחות.

1865 " מע דאַרף אַ מענטש, וואָס |...| זאָל זײַן רירעוודיק אַ גאַנג צו גיין". פֿער 177, ג׳ 2, 31. 1795

ב) רירן זיך, גוט פֿונקציאָנירן, אַנטוויקלען זיך ראַש.

1932 " מאַשינעס וועלן זײַן, ענערגיע גיט אַהער, וועט

דער זאַוואָד גיין א גאַנג". א. קאַהאַן, 2, 22. 809

ג) שטאַרבן, געזעגענען זיך מיטן לעבן.

1975 " ער האָט געקראָגן אַ לונגען=אָנצינדונג און איז

געגאַנגען א גאַנג". באַשעוויס, 6, 170. קאַנק

גיין א לאַטע אויף א לאַטע - גיין אָנגעטאָן אין צעריסענע מלבושים.

גיין א קאָן - אין שפּיל - דורכמאַכן אַ שפּיל ביז'ן סוף איין מאָל.

גיין אויס די אויגן - אַוועקגיין פֿון עמעצן, פֿאַרשווינדן, זיך דערוויטערן, אָפּטרעטן.

גייִן אויסן וועג - דזוו דפּוו.

1866 "דער פֿרומער מאַכט איז אַלץ אַ נרדף, מיט אַ קרעכץ

1802 איז ער יוצא, ער גייט אויס דעם וועג און זאָגט אַלץ:

הייַנט איז ניט אונדזער וועלט". פֿער 177, נ׳ 20, 308.

גייִן אויף אַ גלייַטש - טאָן אַ ריזיקאַלישע זאַך, זיך אייַנשטעלן.

גייִן אויף אַ גלייכן וועג - טאָן ערלעך, אָפֿנהאַרציק, ניט אָפּנאַרן.

גייִן אויף אַ גרויסע באַדערפֿעניש - האָבן דעם שטולגאַנג.

1905 "אויף אַ גרויסע באַדערפֿעניש מוז מען גייִן

1905 ניט אַנדערש נאָר אין אַ פּראַוואַט |פֿריוואַט?|, כּדי

די אָנשטעקונג זאָל דערנאָך ניט קענען ווערן פֿונאַנאַנדער-

געטראָגן |...|". באַראַנאָוויטש, 1, 10.

<u>גייַן אויף אַ דרך</u> |דערעך| - טאָן (באַקומען זיך, פֿאַרקומען) גוט, פּאָזיטיוו, ווי ס'דאַרף צו זייַן. % די אונטערהאַנדלונגען <u>גייען שוין אויף אַ דרך</u>, מע וועט אין גיכן אונטערשרייַבן דעם אָפּמאַך.

" אַשמדאי אַליין האָט געלויבט מייַן שטיקל אַרבעט. - 1935

גאָר נישקשה, - האָט ער געזאָגט, - דו <u>גייסט אויף אַ דרך</u>!". קאַנק

<u>באַשעוויס, 1, 262</u>.

<u>גייַן אויף אייבערלופּט</u> - (<u>גלש</u>) גייַן גנבֿענען.

<u>גייַן אויף איין פּוס</u> - גייַן זייער גיך, אייַליק.

<u>גייַן אויף איינס</u> - ריכטיקירן מיט אַלץ, אויסגלײַכן אַלע חילוקים.

<u>גיין אויף אַלע פֿיר</u> - גיין אויף די הענט און אויף די
פֿיס, קריכן.

1964 " זײַנען געקומען באַפֿעלן צו <u>גיין אויף די אַלע פֿיר</u>
דעם זעלבן וועג הינטערווײַלעכץ, זײַטווערטס |...|". 886
<u>י. קאָפּלאַן, 1, 240.</u>

<u>גיין אויף אַלץ</u> - שטאַרק ריזיקירן.

<u>גיין אויף/מיט אַן אויסגעטראָטענעם וועג</u> - א) זוכן זיך
גרינגע וועגן, אָן שוועריקייטן. ב) ניט זײַן אָריגינעל
(אין פֿירונג, אין שאַפֿונג).

<u>גיין אויף אַן אײַזערנער בריק</u> - טאָן עפּעס מיט דער גאַנצער
זיכערקייט און הצלחה.

1888 " האָט איר געהערט |...| אַז אַ ייִד זאָל נישט האָבן
קיין בטחון - מע זאָל זיך נישט לאָזן ספּעקולירן, מאַכן קאנק

געשעפֿטן! אַ שיינער משׂא=ומתּן, כ׳לעבן, וואָלט געווען,
אַז מען זאָל געווען ווערן נאָר <u>גיין אויפֿן אײַזערנעם</u>
<u>בריק</u> אין משׂא=ומתּן!". <u>מענדעלע, 3, 309</u>.

1948 " אפֿשר איז דאָס פֿאַר אים קיין עסק... אפֿשר וויל
ער <u>גיין אויפֿן אײַזערנעם בריק</u> און זיך ניט בינדן קאנק
מיט אַזאַ, וואָס מ׳זאָגט |...| אַז ער האָט אויסבאהאַלטענערהייט
איבערגעשריבן זײַנע געשעפֿטן אויף פֿרעמדע נעמען|...|".
<u>נסתּר, 6, 160</u>.

<u>גיין אויף א פֿרעמדן פּאַספּאָרט</u> - אָפּנאַרן, פֿאַרשטעלן זיך,
מאַכן אַן אָנשטעל פֿון אַן אַנדערן.
<u>גיין אויף אַ קלאַפּ</u> - (<u>גלש</u>) גיין מאַכן אַ גניבֿה.

1919 " סוויטניקן לעפּאַק, ביסט גרייט <u>צו גיין אויף</u>
<u>אַ קלאַפּ?</u>". <u>בימקא, 1, 30</u>. 1696

<u>גיין אויף ברכה</u> - גיין צו עמעצן אויף אַן אויפֿנעם,

אַ יום=טובֿ (ביַים געניסן פֿון אַ כּיבוד, מאַכן די ברכה).

<u>גיין אויף גאָטס באַראָט</u> - אַוועקגיין/אַוועקפֿאָרן אָן אַ באַשטימטן ציל, אָן קלאָרע אויסזיכטן.

<u>גיין אויף גאַפּע</u> - גיין ~~[illegible]~~ אין אַ טעאַטער אָן אַ בילעט.

<u>גיין גוט=יום=ביטן</u> - אָפּשטאַטן אַ וויזיט אין אַ יום=טובֿ (אָפּט געמיינט אָרעמע ליַיט, וואָס פֿלעגן קומען געניסן פֿון אַ כּיבוד).

<u>גיין אויף גוואַלד</u> - גיין מיט כּוח.

<u>גיין אויף גראַנדע</u> - (<u>גלש</u>) גיין גנבֿענען.

<u>גיין אויף דיבעס</u> - גיין אָנטרעפֿנדיק אויף שווערקייטן.

1887 " און אַז מע האָט מיר אויפֿגעמישט אין יוצרות
'אָץ קוצק' האָב איך געזאָגט |די עבֿרי|, ווי אײנער
גייט אויף דיבעס". פֿער 74, נ' 1, 3.

גיין אויף די טירן - גיין בעטן נדבֿות.

1836 " אויב ער האָט ניט, איז ער מחויב צו גיין אויף
די טירן און זיי שפּייזן נאָך זייער כבוד וועגן". 1526
לבֿ טוב, 3, 78 - 1.

1919 " סײַ דו האָסט יאָ און סײַ דו האָסט ניט, מוזטו
זיך אויך מטריח זײַן גיין אַרבעטן און פֿאַרדינען, 2202
אַפֿילו חלילה צו גיין אויף די טירן, אָבער צו שפּײַזן
דײַנע עלטערן". זאַלער, 1, 64.

גייען אויף די נעגל - א) גייען שטיל, אויף די שפּיץ פֿינגער, מע זאָל ניט הערן.

1935 דאָס ווייב איז אַריינגעקומען |...| זי איז געגאַנגען אויף די נעגל און זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטן, ווי זי וואָלט חושד געווען, אַז עמעץ אַן אומגעזעענער געפֿינט זיך אין חדר". באַשעוויס, 1, 267 - 268.

קאַנק

ב) רעספּעקטירן, דרך=ארץ האָבן.

1960 " צו משה גלאָוואַצקין אין פּאַראַלמנטן הויז איז אַריינגעקומען אַ נגידישע וואַרשעווער שנור, אַ הויכע, אַ בלייכע, אַ קרענקלעכע. אַלע זענען פֿאַר איר געגאַנגען אויף די נעגל". י. טרונק, פֿער 69, XII/ 24.

1442

גייען אויף די ציפּקעס(טשיפּקעס/ציפּקעלעך) - דזוו דפּוו, ב' 1.

גייען אויף די קאַראַטשקעס - קריכן אויף די הענט און פֿיס.

גייען אויף דעם לעבן - דערגייען די יאָרן, גורם זײַן צרות.

1866 " דער אמתער חסיד לויפֿט נישט נאָך דעם ביסל בראַנפֿן,

1801 |...| קריגט זיך נישט מיט קיינעם, גייט נישט אויף

דעם לעבן דעם וואָס האַלט נישט פֿון זײַן גוטן=ייִד".

פֿער 177, נ' 40, 611.

גייען אויף דער גרויסער זײַט - האָבן דעם שטולגאַנג.

1960 " ער האַלט אין איין אַרויסגיין. אָט גייט ער אויף

1703 דער גרויסער זייט, און אָט גייט ער אויף דער קליינער

זייט. ער איז שטענדיק אויפֿן וועג אין בית=הכּסא אַרײַן".

טיגער, 1.

<u>גיין אויף דער ווירע</u> - גיין אויף אַ גלייַכן וועג, זיך אויפפירן גוט.

<u>גיין אויף דער מדינה</u> - גיין בעטן נדבות אין פאַרשיידענע שטעט.

1925 " |...| קומט אַרייַן צו גיין אַן אורח, וואָס ער <u>גייט אויף דער מדינה</u>, גייט דער בעל=הבית און גיט דעם אורח אַ קרייַצער". <u>מוירער, 2, 20.</u> 2200

~~[illegible]~~

<u>גיין אויף דער לאם</u> (<u>רעג, לאדנש</u>) גיין אויף אַ דראָט (וועגן קונצנמאַכער).

גיין אויף דער מערכה - זיך פֿאַרלאָזן אויפֿן מזל .

גיין אויף דער לופֿט (~~רעג~~, גראַדנע) - האָבן דעם שטולגאַנג.

גיין אויף דער פּרנסה - קאָנקורירן מיט עמעצן, וועלן שאַדן
ברענגען דער פּרנסה.

1963 " דער פֿאַליק האָט נעבעך געזען, אַז ער גייט אים
אויף דער פּרנסה און ער האָט גענומען אַ בורר". 1693
באַשעוויס, 4, 54.

גיין אויף דער קליינער זײַט - לאָזן די השתּנה.

גיין אויף דראָטן (שגל) - זיך וואַרפֿן אויף די פֿאַרצוימונגען
פֿון עלעקטריזירטע דראָטן און אויף אַזאַ אופֿן זיך נעמען
דאָס לעבן". בלום, פֿער 90, ב' XVIII - 3.

<u>גייִן אויף דרויסן</u> – גייִן אויף אַ נאַטירלעכער באַדערפֿעניש.

<u>גייִן אויף העלפֿט</u> – מאַכן אַ שותּפֿות.

<u>גייִן אויף הרודעס</u> (<u>וואַר</u>: <u>גרודעס, רידעס</u>) – טאָן עפּעס ניט געניט, ס'רובֿ וועגן לייענען שלעכט.

1891 "<u>זיי גייען אויף רידעס</u>, ווי א שווערער וואָגן|...|". 

<u>גאָרנשטיין, 1, 6.</u> 2746

<u>גייִן אויף חידושים</u> – באַוווּנדערן, באַקוקן אַ נייַע ווווּנדערלעכע זאַך.

... "אָנקוקן נתנען ערבֿ=פּסח בשעת אַרײַנפֿירן די מצה=שמורה אין הויף אַרײַן – מען <u>קען גייִן אויף חידושים</u>". <u>שלום=עליכם, 36, 130.</u> 2209

[כּיבֿוד]

<u>גיין אויף כּיבוד</u> - <u>דזוו גיין אויף ברכה</u>.

<u>גיין אויף לינק</u> - אָפּנאַרן, שווינדלען, אָנווענדן אומלעגאַלע מיטלען צו דערגרייכן עפּעס.

<u>גיין אויף מעסערס</u> - שטאַרק זײַין צעקריגט ביז גרייטקייט צו שלאָגן זיך מיט מעסערס.

[נעקאָווים]

<u>גיין אויף נקבֿים</u> - גיין אויף אַ נאַטירלעכער באַדערפֿעניש.

[נעקיִוס]

<u>גיין אויף נקיות</u> - <u>דזוו דפֿוו</u>.

<u>גיין אויף ס'קאָפּ</u> - אויספּאָטשן בײַי עמעצן אַ פֿאַרבאָרגענעם ענין דורך איבערכיטרעווען, איבערקליגן. % ער זעט איך וויל אים נישט אויסזאָגן, <u>גייט ער מיר אויף ס'קאָפּ</u>.

<u>גיין אויף צורך</u> - גיין אויף אַ נאַטירלעכער באַדערפֿעניש.

[קײווער-אָוועס]

<u>גיין אויף קבֿר=אָבֿות</u> - דאָס טראַדיציאָנעלע קומען אויפֿן בית=עולם און מתפּלל זײַן בײַ די קבֿרים פֿון פֿאַרשטאָרבענע קרובֿים (ס׳רובֿ אין חודש אלול).

<u>גיין אויף קידוש</u> - <u>דזוו גיין אויף ברכה</u>.

<u>גיין אויף קיכלעך</u> - <u>דזוו דפֿוו</u>.

<u>גיין אויף קינדער</u> - חתונה האָבן מיט אַן אַלמן, וואָס האָט שוין קינדער.

(גיין קײוולעס.) ← <u>גיין אויף שטאַנצלען</u>

<u>גיין אויף שאַנסן/שאַנצן</u> - האַלטן זיך שטײַף, ניט נאַטירלעך, גרויסהאַלטעריש.

<u>גיין אויף שליאַם</u> - (<u>גלש</u>) גיין גנבֿענען פֿון אַ שטוב.

<u>גיין אויף שפּרונג</u> - (<u>גלש</u>) <u>דזוו דפֿוו</u>.

<u>גיין אויפֿן אויסגעטראָטענעם וועג</u> - א) ניט זײַן אָריגינעל (אין פֿירונג, אין שאַפֿונג אד"גל);

ב) זוכן שטענדיק דאָס גרינגסטע אין אַרבעט, אָן שווועריקייטן.

<u>גיין אויפֿן גאַנצן זיכער (וואָר: זײַן זאַיען)</u> - זײַן פֿעסט בײַ זיך, תּקיף, אײַנשטעליש.

<u>גיין אויפֿן דראָנג/אויפֿן דראָנזשיק</u> - א) (שפּאַסיק)

א) גיין אין שפּאַן (וועגן פֿערד). ב) עמוזן פּאָלגן, אויספֿירן וואָס מע הייסט. ג) אין קאָרטנשפּיל, וואָס א חבֿרה=מאַן האָט שוין אַלץ פֿאַרשפּילט, דערלויבן אים די מיטשפּילערס איין מאָל צו שפּילן, ניט אײַנשטעלנדיק אין קאָן, דאָס הייסט, אַז יענער <u>גייט אויפֿן דראָנג</u>/דראָנזשיק.

פער 90, יז - 2, ז' 61.

גיין אויפֿן/אין דרך=הישר - פֿירן זיך אָרשנטלעך.

גיין אויפֿן האָפּ=טשיק=טשאַק - (גלש) „גנבֿענען שנעל"|קשוו|.

גיין אויפֿן האַלבן וועג - גיין אויף פּשרות, נאָכקומען, נאָכגעבן.

גיין אויפֿן ווינט - פֿאַרפֿאַלן ווערן, פֿאַרשווינדן, ווערן צו נישט.

1914 " איך בעט דיך נאָר איין זאַך, מײַן ליבע קינד, די ױע רייד מײַנע זאָל ניט גיין אויפֿן ווינט". 2215

פֿאָרפֿעל, 1, 24.

גיין אויפֿן טעפּל - (וועגן קליינע קינדער) אויספֿירן די נאַטירלעכע באַדערפֿענישן.

1928 " בײַם אײַגעוויינען צו גיין אויפֿן טעפּל דאַרף די

1681

די מוטער בלויז געדענקען, אַז מען טאָר ניט אַרויסנעמען

דאָס קינד אַן אײַנגעוואַרעמטס פֿון בעטעלע". פֿער 151, נ' 24.

גיין אויפֿן לעבן - דערגיין די יאָרן, אָנטאָן גרויסע

צרות, שאָדנס.

1946 " ער האָט אַ סך שׂונאים, וואָס גייען אים אויפֿן לעבן".

טרונק, 5, 169.

גיין אויפֿן קאָפּ - דזוו גיין אויף ס'קאָפּ.

גיין אונטער דער האַנט - גיין געאָרעמט.

גיין אונטערן מעסער - אָפּערירן זיך.

1964 " גיין אונטערן מעסער איז אין יענער צײַט געווען

נישט פֿון די זאַכן, אויף וועלכע מען דעצידירט זיך 2155

אַזוי לײַכט". י. עמיאָט, פֿער 155, קו/19.

<u>גיין איבער די הײַזער</u> - גיין פֿון שטוב צו שטוב בעטן
נדבֿות.

1887 " איך וועל זײַ |די כּתובה=געלט| אויפֿעסן, און
2236 נאָך דעם וועט מיר אויסקומען ניט אַנדערש |ווי| <u>גיין</u>
<u>איבער די הײַזער</u>". <u>בעקערמאַן, 8, 4.</u>

1968 " דער הכנסת=אורחים ווערט זומערצײַט פֿול מיט
קאנק אָרעמע=לײַט, וואָס <u>גייען איבער די הײַזער</u>".
<u>גראַדע, 7, 31.</u>

<u>גיין איבער דער מדינה</u> - גיין בעטן נדבֿות אין פֿאַרשיידענע
שטעט און שטעטלעך.

1957 " עס פֿלעגן מסדר אָנקומען |אין שטאָט אַרײַן| מחנות
2240 אָרעמע=לײַט, וואָס זײַנען <u>געגאַנגען איבער דער מדינה</u>".
<u>מ. אַנגער, יזכ 4, 110.</u>

<u>גיין איבער די קעשענעס</u> - נעמען געלט מיט שווינדל, אפנאַרעריי.

1891 " האָט ער דען איין קערבל גענומען ביי יענעם אָן
2237 יענעמס ווילן? איז ער דען <u>געגאַנגען איבער די קעשענעס</u>
ווי אַנדערע מאַסקירטע פרומע ייִדן?". <u>גאהנשטיין,33,2</u>.

<u>גיין איבער טויטע</u> - זיין פעיִק צו טאָן דאָס ערגסטע, אַפילו אומגליקלעך צו מאַכן עמעצן, אַבי צו דערגרייכן די אייגענע צילן.

<u>גיין איבער שטאָק און איבער שטיין</u>(<u>וואַר</u>: <u>גיין שטאָק און שטיין</u>)- <u>בנב.</u>

<u>גיין איבער שכם און איבער יאָזעף</u>|<u>סטוטש 401</u>|.- גיין(פאָרן) ערגעץ ניט מיט דעם ריכטיקן וועג, אָנלייגן וועג,

גיין איין און אויס - (עלט) גיין אַריַין און אַרויס.

1808 " דער קיניג האָט גיהאט איין קיניגליך הויז וואו ער איז גיגאנגן איין און אויש". אנ, משל הקדמוני, 2.

גיין אין אייגענע שיך - זיַין אומאָפּהענגיק אין די מיינונגען, האָבן אַן אייגענע דעה, שיטה.

גיין אין אַקער - האָרעווען, טראָגן דעם יאָך פֿון אַרבעט, פּרנסה.

1866 " די |דאס יונגע ווייַבל| איז געגאַנגען אין אַקער דעם גאַנצן טאָג, האָט געהאָרעוועט ווי אַן אייזל". 1798
ארך, פֿער 177, נ' 10, ז' 151.

1961 " אַזוי לאנג ווי מען קען פּאָלאָנטען מיט די פֿיס, דאַרף מען גיין אין אַקער". העפּטערמאַן, פֿער 155, ז' 26. 1446

**גיין אין אָרעמקייט** - (שפּאַסיק) אײַן געאָרעמט.

**גיין אין בלוט** - א) זײַן שולדיק אין הרגענען אַ סך מענטשן.

ב) אָנטאָן צרות, דערגיין די יאָרן, זיך נוקם זײַן אין
עמעצן.

1968 " |...| זײַנען די בעלי=בתים אַרײַנגעפֿאַלן מיט אַ
קאנק געשריי צום רבֿ, הלמאַי ער קוקט זיך רויִק צו, ווי אַן
אַלטער הונט **גייט אין בלוט** פֿון אַ תּלמיד חכם".
גראַדע 7, 176.

**גיין אין גאָלד** - זײַן זייער רײַך, פֿאַרדינען אַ סך געלט.

|אָנהייב XIX י"ה| " ישׂראל |...| זאָל ניט זײַן קיין
2245 לופּטיקער יונג, וואָלט ער אין גאָלד געגאַנגען".
אקסענפֿעלד, 3, 268.

1888 " ווען אַזאַ גדליה=הערש זאָל געווען אָנשפּאַרן אין

קאנק פּאַריז, וואָלט ער געגאַנגען אין גאָלד". מענדעלע, 3, 7.

גיין אין גאַנג - ווערן גענוצט.

1932 " גאַנץ אָפּט צעשלאָגט מען זיך אין אַ'הײַזל', עס

2249 גייען אין גאַנג פֿינישע מעסערס". ברעגמאַן, 2, 161.

גיין אין געוועט - וועטן זיך.

1946 " דער עלטער פּרוּווט זיך נאָך אַ מאָל גיין מיט זיי

1827 אין אַ געוועט". דרוקער, 1, 34.

(?ב?) גיין אין גרויסן - וועלן זיך דערהייבן צו אַ העכערער

מדרגה.

1968 " דאס פּשוטע פֿאָלק האָט זיך ניט געריסן צו גיין אין

1653 גרויסן, האָט ניט געזוכט זיך בלומרשט אויסצגלײַכן

מיט די ליאַכעס". ב. רעסלער, פֿער 69, VIII/17.

<u>גיין אין די אייגענע האָר</u> - <u>דזוו</u> <u>גיין אין די האָר</u>.

<u>גיין אין די בלויזע (הוילע) האָר</u> - א) גיין אָן אַ היטל, קאַפּל. ב) אָן אַ שייטל (וועגן פֿרויען).

1975 " ~~העדע~~ [illegible] נאַכט פּלעגן זיי |...| שפּילן אין קאָרטן. די

קאנק וויבער זענען <u>געגאַנגען אין די בלויזע האָר</u>. ווי הייסט עס? משכּגלים". <u>באַשעוויס, 153,6</u>.

<u>גיין אין די בעשעדעס</u> - "גיין פֿון איינעם צום צווייטן און באַרעדן"|<u>קטוו</u>|.

<u>גיין אין די ברעטער</u> - (<u>שגל</u>) אומקומען, שטאַרבן|<u>בלומענטאַל</u>, <u>פּער 90, נ XVIII - 3</u>|.

<u>גיין אין געשפּאַן</u> - <u>דזוו</u> <u>גיין אין שפּאַן</u>.

1966 "אַז בינדן וועלטן צוויי, טרעפֿט, זייער שווער איז,

1064 // ווען גיין אין איין געשפּאַן זיי פּלוצעם ענג ווערט".

האַלקין, 4, 63.

גיין אין די האָר - גיין אָן אַ שייטל (פּאַרוק).

[1926 - 1931] " און אַז זי איז געבילדעט, דאַרף מען

877 גיין אין די האָר און זיך אַרומשלעפּן מיט גוייִם?".

אַפּאַטאָשו, 10, 163.

גיין אין די הויזן - זיין דער אמתער בעל=הבית (אין

דער משפּחה), זײַן דער הויפּט, דער וואָס האָט די דעה.

1911 " פֿאַר דאָס טאַקע גייט חנה=דבֿורה, ווי מ'זאָגט,

2251 אין די הויזן פֿון אויבן און פֿון הינטן".

מוירער, 1, 6.

1974 " זי, דאַשע, איז געגאַנגען אין די הויזן און
געטאָן וואָס ס'איז איר געפֿעלן". באַשעוויס, פֿער 155, II/15.

גיין אין די הײַזער - דזוו גיין איבער די הײַזער.

גיין אין די פּליודערן - דזוו גיין אין די הויזן.

1946 "זי איז געווען אַ ייִדענע אַ קאַזאַק, געגאַנגען אין
די פּליודערן, געהאַט אַ מענה=לשון". טרונק, 5, 168. 1396

גיין אין די פּוסטריס - נאָכגיין, נאָכפֿאָלגן עמעצן אַקוראַט,
אין אַלץ.

גיין אין די פֿעדערן - זײַן רײַך, אין אַ הויכן מעמד.

גיין אין דער וועלט אַרײַן - א) פֿאַרלאָזן די היים,
די היימשטאָט, און אַוועקלאָזן זיך אין אַנדערע מקומות.

|1931- 1926| " איך פֿיר זיך |...|, אז כ׳מאַך חתונה א

זון צי אַ טאָכטער, **גייען זיי אין דער וועלט אַרײַן...** 760

בײַם לעבן גיב איך ניט קיין ירושה". אָפּאַטאָשו, 43,14.

ב) אַוועקלאָזן זיך ערגעץ, אין אַ באַשטימטן ציל.

**גיין אין דר׳ערד באַקן בייגל** - (איר) שטאַרבן.

**גיין אין וואַסער** - גיין אין מיקווה זיך אָפּטוקן.

1962 " פֿרומע ייִדן פֿלעגן אַלע פֿאַרטאָג **גיין 'אין וואַסער'**,

אין מיקווה". ה. ראָזנפֿעלד, יזב 6, 54. 2254

*(שמוגלן)*

**גיין אין וועג אַרײַן** - משׂיג גבֿול זײַן עמעצן, שטערן

עמעצן צו טאָן עפּעס, וועלן פֿאַר נעמען יענעמס אָרט.

1921 " |...| שטעלט זיך דאַוונען, אַ צווייטער ייִד

**גייט** אים **אין וועג אַרײַן** און שטעלט זיך אויך דאַוונען". 2244

אש, 1ד, 7.

גיין אין אַ הולך - גיין שלעכט אָנגעטאָן.

גיין אין חדר - גיין זיצן אין תּפֿיסה.

גיין אין חמץ - (גלש) מאַכן אַ גניבֿה.

גיין אין טאַליע - גיין אָן אַן אייבער=בגד.

גיין אין טרויער - גיין אָנגעטאָן שוואַרצע (טונקעלע)
קליידער אין צייכן פֿון אֲבֿילות.

גיין אין גיוועץ - צו נישט ווערן, קאַליע ווערן, צעפּטרט
ווערן.

1871 " זייט גאַנץ אומבאַקימערט, אייער פֿיש און פֿלייש
וועט ניט גיין אין גיוועץ". דיק, 51א. 1649

1900 " איז דאָך אָבער אַ גרויסער האַרצווייטיק, אַז אַפֿילו
אַ ברעקעלע ערד זאָל גיין אין גיוועץ". ווערללער, 1, 5. 1061

1972 " דארפסט גארנישט פאקן. די אלטע וועט נאך אזוי

לעבן ווער ווייסט ווי לאנג, און דו וועסט גיין אין ניוועץ". 825

באשעוויס, פער 155, 5/VIII.

גיין (אנגעטאן) אין עסיק און אין האניק - זיין שטארק

אדער גוזמאדיק אויסגעפוצט.

גיין אין ספאדיק - זיין דער הויפט, דער בעל=דעה,

דער וואס הערשט.

1864 " עס שיינט, אז די שוויגער גייט אין ספאדיק און

פירט דעם מאן ביי דער נאז ארום". פער 177, נ׳ 44, ז׳ 666. 1794

1916 " היינט גייען די ווייבער אין ספאדיק, היינט ה

האבן זיי דאס קאמאנדא". זילבערבוש, 1, 60. 1724

מיט

גייִן אין סטירדעס - טאָן אויף צו להכעיס, זיך אײַנעקשנען.

1931 "האָט ער זיך גלאַט אַרומגעקריגט מיט די זעלמעניאַנער,

קאנק געגאַנגען אין סטירדעס |...|". קולבאַק, 8, 40.

(?נ?) גייִן אין פֿאָלק - ווען די רוסישע "נאַראָדניקעס",

געבילדעטע מענטשן, וואָס פֿלעגן זיך באַזעצן אין די

דערפֿער, צווישן פּראָסטע פּויערים, כּדי זיי געבן בילדונג

און העלפֿן זיי.

1914 "|...| פֿלעגט זיך שטענדיק אַרומטראָגן מיט מיכאַילאָווסקין

1668 זיך אַלץ געקליבן צו גייִן אין פֿאָלק און לעבן גלײַך

ווי איינער פֿון פֿאָלק". רייזען, 10, 107.

גייִן אין פֿײַער (און אין וואַסער) - גרייט זײַן צו טאָן

פֿאַר עמעצן אַלץ, אַפֿילו מיט סכּנות-נפֿשות, זיך מקריבֿ

זײַן.

1888 " אין קאַקאַבל צו גיין פֿון זײַנעטוועגן אין

1551 פֿייער און אין וואַסער". שלום=עליכם, סטעמפּעניו, ז' 124. [?],

1926 " ער אַליין, כאָטש נישט קיין גרויסער צדיק,

1583 ווע‎ט פֿון דעטוועגן פֿאַר אַ ייִד גיין אין פֿײַער".

אַפּאַטאַשו, 5, 147.

גיין אין קאָזע - גיין אין תּפֿיסה.

1974 " אַפֿילו צווישן די פּראָסטאַקעס וועט נישט יעדער

1377 איינער זיך אַרײַנלאָזן אין אַ געשלעג. פֿאַר אַזוינע

זאַכן גייט מען אין קאָזע". באַשעוויס, פֿער 155, [?]/ 21.

גיין אין קאָן - א) זײַן מיט אַלעמען צוזאַמען, אָנטייל

נעמען.

1861 " זומער פֿלעגן מיידלעך זיך צונויפֿקומען אין

פֿאַליש פֿון דער שול זיך לערנען טאַנצן איינע ביי 1789

דער אַנדערער; דענצמאָל איז זי אויך געגאַנגען אין קאָן".

אקסענפֿעלד, 1, 6.

(?ב) ב) "פֿאלגן בלינד, גיין אין שפּאָן" |קטור|.

גיין דאָס קאַרוסעל – זיין נאַרעלעך, צו נאָך קומען.

(?ב) גיין אין קייטן (קייטעלער) – ווערן פֿאַרשיקט אויף

קאַטאָרגע.

גיין אין שאָדן – ברענגען שאָדן, שעדיקן, קאַליע מאַכן.

1873 " לאָזן יענע פֿערד בעסער אַרבעטן און נישט

גיין אין שאָדן". מענדעלע, 1, קאָנק 484060. קאנק

1881 " דאָרט ביים גמרא=מלמד לערנט זיך אַ חדר=קינד

גיין אין שאָדן אריין". דלוגאַטש, 2, 19. 1776

גיין אין/מיט שטירדעס - דזוו גיין אין/מיט סטירדעס.

גיין אין שטעטער - בנב.

1961 "מיין ווייב - אסתר הייסט זי - האט געהאט א סך

צירונג און איז געגאנגען אין שטעטער". 1447

י. ווארשאווסקי, פער 155, 1/IX.

1967 " זי האט א שוועסטער דארט, מ'זאגט, זי גייט אין

אין שטעטער". באשעוויס, פער 155, 19/VIII. 2270

גיין אין שפאן - א) הארעווען, שלעפן דעם יאך, ארבעטן

שווער פאר עפעס א ציל.

1918 " גייט איך אין דעם שפאן דעם שווערן, אויף די

הרודעס מארך, געהירן |...|". קוויטקא, 1, 41. 1115

ב) זיין עמעצן אונטערטעניק, טאן שטענדיק וואס יענער

וויל, פאלגן.

1926 " מיט אזעלכע טיפן האט מען א סך קלאפאט, איידער

2272 זיי הייבן אן 'גיין אין שפאן' און גיבן די נייטיקע

ידיעות". ח. שאשקעס, פער 171, יולי, ז' 241.

1965 " דאס איז געווען אן אנצוהערניש, אז ר' אורי

1429 גייט אין שפאן ביי זיינע שול=גבאים". גראדע, פער 12/III.69.

גיין אן א קאפ - זיין שטארק צערודערט, פארזארגט.

גיין אנגעזאטלט - זיין בגילופין, א ביסל שיכור.

1902 " ר' זרח: פון וואנען גייט איר עס דא? עפעס גייט

397 איר מיר אנגעזאטלט, ר' פייטל! גייט איר נישט פון

א באדעקנסל, פון א בריתל, עפעס פון א שימחה'לע, הא?".

לעווינזאהן, 1, 30.

<u>גיין אָן פּיס</u> – גיין אָן חשק, אומגערן, צו פּאַמעלעך.

<u>גיין אָפּגעריסן (אָפּגעשליסן)</u> – זײַן אָנגעטאָן אין צעריסענע
בגדים.

1968 " איך <u>גיי אָפּעריסן</u>, הונגער, און די וועלט |...|
לאַכט נאָך פֿון מײַנע ציצית". <u>גראַדע, 7, 217.</u> קאנק

<u>גיין אַקסל בײַ אַקסל</u> – זײַן/טאָן עפּעס געאייניקט, אין
אַחדות.

<u>גיין אָקסנטריט</u> – גיין זייער פּאַמעלעך.

<u>גיין אַרום זיך</u> – זאָרגן וועגן אייגענער רייִנקייט.

1881 " וואָס איז? אַז ער <u>גייט</u> ריין <u>אַרום זיך</u>,
אין אַ ווײַס העמד, גלאַט, ניט ווי אַ נאַכלײַע,|...| 1774
הייסט דאָס 'צרות'?". <u>פּער 74, נ' 6, ז' 87.</u>

@ קירסונק

<u>גיין אַרום עמעצן</u> (ס׳רעדט וועגן אַ קראַנקן) – זאָרגן

וועגן אים, דעם קראַנקן, העלפֿן, באַדינען אים.

1968 " |...| ניט זי און ניט אירע טעכטער וועלן <u>גיין</u>

<u>אַרום אים</u>. דער קראַנקער, האָט די בעל=הביתטע געזאָגט,    קאַנק

איז די גאַנצע צײַט ניט געווען אַזוי קראַנק, ווי ער האָט

זיך געמאַכט". <u>גראַדע, 7, 333</u>.

<u>גיין אַרעם אײַן אָרעם</u> – <u>דזוו גיין אַקסל בײַ אַקסל</u>.

<u>גיין באַנקראָט</u> – באַנקראָטירן, אָנגעצן.

<u>גיין באַרג=אַראָפּ</u> – ערגער ווערן, אַרײַנפֿאַלן אין אַ שלעכטן מצב,

אויסענדיקן זיך. % די געשעפֿטן <u>גייען באַרג=אַראָפּ</u>.

די פּאַרטיי <u>גייט</u> שוין <u>באַרג=אַראָפּ</u>.

1932 " |...| ווי אַן אויפֿגייענדיקן שטערן אין דער

משפּחה, וואָס איז שוין געגאַנגען באַרג=אַראָפּ". קאנק

קולבאַק, 9/8, 14.

1968 " זינט מיר האָבן דיך אַרייַנגענומען אין געשעפֿט,

האָט אַלץ גענומען גיין באַרג=אַראָפּ". גראַדע, 7, 347. קאנק

גיין בגילוי עריות |בעגילוי אַראַיעס| - גיין נאַקעט.

גיין בגילוי ראש |בעגילוי ראָש| - גיין אָן אַ היטל, אָן אַ קאַפּל.

גיין בדרך הישר |בעדערך האַיאָשער| - זײַן ערנטלעך, פֿרום.

1944 " |...| גרויסע גיבורדיקע זין, וואָס זײַנען

נישט געגאַנגען בדרך הישר און זיך געחבֿרט מיט דער קאנק

קוטנער אונטערוועלט". טרונק, 3, 87.

<u>גיין בטל</u> |באַטל| - ניט אַרבעטן, ניט טאָן גאָרניט.

1843 " |...| ווייַל דיא טוסט בטל גיין דרום שמעקט

1154 דיר ניט דאס עסין". <u>ר' אהרן מטריבוש, 1, דף ג - 2</u>.

<u>גיין ביזן בלוט אַרייַן</u> - קעמפֿן ביזן לעצטן, ניט אַפּשטאַלן זיך פֿאַר קיין זאַך אין אַ קריגערייַ מיט עמעצן.

<u>גיין בעקעלניע</u> - (<u>לאָקל, קאָוונע</u>) גיין נאַקעט, אָן הויזן. |<u>פֿער 92, נ' 14</u>|.

<u>גיין בקומה זקופֿה</u> |בעקוימע זקופֿע| - האַלטן זיך שטאָלץ.

<u>גיין גלייַך אויף גלייַך</u> - גיין אין שותּפֿות אויף גלייַכע באַדינגונגען.

<u>גיין גלייַך צום פּסוק</u> - באַציִען זיך דירעקט צום ענין, זייַן אין גאַנצן אָפֿנהאַרציק.

גיין געבראָכן - באַנקראָטירן, רויִנירט ווערן מאַטעריעל,

פֿאַרלירן אַ סך געלט.

1962 " הונדערט נײַע אונטערנעמונגען קענען פֿאַרווענדן

אומזיסט געלט און מי און גיין געבראָכן מיט אַ שאָדן 1478

פֿאַר דער עקאָנאָמיע בכלל". ב.צ. גאָלדבערג, פֿער 69, 11/V.

גיין די כּפּרה (פֿאַר עמעצן) - זײַן שטאַרק פֿאַרליבט

אין עמעצן ביז גרייט זײַן צו טאָן אַלץ פֿאַר אים.

1970 "וואָס זי זאָל נישט זאָגן - געפֿעלט, און אַלע

גייען פֿאַר איר די כּפּרה". ב. דעמבלין, פֿער 9, ר"ה-נומער. 2174

גיין דעם טײַוול אין די אויגן אַרײַן - שטאַרק

ריזיקירן, זײַן שטאַרק אײַנשטעלעריש.

גיין האלב וועג - גיין אויף אַ פּשרה, אַנטקעגנקומען (אין אַ וויכּוח, סיכסוך).

גיין האַנט אין/בײַ האַנט - זײַן צוזאַמען, פֿאַרבונדן, געאייניקט.

1877 " איך פֿלעג אים אויפצווײַזן, דאָס אונדזערע יִדישע רעליגיאָן איז גראַדע די וואָס גייט האַנט אין האַנט מיט די העכסטע אויפֿקלערונגען". דיק,71,84. 820

גיין הגבה|האַגאָווע| - גיין מיט דער ספֿר=תורה אויפֿגעהויבן.

גיין הײַטע - (קינדער=לשון) גיין שפּאַצירן, גיין אַרויס אויף דער גאַס.

גיין הינטן אַרום - אָפּנאַרן, ניט זײַן אָפֿנהאַרציק.

גיין הקפֿות|האַקאָפֿעס| - אַרומדרייען זיך מיט די ספֿר=תורות
אין יום=טוב שׂמחת=תּורה.

1962 " אַ מאָל שׂמחת=תּורה פֿלעגן דער חזן מיט די משוררים
זינגען און גיין הקפֿות אויף דער אייבערשטער גאַלעריע 2288
פֿון שול". יזב 1, 225.

גיין וווּהין די אויגן טראָגן - גיין אָן אַ באַשטימטן ציל.

גיין וווּ דער קיסר גייט צו פֿוס - גיין אין טואַלעט
צו טאָן די נאַטירלעכע באַדערפֿענישן.

גיין זײַט בײַ זײַט - גיין צוזאַמען, געאייניקט.

גיין זײַן וועגס - שטאַרבן.

1866 " ווען אַפילו מען רײַבט אים |דעם קראַנקן אויף
1799 כּאָלערע| און מען ראַטעוועט אים גאָר שטאַרק, לעבט ער
עטלעכע טעג און דערנאָך גייט ער ערשט זײַן וועגס".
פֿער 177, נ׳ 83, ז׳ 518.

גיין טבֿילה |טווילע| - גיין אין מיקווה אַרײַן זיך
טובֿל זיין.

1935 " נישט אײן מאָל פֿלעגט גרונם שמשׂ |...| אומגיין
קאנק פֿון לאָדן צו לאָדן און אָנקלאַפּן, דאָס די מיקווה איז
פּסול און מע טאָר זיך ^א נישט דערנענטערן צו די ווײַבער,
וואָס זײַנען הײַנט געגאַנגען טבֿילה". באשעווויס, 37,1.

1968 " טאָמער טרעפֿט זיך אַ מקרה בלתּי טהור, דאַרף מען
קאנק פֿאַסטן און גיין טבֿילה, אַפילו אין די גרעסטע פֿרעסט טאָר
מען זיך נישט פֿוילן גיין אין מיקווה". גראַדע, 7, 309.

גיין טריט ביי טריט - גיין פּאַמעלעך, געלאַסן.

גיין טריטוואַסער - שווימען אויף/געוויסן אופן - אַזוי ווי שטייענדיק.

גיין טשיק=טשאַק - (לאקל, סאַניק) "גיין קרום, ווי אַ שיכּור" |קטוּו|.

גיין כּשורה |קשורה| - פֿאָרקומען, געשען ווי עס דאַרף צו זײַן, גוט, אָן שטערונגען.

1908 " אַז דיר גייט נאָר דײַן געשעפֿט כּשורה,// ווערסטו באַלד קענטיק אויפֿן צורה". קלעבאַנאוו, 29,1. 2303

1961 " האָט מיר גענומען אַ שטיקל צײַט בין, אַלץ האָט גענומען גיין כּשורה". קלאַרמאַן, פֿער 26/I,69. 2197

גיין כּאַדאַראַם (די שטוב, די גאַס, די שטאָט) – טומלען זיך,
רודערן זיך, ווערן סקאַנדאַליזירט.

1867 " אַ וואָרט פֿאַר אַ וואָרט |...|, די שטאָט איז
1629 אַזש געגאַנגען כאַדאַראַם". לינעצקי, פֿער 177, ג' 44, ז'326-ז.

1916 " ווײַ=ווײַ, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן! גאַנץ
קאנק עליס=אײַלאַנד איז געגאַנגען כאַדאַראַם".
שלום=עליכם, 8א, 47.

1966 " איז דאָס גאַנצע שטעטל מוכאָוויעצק געגאַנגען
1431 כאַדאַראַם". י. פּערלאָוו, פֿער 155, XII/30.

(?ב?) גיין כּאַטי פֿאַ כאַטי –"גיין פֿון איין שכן צום צווייטן
און באַרעדן, פּראָוועץ רכילות"|קטוור|.

גייז לאיבוד |לעיבעד| - פאַרלאָרן ווערן, צעפּטרט ווערן, צו נישט ווערן.

1825 " אַז איך דר מאן זיך אן אייער מיהע איז ניט אן גלייגט און אייער קאסטן גייט לאיבוד". 2306

אנ, מסדר אגרת, ציט עלזעט, 3, 65.

1873 " ייִדיש געלט, ייִדיש בלוט גייט לאיבוד". 2186

מענדעלע, 1, קאנק 167400.

1929 " די גאַנצע מי, וואָס דער סטאָלער לייגט אַרייַן |...|, וועט אזוי אַרום גייז לאיבוד".

בערמאן, 2, 55.

גייז לבֿד |לעוואַד| - דזוו דפּוו.

גייןּ לײדיק(און לויז) – א) ניט אַרבעטן, ניט טאָן גאָרניט,
פֿטרן די צײַט.

... " שיין ביסטו, אַ פֿידל האָסטו,// שפּילן קאָנסטו
1034 זײַער שיין,// לײדיק גײסטו, משוגע װערסטו,//
איז אַ בראָך צו־דיר אַלײן". פֿאָלקסליד.

ב) גיין אָן אַ משׂא, לאַסט, ניט טראָגן גאָרניט.

1948 " איז אויך ניט צו זען געװען קיינעם, אויסער
קאנק זײ צװײ: לוזין, אין אַ זומערדיקן װעגמאַנטל |...|,
און סרולין |...| װאָס האָט געטראָגן אויפֿן רוקן אַ
שװערלעכע טאָרבע, אין װעלכער ס'האָבן זיך געפֿונען
אויסער זײַנע אייגענע זאַכן אויך זאַכן פֿון דעם |...|
װאָס איז געגאַנגען לײדיק". נסתּר, 6, 440.

גיין לעבן די שיך - (איר) גיין אין צעריסענע שיך.

1958 " איר'ט געדאַרפֿט אָנקוקן די חבֿרה... זיי זענען
1628 געגאַנגען לעבן די שיך". י. וואַרשאַווסקי, פֿער 155, XI/27.

גיין לצורך |לעצוירער| - גיין טאָן די נאַטירלעכע באַדערפֿענישן.

1889 " דאָרטן אין גרוב האָבן זיי געדאַרפֿט לצורך אויך גיין".
2315 אנ, מפענח נעלמים, ז' 2.

1967 " אַ ייִנגל וואָס האָט געזאָגט, אַז ער גייט לצורך
2314 (טאָן זײַנע באַדערפֿענישן), איז גאָר געשטאַנען אין
דרויסן און נאָכגעקוקט די פֿייגעלעך, ווי זיי פֿליִען".
א. אויערבאַך, פֿער 69, II/27.

(88)

גיין מחיל אל חיל |מיכאַיִל על כאַיִל| - מצליח זײַן אַלץ
מער און מער, שטײַגן אין דער מדרגה/מעמד.

1919 " ער איז גיך געגאַנגען מחיל אל חיל, געשטיגן

און געוואַקסן אין דער תּורה". לייזעראָוויטש, 2, 20. 1815

1961 " עס איז ניט קיין וווּנדער, וואָס דער צד שכנגד

גייט מחיל אל חיל אויף אונדזער חשבון". 1815/1

ש. סיגלער, פֿער 69, VI/28.

גיין מיט אַ בלויזן/הוילן קאָפּ - גיין אָן אַ היטל/קאַפּל.

גיין מיט אונטערשפּיצלעך - אָפּנאַרן, איבערקליגלען.

1940 " אַדרבה, זאָל ער זען, אַז מע גייט דאָ ניט מיט

קיין שום אונטערשפּיצלעך". בערגעלסאָן, 14, 432. 1593

גיין מיט אַ נאָז - זײַן ברוגז.

|1926 - 1931| " קיינער צווינגט דיך נישט -איז רבֿקה

געגאַנגען מיט אַ נאָז". אָפּאַטאָשו, 14, 178.

<u>גייַן מיט בייזן</u> - באַציִען זיך צו עמעצן שטרענג, אָנווענדן שטרענגע מיטלען, אָנווענדן כוח. % מיט קינדער טאָר מען ניט <u>גייַן מיט בייזן</u>.

<u>גייַן מיט גוטן</u> - באַציִען זיך גוט, מילד, פּרוּוון איבערצייַגן.

1968 " זיי |די ראשי הקהלות| האָבן געגלייבט די מרצחים און זיך אייַנגערעדט, אַז אויב מען וועט <u>גייַן מיט גוטן</u> און ווייַזן די דייַטשן אונטערעניקייט, וועט מען מצליח זייַן אָפּשטויסן כּל גזירות קשות". <u>ש. רוזמן</u>, <u>יזב 20, 300</u>. 2321

<u>גייַן מיט די האָר</u> - בדלות ווערן, רוינירט ווערן.

... " ווען ניִשט איר, וואָלטן מיר נעבעך געקאָנט <u>גייַן מיט די האָר</u>". <u>מענעלע 3, 22, 88. |ציט עלזעט, ג2, 41|</u>. 2322

<u>גיין אַמיט די הענט</u> – שלאָגן זיך, וואַרפֿן זיך שלאָגן.

1919 " אַז ער וועט <u>גיין מיט די הענט</u>, בין איך אים גרייט

אײַנצוווייקן בײַ'ם ערשטן משא=ומתּן". <u>בימקאָ, 49,1.</u> 779

<u>גיין מיט די פּיאַטעס אין דרויסן</u> – גיין מיט צעריסענע (?ב?)

שיך און זאָקן.

<u>גיין מיט דער האנט</u> – גיין גרינג, אָן שוועריקייטן.

<u>גיין מיט דער טאָרבע</u> – גיין בעטלען.

<u>גיין מיט דער נאָז אַראָפּ</u> – זײַן דערשלאָגן, געפֿאַלן בײַ זיך.

<u>גיין מיט דער נאָז אַרויף</u> – זײַן צופֿרידן, שטאָלץ.

<u>גיין מיט דער פּושקע</u> – זאַמלען באַשטײַערונגען, נדבֿות

פֿאַר עמעצן אָדער פֿאַר אַ קהלשן צוועק.

1844 " ער קען אַ ביסל זינגען אויפֿן אַלטען שטייגער,
|...| אַ שטיקל קורא, ער גייט מיט דער פֿושקע אין דער 804
פריא בה"ב |?| מאנטיג און דאנערשטיק". ליאָן דאר, 1,

גיין מיט דער סבֿרה - האָבן אַ געוויסע מיינונג, געדאַנק,
שיטה, צוגאַנג.

1887 " ד/ גייסט אַוודאי מיט דער סבֿרה, ווי אַלע משׂכּילים,
אַז אַ מענטש דאַרף זיך פֿרײַער אויסלערנען אַ פּראָפֿעסיאָן 1777
|...| און ערשט דערנאָך זיך אַליין אויסקלײַבן אַ כּלה".
פּער 74, נ׳ 17, ז׳ 249.

גיין מיט הינטערוועגלעך - אָפּנאַרן, כיטרעווען, ניט זײַן
אָפֿנהאַרציק.

גיין מיט כּוח |קויעך| - וואַרפֿן זיך שלאָגן.

גיין מיט שבת=טריט - גיין געלאַסן, פּאַמעלעך.

גיין מיטן גאַנג - האַלטן זיך בײַ אַ געוויסער מיינונג, שיטה, האָבן אַ באַשטימטן צוגאַנג.

גיין מיטן דרך - דזוו דפוו.

גיין מיטן טעלער - זאַמלען נדבֿות.

גיין מיטן עטאַפּ - פֿאַרשיקט ווערן אויף קאַטאָרגע. (?נ?)

גיין מיטן קאָפּ אַראָפּ - א) זײַן אין אומאָרדענונג, כאַאָטיש,
% די שטוב גייט מיטן קאָפּ אַראָפּ, אַלץ איז צעוואָרפֿן.
ב) זײַן דערשלאָגן, אָפּהענטיק, געפֿאַלן בײַ זיך.

1920 " אַן אָרעמאַן גייט שטענדיק מיטן קאָפּ אַראָפּ".

עלזעט, 2ג, 19. 1830

**גיין מיטן קאפ אַרויף** - זײַין זיכער בײַ זיך, שטאָלץ.

**גיין מיטן קאפ דורך דער וואַנט** - טאָן אומפּראַקטישע מעשׂים.

**גיין מיטן שטראָם** - זוכן זיך גרינגע וועגן, צופּאַסן זיך, זײַין אָפּאָרטוניסטיש.

**גיין נקבֿים** |נעקאָווים| - טאָן די נאַטירלעכע באַדערפֿענישן.

1886 "דו, משה, שטיי אויף גאַנץ פֿרי, ווײַסטו אים |פּרעהן| טרעפֿן בשעת ער **גייט נקבֿים** דאָרט".
איבן אנ, תנחומא, דף 45.

**גיין נקיות** |נעקיִעס| - דזוו דפֿוו.

1919 " מע דאַרף זיך געוויינען צו **גיין נקיות** אין דער פֿרי און פֿאַר נאַכט". זאַלער, 1, 8.

<u>גיין פֿלאַטשיק</u> – גיין שלעכט. % די געשעפֿטן <u>גייען פֿלאַטשיק</u>.

1867 " |...| קיין שום נײַעס. דער עסק <u>גייט פֿלאַטשיק</u>,

1806 קיין פּרנסה איז נישטאָ", <u>פֿער 177, נ׳ 11, ז׳ 82 – T.</u>

<u>גיין פּיסנע</u> – זײַן ניכטער, ניט האָבן געטרונקען קיין

פּוסע.

1876 " אונדזער צעך <u>גייט נישט פּיסנע</u>". <u>לינעצקי, 1, 94.</u>

<u>גיין פֿליטה</u> |פֿלייטע| – א) אַנטלויפֿן. ב) באַנקראָטירן,

אָנזעצן.

1898 " ויהי היום, איין ייִדישער סוחר האָט געברויכט

2434 צו <u>גיין פליטה</u>, כּדרך כּל הארץ". <u>י.ל. מאָרגענשטערן, 1, 119.</u>

1951 " |...| האָבן זיך די געשעפֿטן געשלאָסן, די בעלי=

2335 בתים <u>זײַנען געגאַנגען פֿליטה</u> און געמוזט עמיגרירן".

<u>פֿער 106, 1577.</u>

**גיין פֿאַר זיך** – א) איינפֿירן אַן אייגן געשעפֿט (וואַרשטאַט, קראָם) אויפֿהערנדיק צו אַרבעטן ביי יענעם. % ער קען שוין די מלאכה, שוין צייט צו גיין פֿאַר זיך.

ב) אָנהייבן פֿירן אַן אייגענע בעל=הבתישקייט (וועגן א יונג פּאָר=פֿאָלק, וואס איז פֿריִער געזעסן ביי עלטערן אויף קעסט. % דריי יאר איז דאָס פֿאַרפֿאָלק געווען אויף קעסט ביי שווער און שוויגער, איצט גייען זיי פֿאַר זיך.

**גיין פֿאַרלוירן** – ווערן פֿאַרלוירן, פֿאַרפֿאַלן.

1907 " דער טאַטע האָט געוואָלט בלייבן דאָ, האָט מען נישט געקאָנט. די גאנצע שיפֿסקאַרטע וואָלט געגאַנגען פֿאַרלאָרן". שלום=עליכם, 8א, 240. קאנק

1948 " נישט בלויז זיין גוטער נאָמען גייט דאָ פֿאַרלוירן, נאָר ער אַליין פֿילט זיך שוין ווי ניט קיין היגער". נסתּר, 6, 196. קאנק

גיין פאַרן ברעטל - שטעלן זיך דאַוונען פאַרן עמוד, ווי
אַ בעל=תּפילה.

גיין פאַרן עמוד |אמעד| - דאַוונען ווי אַ בעל=תּפילה
בײַם עמוד.

גיין ניט פויגלדיק - גיין שלעכט (וועגן געשעפט, געזונט).

1925 " מיין האָלץ געשעפט |...| כאָטש יעצט גייט עס גראָד
נישט פויגלדיק, וועל איך זיך מיט אים נישט שיידן". 2342
עהרמאַן, 1, 18.

גיין פון דער האַנט - א) פאַרקויפן זיך גוט (וועגן סחורה).
ב) ווערן צעפּטרט, פאַרשווענדט, אויסגעבראַכט.

גיין פון דער וועלט - שטאַרבן.

1871 " זאָג נאָר, דו ברענענדיקע שלאַנג, דורך וועמען איז
2343 די ערשטע |ווייב| געגאַנגען פֿון דער וועלט?", רוף, 13,2.
1948 ' פֿאַר דער צייַט פֿון דער וועלט געגאַנגען, -האָבן
קאנק געזאגט נאָך אַנדערע". נסתּר, 6, 399.

גייִן פֿון האלדז - זייַן נימאס, איבלדיק.

גייִן פֿון שאשען צו דוואשען - פּראַווען רכילות.

גייִן פֿראַש-פֿראַש - וועגן אַ ספּעציעלן אופֿן פֿון שווימען |סטוטש 170|.

גייִן פֿרייִע טאליע - „גייִן לייַכט אָנגעטאָן" |קטוור|.

גייִן צו בעט - לייגן זיך שלאָפֿן.

גייִן צו גאַסט - אָפּשטאַטן אַ וויזיט, קומען צו עמעצן ווי אַ גאַסט.

<u>גייַן צו גרונט</u> – ווערן צו נישט, צעשטערט, רויִנירט,
ווערן אַ תּל.

1888 " זייערע געשעפֿטן <u>גייען צו גרונט</u>, פֿון זייערע
1175 ווײַבער און קינדער ווערט אַ תּל". <u>בעקערמאַן, 9, 40.</u>

1943 " ... | וואָלט דען בעסער געווען, אַז צוזאַמען מיט
קאנק אים זאָלן אויך די קינדער <u>גייַן צו גרונט</u>?".
<u>נסתּר, 5, 329.</u>

<u>גייַן צו דער פֿיגור</u> – פּאַסן צו דער פֿיגור.

<u>גייַן צו מענטשן</u> – איך אַ סיכסוך זיך ווענדן צו אַנדערע
מענטשן אָדער צו בוררים, זיי זאָלן פּסקענען ווער ס׳איז
גערעכט.

1964 "ער האָט געפֿאָדערט, אַז דער מיראַנאַווקער נגיד
1432 זאָל מיט אים <u>גייַן ׳צו מענטשן׳</u>". <u>פּ. רודאַי, פֿער 19/VII.69.</u>

(?נ?) גיין צו פוס – א) ניט פארן, נאר גיין מיט די פיס.

1870 " ...| מיידלעך |...| פון אלע דערפער ארום

2742 גייען צו פוס נא באגאמאליע". צעדערבוים, 7,1.

1946 " אין דער גמינע אריין איז ער געגאנגען צו פוס

קאנק און נישט געפארן אויף א קאטש, ווי ר' ישעיה".

טרונק, 4, 116.

ניט הספרן

ב) (דריטפערזאניק) קיין ווערט (ס'רוב געניצט אין

נעגאטיוון זאץ: ניט גיין צו פוס -- האבן א ווערט,

זיין ווילכטיק).

1898 " און טאקע רוים גופא? דאס גייט בבי איין

1780 צו פוס? הא? עפעס זאגט מען דאך פארט 'אזוי גרויס ווי

רוים'". ליבעצקי, 10, 5.

1907 " פֿאַר אַ צענדליק פּיאַווקעלעך קאָנט איר באַקומען

דרײַ גראָשן, |...| עס גייט נישט צו פֿוס". 1669

שלום=עליכם, 8א, 35 - 36.

[1926 - 1931] " פּופּצן צי זעכצן טאָלער אַ וואָך, פֿאַרשטייט

איר מיך, גייען נישט צו פֿוס". ~~שלום=עליכם, 8א, 35 - 36.~~ 1669

[illegible], 7, 53. ([illegible])

גיין צו קינד - געפֿינען זיך אין פּראָצעס פֿון געבוירן

אַ קינד.

1898 " ייִדן גלייבן, דאָס בײַ אַ ייִדענע, וואָס זי גייט

שוואַנגער צו קינד איז אַ סגולה, דאָס דער בעל=מפטיר 2194

זאָל פֿאַר איר לייענען די הפֿטורה, וועט זי גרינג האָבן".

י.ל. מאַרגענשטערן, 1, 67.

1901 " שלימזל! ווען קומט איר אויס גיין צו קינד?

ערבֿ יום=טובֿ!". שלום=עליכם, 7א, 21. 2366

(?נ?) גייִן צו רותן - (שלש) גייִן אין צעריסענע בגדים (וואָרטשפּיל: צו רותן, גאַליציאַנער דיאַלעקטיש: צי ריסן) |סטוטש 523|.

(?נ?) גייִן צו תּשליך |טאַשליך| - אָנטייל נעמען אין דעם סימבאָלישן אַקט פֿון אַרײַנוואַרפֿן די חטאים אין טײַך אַרײַן, אום ראש=השנה.

גייִן צו דער עקידה | אַקײדע| - זיך מקריבֿ זײַן געצווונגע-נערהייט.

גייִן צום ברעטל - דאַוונען פֿאַרן עמוד.

גייִן צום טיש - גייִן עסן.

1936 " פֿאַר וואָס, ר' אבֿרהם=ישראל |...| אײַלט איר זיך אַזוי, איר ווילט נישט מיט אונדז צום טיש גייִן?". הארענטשיק, 3, 171. 767

1948 " |...| מע וואַשט זיך און מע <u>גייט צום טיש</u>, מע

קאנק זעצט זיך אויס |...|". <u>נסתּר, 6, 52.</u>

(?ב?) <u>גיין צום פּונקט</u> – צוטרעטן גלײַך צום ענין, צו דער זאַך.

<u>גיין צווישן די רעגנדלעך</u> – ניט פֿאַרנעצן זיך, זײַן טרוקן |<u>סטוטש 224</u>|.

<u>גיין צווישן מענטשן</u> – ניט זײַן אָפּגעזונדערט, זײַן געזעלשאַפֿטלעך.

<u>גיין קאַמערינע</u> – "גיין ווײַנען אין אַן אַנדער געדונגען הויז"|<u>א. אויערבאַך, ציט מ. אונגער, פּער 69, 1/VI/1963</u>|

<u>גיין קאַפּוט</u> – ווערן צו נישט, אויסענדיקן זיך.

1893 " מענדל האָט זיך גענומען צו לשון=קודש. דער

2373 שיעור פֿון 'יבמות', וואָס ער האָט אַלע טאָג פֿאַר זיך

געלערנט און 'נדרים', וואס ער האָט צוזאַמען מיטן חדר

געלערנט, זיינען באַלד געגאנגען קאַפּוט". גאָרין, 12,1.

**גיין קוממיות** |קוימעמיעס| - גיין אויסגעגלײַכט, שטאָלץ.

**גיין קעגן** (עמעצן/עפּעס) - [illegible], זיין קעגן, זיין אין סתירה.

1938 " זײַן קאַמף גייט קעגן דעם שכל, קעגן דעם וויסן,

407 קעגן דער פֿאָרמולע |...|". קאָראַלניק, 1, 70.

**גיין קרוע = בלוע** ( וואָר: קריעה=בליעה) - גיין אין

צעריסענע קליידער.

1871 " די קינדער גייען קריעה, בליעה". רוף, 2, 20.

1938 " <u>גייט ער קרוע=בלוע</u>, פֿירשטלעך=שטאָלצערהייט

|...|". <u>ליעסין, 1, ~~[illegible]~~ 270</u>.

<u>גיין שיסן</u> - (<u>שגל</u>) גיין ברענגען שפּײַז פֿון יענער זײַט

געטאָ.

<u>גיין שלינג=און=שלאַנג</u> - זײַן זייער הונגעריק און

דאָרשטיק, ניט האָבן וואָס צו עסן.

1866 " לערן 350 קינדער <u>גייען שלינג=און שלאַנג</u>".

1796 <u>פּער 177, נ׳ 47, 720</u>.

ה) ווערטלעך:

די שטאַט (די גאַס די שטוב, די שול) גייט אויף רעדלעך/רעדער -

עס טומלט זיך, ס'איז אַ גערודער, אַ סקאַנדאַל.

1938 " קיעוו גייט אויף רעדלעך - אין רעגירונג אַרײַן,

די אַנדערע אַרויס, רעזשימען בײַטן זיך". קאַראַלניק, 1, 67. 2224

1944 " שקלאָוו וועט גיין אויף רעדלעך". שניאור, 13, 8.

1961 " ס'איז עפּעס געווען אי אַ שפּיל און אי חוזק.

נישט קיין ברית און נישט קיין חתונה, און דאָך 1441

אין די שול געגאַנגען אויף רעדלעך". י. קייטעלמאַן,

פּער 9, ר"ה - נומער, ז' 52.

דער קאָפּ גייט אויף רעדלעך - וועגן איינעם וואָס איז

זייער פֿאַרזאָרגט, פֿאַרטומלט מיט פֿאַרשיידענע ענינים.

וואָס פֿאַרא סדרה גייט הײַנט? – א) וועלכע פּרשה פֿון

דער תורה ווערט געלייענט הײַנטיקע וואָך.

1923 " וואָס פֿאַרא סדרה גייט, ייִנגעלע, זאָג, וואָס פֿאַרא

סדרה גייט? – דאָס ייִנגעלע: – וישב!".

יחזקאל נײַמאַן, 1, 39.

ב) וועגן וואָס רעדט מען איצט, וואָס איז איצט אַקטועל,

וואָסערע פּראָבלעמען זײַנען פֿאַראַן? [illegible]

[illegible]

ער גייט אויף דראָטן – געזאָגט וועגן אופֿן גיין פֿון אַ שיכּור.

ער וועט בײַ מיר גיין אויפֿן שטריק – כ׳וועל זיך אין

אים נוקם זײַן, ער וועט מוזן טאָן וואָס איך וועל הייסן.

ער קען גיין אונטערן טיש שפּאַצירן – וועגן זייער אַ

נידעריקן מענטשן.

איז ער ניט דערגאַנגען צום באַרג סיני - וועגן איינעם,
וואָס איז ניט איבעריק קלוג.

ער גייט דײַטש=מוטער=באָרוועס - א) וועגן איינעם וואָס
מאַכט זיך פֿאַר אַ קענער. ב) וועגן איינעם וואָס גייט
אין דערציסענע שיך.

סטראַגע געפֿירט און באָרוועס געגאַנגען - דזוו דפּוו, ב 2.

ער איז ניט פֿון די וואָס גייען צען פֿאַר אַ גראָשן -
(וואָר: צוויי פֿאַר א דרײַער)-(אָפּט איראָניש) ער איז
נישט אַבי ווער, ער איז אַ חשובֿער מענטש.

ער איז אַ גייענדיקע ענציקלאָפּעדיע - וועגן אַ מענטשן,
וואָס איז אַן ערודיט, האָט זייער אַ סך וויסן און
געדענקט אַלץ.

ער גייט ווען קיין הענער קרייען (ניט) און קיין מענטשן
זעען (ניט) – ווען אַ גנבֿ.

זיי גייען אין איינעם ווי מטות און מסעי |מאַטעס און מאַסע|
– ווען מענטשן אָדער געשעענישן וואָס גייען איינער
נאָכן אנדערן*.

זיי גייען אין איינעם ווי תזריע-מצורע |טאַזריאַ-מעצוירע|
– ווען צוויי שלעכטע מענטשן וואָס האַלטן זיך צוזאַמען.

ס'איז מיט אים ניט שטיי און ניט גיי – ווען איינעם,
וואָס מע קאָן מיט אים גאָרניט אויפֿטאָן, מע קאָן זיך
אויף אים ניט פֿאַרלאָזן, אויך ווען אַן עקשן.

ווי עס שטייט און גייט – א) נעמען אַ מיידל ווי זי שטייט
און גייט – אָן נדן.

1886 " נישט אַלע פּורים טרעפֿט זיך אַזאַ נס! נעמען אַ

2082 מיידל ווי זי שטייט און גייט, באַהעגנען און באַקלענגען,

מאַכן פֿאַר אַ פּאַרטיקע בעל=הביתטע!". שלום=עליכם, 195,25.

ב) נעמען אַ זאַך ווי עס שטייט און גייט - אָננעמען אַזוי

ווי ס'איז, אָן ענדערונגען, [illegible] 62 [illegible]

1959 " ער האָט גענומען די ייִדישע מאַסן, ווי זיי זיינען,

2233 ווי זיי גייען און שטייען". ניגער, 9, 381.

1962 " |ער| זאָגט איַיך גאַנצע בלעטער גמרא מיט אַלע

1426 מפֿרשים, ווי עס שטייט און גייט". י. עמיאָט,

פער 155, XI /25.

ג) (וועגן אַ מענטש) אָן פֿעקלעך, אָן איבעריקע זאַכן מיט זיך.

|1926 - 1931| " זיי האָבן כּמעט קיין פֿעקלעך נישט

1582 געהאַט, געפֿאָרן צום רבין ליַיכט, ווי מען גייט און שטייט".
אפּטאַטאַשו, 10, 130.

די חלה גייט אין דער המוציא |האמויצע| - די הוצאות

זייַנען גרעסער ווי די הכנסה, עס לוינט זיך נישט.

גייען זיבן מייל נאך א טרונק זויערמילך - מאַכן אַ גוזמאדיקע

אַנשטרענגונג צוליב אַ קלייניקייט.

אויסמעלקן דעם באק און גייען צום וואכערניק נאך א גמילת-חסד -

וועלן באקומען עפּעס פון עמעצן וואָס איז ניט מיגלעך.

גייען ווארעמעס - בנב |סטוטש 360|.

זאל עס גיין ווי ס'גייט! - אויסדרוק פון רעזיגנאַציע,

אפּהענטיקייט.

ניט גיין אין יענעמס ד' אמות |דאַלעד-אַמעס| - ניט

האָבן מיט יענעם קיין שום באַציִונגען, ניט חברן זיך

מיט אים.

ניטאָ מיט וועמען צו גיין צום טיש – ניטאָ מיט וועמען
עפּעס אויפצוטאָן, ניטאָ מיט וועמען צו שמועסן ערנסט
וועגן דעם ענין, ניטאָ אויף וועמען זיך צו פֿאַרלאָזן.

מיר וועלן צום רבֿ ניט גיין – מיר וועלן דורכקומען,
זיך ניט צעקריגן וועגן דעם ענין.

מײַן פּײַם גייט אויך אין דרײַ גראָשן – איך בין אויך
עפּעס ווערט, איך האָב אויך אַ חלק אין דעם.

געגאַנגען אין באָד און דאָס פּנים ניט געוואַשן – וועגן
איינעם וואָס טוט אַ האַלבע אַרבעט אָדער וואָס האָט דאָס
וויכטיקסטע פֿון דער אַרבעט ניט געמאַכט.

מע גייט שוין אין זײַנע שיך – ער איז שוין לאַנג געשטאָרבן.

דער בעל=תפילה איז בעגאנגען אין מיקווה אריין - (איר)

וועגן איינעם וואס רעדט אזוי שטיל, אז מע הערט אים ניט.

די געשעפטן גייען קיין דאנציק - זיי גייען שלעכט.

די געשעפטן גייען ווי אין ספירה - דזוו דפוו.

בית יעקב לכו ונלכה |ביים יאקאוו לעכו וועניילכו|,

גייט איר און מיר וועלן שפעטער קומען - (איר)

געזאגט אויף אזעלכע וואס שיקן יענעם עפעס צו טאן און

אליין פוילן זיי זיך.

שטופ מיך, איך גיי - וועגן איינעם וואס מאכט דעם

אנשטעל, אז ער וויל עפעס נישט טאן, אבער אין דער

אמתן וויל ער יא (באזונדערש וועגן א שידוך).

ער זאל אפילו גיין מיטן קאפ אראפ און די פיס ארויף,
וועט ער...— ער וועט עס מוזן טאָן, ס'וועט אים גאָרנישט
העלפן.

ס'גייט (אזש) אַ רויך/ס'איז געגאַנגען, ס'וועט גיין אַ רויך -
פראַזע וואָס שטרײַכט אונטער, עמפאַטיזירט די טויונג
פון פריערדיקן זאַץ. % מע האָט געאַרבעט, אזש אַ רויך
איז געגאנגען.

1926 " און בשעת=מעשה וועל איך דאָס אַרײַנכמאַליען די
פאָמעראַנצלעך, אַז אַ רויך וועט גיין!". אפּאטאשו, 136,5. 1588

אַ גאַנץ גייענדיק יאָר, אַ גאַנצן גייענדיקן טאָג - עמפאַטיש
וועגן דעם לאַנגן דויער פון אַ געוויסער טויונג.

1884 " וואָס עס האָט זיך מיר געפֿלומט יענע נאַכט
אָדער די נאַכט, אָדער אַ גאַנץ גייענדיק יאָר, זאָל מיר 2758
צו דײַן קאָפּ אויסגיין". ש. בערנשטיין, 1, 8.

- גיי -

1935 " און ווו. איז ער געווען א גאַנצן גייענדיקן טאָג?". 2761

נאדיר, 8, 31.

ווכיט גייענדיק - ניט=געוויינלעך, אויסערא̈רדנטלעך,

דראַסטיש. % די פּאָליציי וועט אָננעמען ווכיט=גייענדיקע

מיטלען קעגן דעם טעראָר.

גיי שלאָפֿן (וואַר: מיט די היבער)! - (איר) גיי אַוועק,

טראָג זיך אָפּ, פֿארשווינד!

גיי אויפֿן לעבער=ים - דזוו דפֿוו.

גיי קיין מצרים/קיין גושן - דזוו דפֿוו.

גיי דעם הימל קראַצן - דזוו דפֿוו.

גיי ווו. דער שבת=קודש גייט אַהין! - דזוו דפֿוו.

אדער גיי אדער פּגר |פּייגער|! - (װוגלג) דזוו דפּוו.

גיי(ט) געזונט(ערהייט)! - 1. גוטווינטשעניש צו עמעצן ביי יענעמס אַוועקגאַנג.

2. גיי(ט) אוועק, טראָגט זיך אָפּ! (געזאָגט אייפעמיסטיש, אין אַן אידעלער פֿאָרעם).

1957 "אין דעם איצטיקן געוויינלעכן שלום=עליכם קאָן מען אָפּט מאָל |...| פּילן א גיי=געזונט". י.י. שניאורסאָן, 2, ז' 3. 361

גיי שרייַ חי וקים! |כאַי וועקאַיעם| - אויסדרוק פֿון רעזיגנאַציע, געמיינט: ס'איז שוין פֿאַרפֿאַלן, ס'וועט גאָרניט העלפֿן.

גיי שרײַ אני שלמה! - אויסדרוק פֿון רעזיגנאַציע,

געמיינט: קיינער וויל (מיך) ניט הערן, קיינעם גייט

ניט אָן מײַן ענין, טענה.

ו) שור: ~~[illegible]~~

אויף ניט גיין און ניט פֿאָרן זאָל מען (קיין מאל) חרטה ניט האָבן.

אז מע האָט ניט קיין סוס, מוז מען גיין צו פֿוס.

אז מע גייט גלײַך, פֿאַלט מען ניט.

אז מע וויל אָפּטאָן דעם בעל=עגלה (א שפּיצל), גייט מען בײַם וואָגן צו פֿוס.

אז מע קען ניט אריבער, גייט מען ארונטער (וואר: ארום און ארום)

אז ס'עס גייט א געשעפט, מאכט מען עס אויף גיך.

אז ס'עס גייט, גייט אין אלץ.

אז ס'עס גייט, גייט (עס) דורך טיר און דורך טויער.

אז ס'עס גייט דעם מענטשן גוט, פארגעסט ער אין גאט.

אז ס'עס גייט ניט, איז ערגער ווי ס'שטייט ניט.

אז ס'עס גייט ניט, העלפט ניט קיין שטריקל פון א געהאנגענעם.

אז ס'עס גייט, קעלבט זיך דער אקס.

איטלעכער גייט מיט זיין וועג (וואר, שפאסיק: מיט זיין וויי טיק).

איידער אזוי צו פארן, איז (שוין) בעסער צו פוס צו גיין.

איין מענטש גייט אויף א שאק אוממענטשן.

אלע קאטשקעס גייען בארוועס.

אלע שוסטערס גייען בארוועס.

בעסער צו גיין איבערן לאנד, איידער צו ליגן אונטערן זאמד.

בעסער שלעכט געפארן, איידער גוט געגאנגען.

גיי איך (אויף) גיך, צערייס איך די שיך; גיי איך פאמעלעך
בין איך א מלך.

גייסטו גיך, צערייסטו די שיך, גייסטו פאוואליע, האסטו
א שלעכטע דאליע.

גיי פאוליע, וועסטו גיכער קומען!

גיי פאמעלעך, וועסטו ניט פאלן.

דאס שענסטע גיין איז, אז מע זיצט אין דער היים.

דארטן ווו מ'האט דיך ליב, גיי ווייניק, ווו מ'האט דיך פיינט, גיי גארניט.

די שטוב ברענט, און דער זייגער גייט.

דעם רשע גייט אויף דער וועלט, דעם צדיק - אויף יענער וועלט.

ווויל איז דעם |יידן| וואס איז ניט געשטאנען| געמיינט:
צום פריזיוו|, ניט געגאנגען [אעבער די ~~[illegible]~~ הייזער]
און ניט געזעסן|אין תפיסה|.

ווו מע גייט פיל, וואקסט ניט קיין גראז.

ווער עס נייט, און ווער עס גייט.

~~מע נעמט אויפן גלייכן דרעג, אויף מע צעברעכט א פוס.~~

ווען א שלימזל קוילעט א האן - גייט ער; דרייט ער אן
א זייגער - שטייט ער.

ווען דער פּיסק וואלט געלעגן אין דר'ערד, וואלט דער
קאפּ געגאנגען אין גאלד.

ווען עס גייט, גייט עס פון אלע זייטן.

ווען ס'גייט גלייך, ווערט מען רייך.

כל=זמן עס גייט, איז ריב מאטיע.

לעבן א שווערן וואגן איז גוט צו פוס צו גיין.

מע גייט אויפן גלייכן וועג און מע צעברעכט א פוס.

עס גייט שנעלער, אבער ניט ראיעלער.

פון בייזע לייט זאל מען גיין אויף א זייט.

קיין טאנץ פֿאר קיין עסן גייט ניט.

ז) זידלעריַיען, קללות (אפּקלייב):

גיין זאל ער (זי, זיי א ד"גל): אין די הײַזער, אין דר'ערד, ארצה, אויפֿן קאָפּ, אויף קוליעס, אין דער אדמה (וואר: מיט די האר; ...און באקן בייגל, און עסן זאמדקוכן), די כּפּרה; ווו. איך ווייס; ווו דער שבת=קודש גייט אוועק; ווו מײַן באבע רוט; כל=הקל; לעזאזל; מיטן קאָפּ אין דר' ערד; אן פּיס; פֿון טיר צו טיר; צו אלדי רוחות; צו אלדי שווארצע יאר; צו בעגיס מאמען; צו אלדי קלאגן; ראד געבראכן.

וויפל יאר ער איז געגאנגען אויף די פיס, זאל ער גיין
אויף די הענט, און די איבעריקע זאל ער זיך שארן
אויפן הינטן.

גיין.

←--- 1א.

XV י"ה " שאול גינג ביהענד אין די שטאט היניין".

שמואל=בוך, סטר' 147. 942

1595 " וועז מן ציכט אויף דיא ירידים, זולן דיא

שמשים אודר אונטר שמשים גין לגאשים, דאז דיא איין 2021

ווערפין במקום איר מאנן". קראקעווער קהילה=תקנות.

|סוף XVII י"ה| " האט איינער אויף דען בארטין פון שיף
2114 גאנגין אונ זיך זער אין ים אניין גיבוקט איז ער
אין ים היניין גיפאלין". גליקל האמיל, ז' 4.

1716 " און וואש דיא קריכט אונ' וואש אויף פיר פיס
230 גיט |...|". חובות הלבבות, 1, דף לה - !!.

<---- 1 ג.

|XV י"ה| " צו מורגנש דא עש טאגט דש דיא לויט זולטן
962 אויף שטון.// אונ' צו אירם גוט אין איר בעט הויזר
גון". שמואל=בוך, סטר' 91.

1697 " אונ' דיא קנאבן אויך וואל צו ביהן,// צו מורגנש
930 גאר פריא מאכן אויף שטין// אונ' באלד אין די שול
צו גין און צו מאכן ארן זיא בכוונה". ס' משלים, דף לא-!.

1722 " אונ׳ מיט אזו איין בפעדרונג האבן זיך ברימט גרושי

(תלמידי חכמים) דש זיא זיין פריא גנגין אין בית המדרש". 964

מנורת המאור, דף פא/ב.

←---- 1ע ד.

|XV| י"ה| " איין רויך בֿון דעם הימיל גינג היין דאן".

שמואל=בוך סטר׳ 1699. 1040

1610 " אונ׳ ער רופט גאט צו משה, דאש שטים גינג

אונ׳ גירייכט אין די אורין פון משה און ישראל

הורטן עז ניט". טייטש=חומש, ויקרא, א - א.

1728 " |...| זא נעם איין צוועהל איבר דיין קאפף אונ׳

לאז דען דאמפף אין דיין פנים גיין". סגולות ורפואות, 904

דף י"ט - !!.

←--- 1, ה.

1713 " |...| זוא האט ער זיא גירופן דז זי אויף דיא וואשר

גינג |...|". מחזור 1, קטז - !!. 1721

←--- 1, ו'.

1610 " אל די בעק זיא געז צו דעם מיר". טייטש=חומש,

קהלת, א - ז. 666

1716 " אונ' וואש דא קומט |...| פון דיא לעצטי

טראפן בלוט דש גיט |...| נאך דיא בלאז וואו די 1024

השתנה איך איז". חובות הלבבות, 1, לה - !.

←--- 1 ז.

1711 " דז וואר גלייך דער זעקשטי טאג נאך דעם דז דער

(מן) האט אן גיפאנגן צו גיין". צאינה וראינה, 2, דף סד-!!!. 1748

.2 <----

1743 " |...| ער איז מאיז פנים פר זיין חבר און'
1716 האט קיין בושה פר לייט ער פלוכט, איביג גיאן
קללות אויז זיין מאויל". קב הישר, דף מד - II.

.5 <----

1544 "דער דיר צו ריישט דיין פפעלר דיין קויניגרייך
1700 מוש ער הון.// דענוך שפראך דער קויניג זוא לוש
איך אוייך ניט גון". שמואל=בוך, סטר 275.

1697 " שטיא דיך נון ניט לענגר צו ביזינן// לאש
1166 אונז נייארט גין פון הינן |...|". ס'משלים,
דף 18 - II.

1716 " |...| כלומר ווען דיא נשמה אויז דען לייב

1757 גיט דא שרייט דר קוה אים הלז ווען איינר גוסס איז".

ס׳ המגיד, יחזקאל, ל - כד.

<---- 9.

1610 " אייך מאל קאמן צווייא פר אים אונ׳ בשיקט

2055 איינר דען אנדרן דן זיין בוים איז גיפלאנצט אן עק

פון זיין פעלד אונ׳ די צווייגן גיען אין מיין פעלד

און זיין מיר צו שאדן". טייטש=חומש, דברים, טז - יח.

1716 " |...| דער רייף (אודר דער ראנד) דאס רונד

1041 ארום גיט אום דאס ראד". ס׳ המגיד, 3, 3 - א.

<----- .10

1676 " אברהם אבינו הוט מויזן פוינף יאר שטערבן

פויר זיינר צייט דאש ער הוט ניט זולן זיהן דש 2316

עשו איז לתרבות רעה גנגן". ברנטשפיגל, פרק י"ד.

1743 " |...| איין פראה |=פרוי| גיט איין דש גלאב

|=גלויבן| פון איר מאן". שארית ישראל, דף קמא. 1765

<----- 12 א.

1743 " |...| איך הב געלט איך הב כבוד איך הב עשין

אונ׳ טרינקן גינוג אונ׳ יענר דער פרום איז הט דעם 834

דלות מוז צו מיר בעטלן גין". קב הישר, דף ב - ???.

<--- 12 ב.

1735 " |...| דא גינג ער און שליסט דיא צוועלף

842 בלינדן איין אין שווייך שטאל איין". איילין שפיגל,

דף 15.

<--- 12 ג.

1544 " דוד זענט זיין בוטן אלזוא דראט.// געט און'

2352 וראגט וועלכיא ורויא היינט צו טבילה גאט".

שמואל=בוך, סטר' 1243.

1602 " איך וויל נימר נביאות זאגן און' נימר מין

1927 גין אין דיינן בוטשפט". ס' ירמיה, כ - ט.

" עש שטעקט אין דעם ספר פיל מוסר אונ׳ סדר 1732

854 זיך דער בן=אדם זאל נוהג זיין אפילו מיט איין

קליין קינד וואש אן פאנגט צו <u>גיאן איין חדר</u>".

<u>עיין יצחק, דף 4.</u>

<--- 14 ב.

" ער קאם צו זיינן ברוידרן אונ׳ וראגט ווי <u>עש</u> 1544

1699 אין <u>גינג</u>". <u>שמואל=בוך, סטר׳ 340.</u>

" שפריך וויא איז דיר גישעהן, וויא <u>גיט</u> דיר". 1602

657 <u>ס׳ ירמיה, מח - יט.</u>

" גאר איבל עז <u>איז</u> מיר דא <u>גאנגן</u> |...|". 1697

1752 <u>ס׳ משלים, דף יג - ד.</u>

1752 " נאך זיין טוט האט ער זיך בווייזין צו אייגנם זיינם

קרוב האט ער אים גפרעגט ווי עש אים גיאט אויף 1191

יענר וועלט". ס' עץ חיים, דף כו - !!!.

.16 ←---

1544 " ער גידוכט איך זיינם זינן עש גיט אים אן זיין

לעבן". שמואל=בוך, סטר' 406.

1676 " עש איז אייך סכנה ווען זיא איר צייט האט אונ'

וואו ניט דא גיט איך אייך בויז אויג אן |...|". 1008

ברנט שפיגל, פרק יד.

.17 ←---

.17 ←----

1666 " אל דיא רשעים <u>זאל</u> עש אל זויא <u>גיין</u> // דיא
אויף אונז צו ביזן שטין". <u>איין שוין נייא ליד</u> 668
<u>פון משיח, דף טי.</u>

1743 " דש גיט אויף דיא (שבטים) דיא דא זיינן גלייך
אלש ווען זיא גפאנגן ווערן הינטר דען באך סמבטיון". 1763
<u>שארית ישראל, דף ד - 2.</u>

.18 ←----

1626 " דש שפריך ווארט <u>גיט</u> אויף דער בעל=הבית עש
מיט דען גסט אז וויא דיא גמרא זאגט מין אז דער 671
בעל הבית גיבט דען גסט צו עשן גיבט דער גסט אים צו
עשן". <u>ס' המגיד, 1, משלי, יא - כה.</u>

1766 " |...| גיט דאך דאש שפריך ווארט דער בריב איז

903 וויא ער גלייאנט ווערט אלז אייך (חלום) וויא מן אים

בשייד". אבן ישראל, דף ט׳ - !!.

.19 >----

1679 " אוג׳ וויא ער |יוסף| אונז בישיידן האט, זוא

1408 איז עש אונז גיגאנגין". בליץ, בראשית, מא - יג.

1774 " קאן ניט ווישן וויא עש דר מיט |מיט די בריוו|

1769 גיגאנגין איז, מוז זיין דז אימנד האט להכעיס גיטאן

דר מיר זאלכי בריבן אויף גיהלטן הט". חנוך לנער,

דף ז - !.

---> 21.

|?1725| "צום פירשטן וואש זיין האף האלטונג קאשט אונ'

669 וואש מן ברויכט צו דער מלחמה זאל אליש גין

אויס דיא (מדינה) אירי אום קאשטן". דרך הישר לעולם

הבא, דף מה - ז"ז.

---> 25 א.

1661 " אונ' זיא |די יונגען| ביקליידטן זיך מיט

2084 ביקליידונג דער ווייברן אונ' זיא גינגן אלץ אוב

זיא וויברן ווערן". יוסיפון, 2, דף רסז - ז"ז.

---> 25 ב.

---> 25 ב.

1676 " וועץ זיא |...| גיט איין גיהילט דא גידענקט
998 מן דאש זי איך נקיט גיוועזן |...|". ברנט שפיגל,
פרק יד.

---> 25 ג.

1752 " וועד עש גיאט איין (שעטנז) זאל ער פשטן הונדרט
1189 אונ׳ איין טאג". סעץ חיים, דף סד - !!.

---> 25 ד.

1697 " ער זאגט פיל מזמורים אונ׳ תהילים // דען גאנצי
טאג גינג ער איין טלית אונ׳ תפילין". ס׳ משלים,
דף לז - !!.

--- 25 ו׳.

1716 " אונ׳ <u>גינג נקיט</u> אין צו ריסעני קליידר".

<u>ס׳ המגיד 3, דף יח - ד.</u>

--- 25 ז.

1676 " |...| פר מייד דייני פויש פון צו <u>גיין ברבוש</u>

|...|". <u>ברנט שפיגל, פרק ט"ו</u>. 2161

1743 " דארום זאלן אלי דיא יהודים דיא אין זיין

לנד זיין <u>בארפיסיג גין</u> |...|". <u>שארית ישראל,</u> 1107

<u>דף 10 - ד.</u>

28. גיין אויף עמעצן) - ארויסטרעטן קעגן, קעמפן קעגן.

|1703? | " |...| איז צו זען, דז מן <u>איזט אויף מיר גנגין</u>

מיט אייטל אום ווארהייט". <u>מגילת איבה"</u>. 2042

## לושן גיין.

1602 " דארום איז זאגט גאט איך וויל דא איבער זי

גיין לוסין, דאש זיא ניט זולן אנטגיין מיגן". 659

ס' ירמיה, יא – יא.

## קומן צו גיין.

| XV יי"ה | " |...| דש איר אונ' המן קומט צו גאן,

// צו דער ווירטשאפט די איך אויך ביריים הוך". 2107

מגילה- ליד, שורות 861 – 862.

1723 " חבוט הקבר מוז דוא אויז שטיין // אונ' ביטרי

יסורים נאך מין// ווען די מלאכי חבלה קומן צו גיין 1029

|...|". שמחת הנפש II, דף ט"ז.

ד [גייך אייך און אויס.]

1544 " איך וויל דא היימן שטערבן איך מיינש ואטרש

הויש.// איך טויג נוימר בייא דעם קוייניג צו גוך 749

אייך אונ׳ אויש". שמואל=בוך, סטר׳ 1612.

[גייך בגילוי ראש.]

1791 " אונ יעצט גוועהנט מאך דיא קליינה קינדר צו

גיך בגילוי ראש". דיא נייאה פר קרטי וועלט, דף ט - !!. 2170

[גייך טבילה.]

" פרעה האט ניט גלוזך די ווייבר גיך טבילה |...|".

שמחת הנפש !!, דף ו׳.

[גיין פליטה.

1763 " |...| אלש ווערשט מיט דיזן ערל גיין נאך הען

3337 שעריף אין פילאדעלפי אונט איין ריט |=שריפט| פר מיר

נעמן ווערשט פר John Stout וועלכש איז פליטה גגאנגן

מכאן אונט מיר חייב איז פר סחורות".

יידישע בריוו פון 18 י"ה, ז' 84.

[גיין פארלארן] - אונטערגיין.

1679 " לאז דיא לייט ציהן, דז זיא אירם גאט דינין,

1406 ווייסטו נאך ניט , דז מצרים פר לארין גיט".

בליץ, שמות, י - ז.

[גיין פארן עמוד.

1752 " עש זיין (תחינות) פר הנדן וואש דער חזן

1190 זאל זאגן אויב ער גיט פר דעם עמוד". ס' עץ חיים,

דף נח - !!!.

## גיין צו בעט

1697 " באלד וואר זיא אלדא איבר רעט// דאז זיא

846 גינג מיט אים צו בעט". ס' משלים, דף כג - !.

## גיין צו גרונד

|1685?| " אונ' אז איין שפילר דר פר שפילט אל זייני

2345 ביזאלצונג |?| גידענקט גאר ניט איך זייני (מדינה)

וואו ער דער היים איז לאזט זיא צו גרונט גיין".

דרך הישר לעולם הבא, דף מה - !!.

[גיין צו הערצן] - איבערנעמען זיך, נעמען (זיך) צום הארצן.

1648 " דיא זך האבן מיר אונש צו הערצן לושן גון |...|".
מגילת ווינץ, ז׳ 6. 2128

1723 " צארן אודר זאריג לאז דיר ניט צו הערצין גין |...|".
ברכת המזון, דף יג/ב.

[גיין צו טיש]

1544 " |...| איך קויניג דודש הויש צו טיש מושן זיא
גון". שמואל=בוך, סטר 935. 748

[גיין צו קינד.]

1544 " |...| זיא בור גרושן לייד צו קינדן גון".

שמואל=בוך, סטר׳ 86.

1610 " |...| דיא שפייז פון דען מענשין איז צווייא

מאל אזו שווער ור גאט אז וואן איין אשה צו קינד גייט". 662

טייטש=חומש, בראשית ג - יז (מדרש).

[גיי אין די ערד! (קללה).]

1676 " |...| גיא אין די ערד און שטירב און זיא שטארב".

ברנט שפיגל, פרק יד. 1711

[גיי צום טײַוול!]

1676 " דרום מוז מען גיוואַרנט זײַן דז מען ניט רעט

1715 גיא צום טייבל|...|". ברנט שפיגל, פרק נא.

ם|גייס| גייש/ גייס – די, =ן. ציג. (?ב?)

|XV|ה" " דוד טעט ביהענדן וואש איך זייך וואטר היש

// די שוף אונ׳ אויך די גיישן ער איינם אנדרן 2942

הירטן ליש". שמואל=בוך, סטר׳ 325.

1541 " |...| דער קלאגט זייך גייש דער קלאגט זייך

בוק // דער קלאגט זייך קוא און זייך שופן". 2941

בבא=בוך, סטר׳ 532.

1697 " גאר ביהענד זאל זיא מעלקן דיא קוא אונ׳

אויך דיא גייסין |...|". ס׳ משלים, דף מד – ד׳. 2726

1737 " וושו ועזים – אונ׳ האר פון די גייסן".

מלמד שיח, שמות, כה – ד. 2727

רעד: פאראייניקן מיט "גייץ"?

גײַסט I – דער, בא. 1. פּסיכישע פֿעיִקייטן
פֿון מענטשן, דאָס דענקען, דאָס באַוווּסטזײַן; די נשמה.
% אין אַ געזונטן קערפּער – אַ געזונטער גײַסט.
דאָס לייענען באַרבײַכערט דעם גײַסט. די לײַדן
האָבן אָפּגעשוואַכט זײַן קערפּער און זײַן גײַסט.

1873 " טל איס אָן געבראָטענע לײַד, מאַך איס ברויך
און בלוי דאָס לײַב, נאָר זײַן גײַסט, זײַן נפֿש 2378
זאָלסטו היטן". מענדעלע, 1, קאַנק 140270.

1908 " דער גײַסט נייטיקט זיך אין אַ געזונטן קערפּער,
און ווען מיר שוואַכן בידים אָפּ דעם קערפּער פֿונעם 2395
קינד, איז אומזיסט אונדזער מי צו אַנטוויקלען זײַן
גײַסט". גאָטליעב, 2, 44.

1929 "טיף, ווי אויסגעקריצט אויפֿן האַרצן, דרינגען

אַרײַן אין זײַן יונגן **גײַסט** די וווּנדערלעכע מעשׂיות". 2450

<u>בעל=מחשבֿות, 2, 38</u>.

1952 " |...| די דראַמע פֿון אַ שטאָלצן, אַלטהיימישן

ייִדנס אַנטקעגנשטעלן זיך דעם **גײַסט** אָדער, ריכטיקער, 2469

דער גײַסטלאָזיקייט". <u>ניגער, 7, 209</u>.

2. לויט דער אידעאַליסטישער פֿילאָסאָפֿיע: דער אוממאַטעריעלער,

עלעמענט, וואָס ליגט אין יסוד פֿון אַלע זאַכן און

דערשײַנונגען און איז ערשטיק לגבי דער מאַטעריע.

% דער אַבסאָלוטער **גײַסט**.

3. לויט רעליגיעזע פֿאָרשטעלונגען: דאָס ניט=מאַטעריעלע
און אומשטאַרביקע אין מענטשן; נשמה.

1870 " |...| דער גײַסט פֿון דעם קעניג הוגאָ וואָס
מען האָט דאַן געגלייבט, דאָס ער טרײַבט זיך אום בײַ 2382
נאַכט ~~איבער די האָט געגלייבט, דאָס ער טרייבט זיך~~
~~[illegible]~~ איבער די שטעט |...| ווײַל ער האָט
קיין מנוחה ניט אין יענעם עולם". דיק, 49.

1946 " דער גײַסט פֿון ר' יהושיעלע קוטנער האָט נאָך
געשוועבט אין דער לופֿט |...|". טרונק, 4, 191. קאנק

4. אופֿן פֿון דענקען און פֿירן זיך, אײַנשטעלונג,
טענדענצן, דרך, גאַנג. % דערציִען אין גײַסט פֿון
ייִדישקייט. די מאַסן זײַנען באַהערשט געוואָרן פֿון
אַ רעוואָלוציאָנערן גײַסט. דאָס ווערק איז דורכגעדרונגען
מיט אַ רעליגיעזן גײַסט.

1897 " מיר, עלטערע, זענען נאָך אָנגעפֿילט מיט דעם

2479 גײַסט פֿון אונדזערע צו הייסע עלטערן". טשערני, 1.

1908 " דאָס אַלטע רוסלאַנד זיצט אויפֿן בראָכשטול,

2396 און דער נײַער גײַסט איז דער אַקושאָר. ער שטייט

גרייט צוצונעמען דאָס נײַע באַשעפֿעניש". ראָזענפֿעלד, 4, 108.

1920 " אַמעריקאַניש איז גײַסט איז די מאָדערנע פֿרוי

2389 |...|". איינהאָרן, 4, 10.

1954 " ער |ד"ר שיפּער| האָט דער ערשטער אַרײַנגעהויכט

2451 אַ נײַעם געזעלשאַפֿטלעכן, נאַציאָנאַלן און דעמאָקראַטישן

גײַסט אין דער ווי סנשאַפֿט פֿון דער ייִדישער געשיכטע".

ע. וויניק, יזב 10, 308.

5. כאַראַקטער, טעמפּעראַמענט, געמיט, נטיה פֿון אַ מענטשן
(ווערט גענויער באַשטימט דורך דעם צוגעגעבענעם
אַטריבוט). % אונטערנעמערישער גײַסט.
בונטאַרישער גײַסט. שעפֿערישער גײַסט. ער איז
דער בײַזער גײַסט פֿון דער משפּחה. אַט דער מענטש
צייכנט זיך אויס מיט זײַן אומרויִקן גײַסט.

1888 " דאָס איז דײַן גוט האַרץ, דײַן קלוגער גײַסט
און דײַן בנעימותדיקייט". י. טרובניק, פֿער 74, 2439
נ׳ 1, ז׳ 272.

1943 " מ׳רופֿט זיי " די אָבן=עזראניקעס" - אויפֿן
נאָמען פֿונעם פֿאַר=מיטלעלטערלעכן פּאָעט און פֿילאָסאָף, 2439/א
וואָס זײַן ראַציאָנאַליסטישער גײַסט האָט זיך דאָ |...|
געפֿונען". נסתּר, 6, 35.

1951 " גאָטלאָבערן איז זייער געפֿעלן געוואָרן דער
2442 באַהעמישער גייַסט, וואָס האָט געהערשט בייַ די ווילנער
משכּילים". י. שאַצקי, פֿער 106, 741.

6. מאָראַלישער כּוח פֿון אַ קאָלעקטיוו, זייַן בטחון, מוט.
% שטאַרקן דעם גייַסט פֿון פֿאָלק. דער גייַסט פֿון
דער אַרמיי איז געפֿאַלן נאָך דער גרויסער מפּלה.

... " |...| זיי ווילן מיטהעלפֿן אייַנצוגעבן דעם פֿאָלק
2491 אַפֿרישן גייַסט - ער זאָל אָנהייבן זיך צו קענען".
מענדעלע 15ב, 22.

1910 " וואָס איז די מאַכט, וואָס האָט אַזוי באַלעבנד|יק|
2413 אייַער גייַסט געהויבן?". פֿרוג, 1, 180.

1932 " אָ, מײַן פֿאָלק! זײַט אײַן און צוואַנציק הונדערט

2462 יאָר // הײַסט זיך אַלץ דער פֿײַנט אַזוי און רײַסט,//

און דאָס הייפֿל אונדזערס קעמפֿט און ווערט זיך נאָר,//

ניט מיט קראַפֿט מיט רויער, נאָר מיט **גײַסט**".

ליעסין, 3, 53.

1956 " אַז ס'זאָל אויף אים זיך אויסקריצן דער ווילן

2379 פֿונעם פֿאָלק,// זײַן הויכער **גײַסט** זאָל טאָן אויף

אים אַ בליאַסקע". מאַרקיש, 10, 172.

7. עמאַנאַציע פֿון גאָט, געטלעכקייט; שכינה.

1812 " און דײַן הייליקן |...| **גײַסט** זאָלסטו ניט

2460/א אַוועקנעמען פֿון אונדז". מענדעלע, 24, 17.

1929 " ...| און גאָטס גײַסט האָט אַרומגעשוועבט איבער
2460 די וואַסערן". בערגעלסאָן, 9, 180.

1941 " און דער גייסט פֿון גאָט האָט געשוועבט אויפֿן
2459 געזיכט פֿון די וואַסערן". תּרגום יהואש, בראשית, א - 2.

8. מהות, תּמצית, תּוך, וויכטיקסטער זינען. % וויכטיקער
איז דער גײַסט פֿון געזעץ און ניט דער אות.

9. (במ, גײַסטער, זן גײַסטן) ווען מענטשן איך זייער
פּסיכישער אויסווירקונג. % צווישן די פֿירנדיקע
גײַסטער פֿון דער רעוואָלוציע זײַנען געווען אַ סך ייִדן.

1868 " קוים וועט דאָרט |אין איטאַליע| עפּעס אויסברעכן, 
וועט עס באַלד צינדן דעם ברענשטאָף אין די פֿראַנצויזישע 2394
גײַסטער". פּער 177, נ׳ 7, ז׳ 54 - !!.

1908 " פֿאַר מײַן לאַנד פֿאַרלאַנג איך ראַכע |=נקמה|,//
טיפֿער, העכער, גײַסטער פֿלאַכע!// האַנט אין האַנט 2502
אויף גאָטס באַראָט". ראָזענפֿעלד, 2, 157.

1970 " |...| אַז אַלטער ייִדישער קיבוץ |...| פֿון
וועמעס ייִדיש געזונטע וואָרצלען עס זענען אַרויס- 2409
געוואָקסן נאַציאָנאַלע, קולטורעלע און ברייט וועלטלעכע גייסטער".
פּער 15, 802.

10. (אַצ און מצ) אומקערפּערלעך, איבערנאַטירלעך וועזן;
פֿאַנטאַזמע, רוח, דיבוק. % גוטער/שלעכטער גײַסט.
אין דער חורבֿה וואַנדלען אַרום בײַ נאַכט גײַסטער.
אַרויסרופֿן גײַסטער.

1869 " די גײַסטער-שטונדע |=שעה|, דאָס הייסט, צוועלף

2377 בײַ נאַכט, בשעת די גײַסטער האָבן זייער שליטה |...|".

דיק, 47, 28.

... " אין אונטערוועלט, אין שאָטנלאנד,// ווו· שוואַרצע

2484 ווינטן ווייען,// דאָרט וווינט דאָס גרויסע גײַסטער-פֿאָלק,

// דעם קאַלטן טויטס אַרמייען". יהואש, ליד "שאול".

1930 " ווען דער פֿרעמדער גײַסט רעדט אַרויס פֿון אים,

2432 איז דער מענטש דאַמאָלס גענצלעך באַוווּסטלאָז".

לאנגער, 1, 15.

1957 " |...| אַ סך וווּנדערלעכע גײַסטער געפֿינען זיך

2421 אויף דער ערד, |...| באַלאָטיאַניקעס אין די בלאָטעס |...|".

ברוסילאָוו, 2, 207.

|| גײַסטיק - ---> זבז.

גײַסטיש - אדי/אדוו. (נאָ) דזוו גײַסטיק. (?)

1912 " איז עס |דאָס ייִדנטום| נאָך אימשטאַנד אײַך צו
2649 באַפֿרידיקן הן מאַטעריאַליש און הן גײַסטיש".
מב"ם, 1, 6.

גײַסטעווען - אוטוו. (שנש) אויפֿפֿירן זיך ווי אַ גײַסט,
רוח, געשפּענסט).

1965 " די שדים האָבן זיך פֿון אַלץ אויסגעלאַכט און
2695 האָבן 'געגײַסטעוועט' (געטאָן פֿאַרשיידענע שטיק)
איבער דער שטאָט". האקערמאַן, פֿער 69, VIII/7.

גײַסטלאָז - אַדי/אַדוו. (דטשמ) אָן גײַסט, הומרדיק, מאַטעריאַליסטיש.

גײַסטלאָזיקייט - די, בא. (דטשמ) די אייגנשאַפֿט/מצב פֿון זײַן גײַסטלאָז.

1960 " ער מסרט זײַן אייגענע איצטיקע אינהאַלטלאָזיקייט, גײַסטלאָזיקייט און קינסטלערישע הילפֿלאָזיקייט". 2652
גלאַטשטיין, 2, 232.

גײַסטלעך - ----> זבז.

גײַסטלערײַ - די [?] (שנש) דאָס איבערטרײַבן דעם באַטײַט פֿון גײַסט.

1961 "די צוקונפֿטיקע ייִדישע מדינה וועט רעאַליזירן דעם אַבסאָלוטן צונויפֿגוס פֿון דעם גײַסטיקן און דעם קערפּערדיקן (ווי אַ קעגנזאַץ צו דער קריסטלעכער גײַסטלעריַי, וואָס איז אַנטיקערפּערדיק". 2687

א. צייטלין, פֿער 9, ר"ה =נומער, ז' 10.

רעד: ניט זיכער אין אויסטײַטש.

גײַסטערהאַפֿטיק - אַדי/אַדוו. ווי אַ גײַסט, אומקערפּערלעך אוממאַטעריעל, פֿאַנטאַסטיש.

1952 " איר זעט דאָרטן אַלץ אויס אַזוי גײַסטערהאַפֿטיק, |...| ניט=ממשותדיק". שניאור, 12, 26. 2699

גײַסטעריש - אַדי/אדוו. דזוו דפוו.

" ס'איז אָבער ש - ש - ש, און בלויז אַ סאָלאָווײ// 1939-1937

וואַרפט גײַסטעריש אַ שאָטן נאָך אַ שאָטן". 2505

סוצקעווער, 3, 98.

גײַסטערן - אוטוו. (שנש) זײַן ווי אַ גײַסט.

" [...] ווײַל ס'ליד פֿון דער אײביקייט גײַסטערט 1939-1937

אויף אײַערע שפּיצן". סוצקעווער, 3, 147. 2705

0 גײַסטאָרעם - אַדי/ אַדוו. אינטעלעקטועל ווײניק

אַנטוויקלט, מיט ווינציק וויסן.

1948 " צוהערנדיק זיך מיט שפּאַנונג צו די פֿלאַמענדיקע

2504 רעדעס פֿון פֿאַרשײדענע אינטעלעקטן |?|, האָט ער ערשט

דערפֿילט, װי אומגליקלעך איז דער מענטש װאָס איז

אומבאַהאַװנט און גײַסטאָרעם ". פֿער 44, נ' 7, ז' 49.

גײַסטאָרעמקײט - די, באַ. אײגנשאַפֿט פֿון זײַן גײַסטאָרעם.

(?נ?) גײַסטהײלונג - די; באַ; בנב |סטוטש 612|.

(?נ?) גײַסטהײלער - דער, =ס. בנב |סטוטש 612|.

(?נ?) גײַסט=װיסנשאַפֿט - די, |באַ?| בנב | סטוטש 612|.

<u>גײַסטמענטש</u> - <u>דער, =ן.</u> דער וואָס פֿאַרנעמט זיך, אינטערעסירט זיך מיט ענינים פֿון ליטעראַטור, קונסט, וויסנשאַפֿט; אינטעלעקטואַל. % ער האָט זיך געטראָפֿן אויפֿן קאָנגרעס מיט שרײַבערס, געלערנטע און אַנדערע <u>גײַסטמענטשן</u>.

<u>גײַסטקראַנק</u> - <u>אדי. דזוו</u> גײַסטיק קראַנק; פּסיכיש קראַנק.

<u>גײַסט-קראַנקייט</u> - <u>די, =ן.</u> פּסיכישע קראַנקייט; משוגעת, שגעון.

<u>גײַסטרײַך</u> - <u>אדי/אדוו.</u> אינטעלעקטועל זייער אַנטוויקלט, מיט אַ סך וויסן, ערודיציע, שאַרפֿזיניק.

1944 " דעם קאָצקערס אָנדענק און זײַנע השפּעות זײַנען

קאנק פֿיל שטאַרקער געווען אין פּוילישן חסידות, ווי די

השפּעות פֿון עלאָקווענטן און גײַסטרײַכן איזשביצער".

טרונק, 3, 131.

1959 " |...| אויף זײַן אייגענעם שטייגער איז ער

2689 געווען אַ גײַסטרײַכער און באַגײַסטערטער שרײַבער".

~~[illegible]~~ ליטער, 9, 312.

גײַסטרײַכקייט - די, בא. אייגנשאַפט פֿון זײַן גײַסטרײַך.

1949 " ער איז געווען אי לידיש, אי מלא שאָרם און

2718 גײַסטרײַכקייט". טרונק, 7, 104.

גײַסטן=... ←--- גײַסטער=...

גײַסטער=באַשווערער - דער, =ס. דער וואָס קען אַרויסרופֿן
גײַסטער.

1922 " ווייס אפֿשר דער גײַסטער=באַשווערער, וואָס דער
2698 קרעכץ איז". איבּז זאַלקינד, 4, 207.

גײַסטער=זעער - דער, =ס. דזוו דפֿוו.

1941 " און שאול האָט געהאַט אָפּגעטאָן פֿון לאַנד די
2702 גײַסטער=זעער און די טויטן=באַשווערער". תּרגום יהואש,
שמואל א', כח - 3.

גײַסטער=קאָנטראָל - דער, בא. בנב |סטוטש 616|. (?נ?)

גײַסטער=קלאַפּערײַ - דאָס, בא. בנב |סטוטש 616|. (?נ?)

**גײַסטערשטאָט** - די, ~ שטעט. 1. פֿאַנטאַסטישע שטאָט, ווו ס'וווינען גײַסטער.

2. (פֿיג) אַ שטאָט אין חורבֿות, אָן לעבעדיקע מענטשן.

1972 "איבער דער גײַסטערשטאָט האָט געהויערט איר
2709 געטרײַער שומר: דער ציגלנער טורעם פֿון דער קירכע |...|".
ראָזענפֿאַרב, 3, 466.

**גײַסטערשפּיל** - די/דאָס, =ן. פֿאַנטאַסטישע שפּיל, וואָס יאָגט אָן שרעק.

1934 "אַ, סאַראַ צער - // און סאַראַ נאַכטיק בײַזע
2710 גײַסטערשפּיל דאָס איז, - // אַ קינד פֿון שלאָף געוועקט".
מ. ל. האַלפּערן, 4, 85.

(?נ?) גײַסטער=שרײַבונג - די, |באַ?|. בנב |סטוטש 616|.

אונטערנעמונג=גײַסט - ענערגיע און גרויסע פֿעיִקייט צו איניציִיִרן און אָנפֿירן מיט אַן אונטערנעמונג, אַקציע אד"גל.

1954 " ער איז געווען בונטאַריש און האָט באַזיצט אַ

2381 גרויסן אונטערנעמונגס=גײַסט". ש. טענענבוים, יזב 10, 367.

אונטערנעמער=גײַסט - דזוו דפֿוו.

1947 " דערפֿאַר האָבן זיי זיך געמעגט גרייסן מיט

2471 וווּנדערלעכע אויפֿטוען פֿון ייִדישן אונטערנעמער=גײַסט". יזב 8, ז' 8.

אידלגיסט – אַ מענטש פֿון זייער הויכע אידעאַלן (אָפֿט אין זין פֿון אומפּראַקטישקייט), פֿון אַ ראַפֿינירטן געשמאַק אין קונסט=ענינים.

1961 " כ'האָב געזוכט דעם גוטן מענטשן, דעם אידלגיסט און זיך צוליב עפּעס=וואָס איינגעשמועסט צו גלייבן, אַז כ'וועל אים געפֿינען צווישן יענע וואָס דינען אין היכל פֿון דער דיכטונג". א. שטיינמאַן, פֿער 47, שבט=אדר, ז' 17. 2547

(?ב?) ביזנעסגיסט — דזוו אונטערנעמער=גייסט.

1910 " |האָבן| דעם אַמעריקאַנער ביזנעסגייסט און אָטעמען מיט 'בלאַף' און 'אַלרייט'". ראָזענפֿעלד, 7, 300. 2404

<u>פּיאָנער(ן)=גײַסט</u> - די אײגנשאַפֿט צו װעלן און קענען אָנהײבן אַ נײַ לעבן, נײַע אַרבעט, ניט געקוקט אויף שװעריקײטן.

1930 " דער ערשטער באַדינג, װאָס אַמעריקע פֿאָדערט פֿון
2430 אַן עמיגראַנט, איז אַ מענטש מיט אַ <u>פּיאָנערן=גײַסט</u> |...|".
<u>אײַנהאָרן, 7, 141</u>.

1951 " דער אַלטער <u>פּיאָנער=גײַסט</u> פֿון די פֿאַרצײַטיקע
2498 קאָלאָניסטן האָט זיך נאָך אַלץ ניט אויסגעװעפּט".
<u>א. שטײנבערג, פּער 106, 403</u>.

<u>קאַמפּפֿסגײַסט</u> - מוט און גרײטקײט צו קעמפֿן פֿאַר אַ געװיסער זאַך.

~~1948 " די [illegible] | קאַמפּ[illegible] | פֿון די [illegible]~~

1948 " די באַוויוקעס |=קאַמפּאָפּטיילן| פֿון די פּאַרטייען

האָבן אָנגעלאָדן מיט דירעקטן און אָפֿענעם קאַמפּסגײַסט |...|". 2412

ח. גאַרבער, פֿער 44, נ׳ 2, ז׳ 6.

שפּראַכגײַסט - דאָס כאַראַקטעריסטישע אין געבוי פֿון

אַ שפּראַך.

1949 " |...| דאָס איז באמת אַ ייִדישער אידיאָם, וועלכער

איז לחלוטין פֿרעמד דעם דײַטשן ׳שפּראַכגײַסט׳". 2383

ה. פֿראַנק, פֿער 166, III/18.

/7 גײַסט פֿון דער צײַט - כאַראַקטעריסטישע און דאָמינירנדיקע

אידעען, טענדענצן, מינהגים פֿון אַ געגעבענער עפּאָכע.

~~1970 "אויך דאָך איז די סאַנדערע ייִדן ביי געשטאַנען דער~~

1970 " און דאָך איז די סאַנדזער ייִדן בײַגעשטאַנען
דער גײַסט פון דער צײַט, |...| וואָס האָט אויך אין 2455
דער אַבסאָלוטער עסטרײַכישער מאָנאַרכיע אָנגעהויבן
אַרײַנצודרינגען". יזב, 15, 147.

1973 " בהסכם מיטן גײַסט פֿון דער צײַט האָט מען געגעבן
די בכורה דעם רמב"ם פֿאַר דער ווונדערלעכער קלאָרקייט 2446
פֿון דער סיסטעם ". מ. ווײַנרײַך, 8, 149.

אריסטאקראַט פֿון גײַסט - דער אײדלגײַסט.

1928 " האָט דער |...| אַריסטאָקראַט פֿון גײַסט, אָט דער
נביא פֿון דעם איבערמענטשן, איז געווען צופֿרידן,|...| 2490
אַז עס לייענען זײַנע ווערק עטלעכע מענטשן".
ניגער, 3, 77.

הייליקער גייסט – אין דער קריסטלעכער רעליגיע – דער

דריטער עלעמענט פֿון דער געטלעכער דרײַ־אייניקייט

(גאָט דער פֿאָטער, דער זון און דער הייליקער גײַסט).

1964 " |...| האָט |שלום אַש| באַשריבן מיט אַלע הלבֿענע

איינצלהייטן דעם מאָמענט, ווען דער הייליקער גײַסט 2422

נידערט אַראָפּ און באַמאַנט מעריין". י. גלאַטשטיין,

פֿער 69, XI / 27.

ם

גײַשט.

1.

|XV| י״ה| " והרוח תשוב – אונ׳ דר גײַשט קירט".

י״א דזילא, ל׳ נשמה" . רייכלין 8, קהלת, יב – ז. 2458

1718 " איזט עס מיר אונמיגליך דאס מײַן גײַשט קאן

רואיג זײַן |...|". מראות הצובאות. 2463

גייסט II - |דער? מצ?| (עלט) 1. מין זויערע
פליסיקייט, גענויער בנב.

1873 " בדין הקדירות של ברזל מצופים בהיתוך לבן
2454 ושוע (ווייס גלאזירט) |...| העיד אחד לפני בשם
האומנים העושים כלי ברזל |...| שצריכים הם גם
לצורך משיחת השוע לבן איזה משקה חמץ (גייסט) הוא
המעמיד הטיחה ההיא". אסד, 1, דף לט - ע"ב.

1908 " מעשה הגבינות שקורין שווייצערקעז |...|
2453 ובאותן המי חלב נותנים טיפין מהגייסט החזק ומכוח
חריפות הטיפין הללו הגבינה נקפא". יעקב הורוויץ,
1, דף נט - ע"א.

2. (רעג, מיזרח=גאַליציע) נאָפּט |קטוו|. % " דאָס

לעמפּל איז אויסגעגאַנגען, מע דאַרף קויפֿן אַ האַלבע 2466

קאָרט גײַסט, אַרײַנגיסן אין לעמפּל"|קטוו|.

................................................

רעד: ווי דאַרף מען לייענען: גייסט? גײַסט?

................................................

2470 (?נ?) גייסט !!! - דער, |מצ?| בנב.

רעד: דאָס וואָרט איז פֿון אַ זאַמלער, און ער גיט
צו אַ פֿראַגע: "פֿון אַ הערינג?" מיר דאַכט זיך,
אַז איך האָב אַ מאָל געהערט אַזאַ מין אויסדרוק וועגן
דער "מילך" פֿון אַ הערינג (אַ זכר), אָבער שווערן ו
וועל איך ניט... ש.פּ.

300 - גיי

(?נ?) ג יי ס ט ו – פֿאַרמע פֿון ווערב גיין: !! פֿערזאָן

איינצאָל איצט' צײַט, באַהאַפֿטן מיטן רעדוצירטן

פֿראָנאָם "דו". % ווּהין גייסטו? גייסטו אין מאַרק

אַרײַן, טאָ נאָם מיט אַ קיישל.

קאנק 1968 " ווען גייסטו צו דײַן רבין?". גראדע, 7, 404.

1973 " פֿאַר וואָס גייסטו אין שאָדן?". מענדעלע, 1,

קאָנק 73710.

גייסטיק - אַדי/אַדוו. 1. פֿון/ אין גייסט, שייכדיק צו גייסט (אין ב' 1), ניט קערפּערלעך, ניט מאַטעריעל; רוחניותדיק. % גייסטיקע פֿעיִקייטן. מאַכן אַ גייסטיקן אָנשטרענג. האָבן אַ גייסטיקן פֿאַרגעניגן (געניוס). איבערלעבן גייסטיקע יסורים. דער מענטש איז גייסטיק געבראָכן.

1873 "איך וויל דאָ אויסן לאָזן זייערע פּילפּולים און מאַנכע זייטיקע רייד |...| וואָס זיינען צו גלייך צו גייסטיק פֿאַר אונדזערע לעזערינען אָדער אַזוי גאָר לעזער, וואָס האָבן קיין גמרא ניט געלערנט". דיק, 65, 3. 2511

... " פֿאַרן דאַווענען גייט אַ פֿרומער ייִד אין מיקווה
אַרײַן און שווענקט אָפּ פֿון זיך די זינד. **גײַסטיק** 2515
טוט עס דער שרײַפֿטשטעלער פֿאַרן שרײַבן". פּרץ, 15, 5.

1938 " |...| אין איין אינטערוואַל פֿון **גײַסטיקער**
קראַנקייט ביז אַן אַנדערן האָט ער אָנגעשריבן זײַן 2608
אומשטערבלעכע פּאָעמע". קאַראַלניק, 1, 111.

1948 " שולדיק אין זײַן אומגעריכטן סוף איז |...| די
שטאָט, וועלכע האָט אים אָפּגעשטויסן, בײַ אים די קאנק
פּרנסה אַוועקגענומען און אים קערפּערלעך און **גײַסטיק**
אונטערגעריסן". נסתּר, 6, 274.

2. פֿון גײַסט, אין ב' 2, אידעיִש, אידעאָלאָגיש. **גײַסטיק**
אײגנס. **גײַסטיקע** רעוואָלוציע. **גײַסטיקער** המשך.
**גײַסטיקע** סבֿיבֿה. **גײַסטיקע** השפּעה.

1912 „דאָס נײַנצנטע און צוואַנציקסטע יאָרהונדערט 2569
האָבן אויפֿגעבויט נײַע גײַסטיקע בנינים, וואָס האָבן
אַן אומגעהײַערן ווערט פֿאַר דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג
|...|". זשיטלאָווסקי, 2, 166.

1923 „|יעדער וויסן| שטופּט זיך אין די ראַמען פֿון דער 2558
סכעמע, אין וועלכער עס איז אײַנגעבעט דאָס גאַנצע
ביסל גײַסטיקע און מאָראַלישע עשירות פֿון אינדיווידוום
אָדער פֿון דער געזעלשאַפֿט". גוטנבוים, 1, 1.

1953 „מיך אינטערעסירט, פֿאַר אַלעמען, די אַלגעמיינע 2556
'אײַנשטעלונג', דער גײַסטיקער קלימאַט, וואָס שאַפֿט זיך".
גרינבערג, 2, 279.

1973 " מען מעג בודק זײַן די השערה, אַז דער קאַמף
פֿון די גײַסטיקע פֿירערס קעגן דער העלעניסטישער 2584
סימבאָלן=ייִדישקייט איז געוואָרן אַלץ שאַרפֿער, וואָס
מער דאָמינירנדיק דאָס קריסטנטום איז געוואָרן".
מ. ווײַנרײַך, 8, 47.

|| גײַסטיקייט – די, באַ. אייגנשאַפֿט אָדער מצב
פֿון זײַן גײַסטיק אין ב' 1; רוחניות.

1958 " די אידייע פֿון ייִדישער אײַנוואָרצלונג אין
אַ לעבן, וואָס האָט זיך זינט יאָרהונדערטער געהאַלטן 2620
אויף דעם |...| שפּינוועבס פֿון גײַסטיקייט".
ביקל, 1, 283.

1960 "ציניזם איז אומגלויבן אין גײַסטיקײט". 2619

ב. ריווקין, 4, 119.

17 גײַסטיקער אַריסטאָקראַט – דזוו אײדלגײַסט (← גײַסט).

גײַסטיקע אַריסטאָקראַטיע – דער שיכט אינטעלעקטואַלן
(שרײַבערס, געלערנטע, קינסטלער).

גײַסטיקע אָרעמקײט – מאַנגל אין וויסן.

גײַסטיקער באַגאַזש – דער סכום וויסן וואָס אַ מענטש פֿאַרמאָגט.

גײַסטיק קראַנק – וועגן עמעצן וואָס איז ניט בײַם
קלאָרן זינען: פּסיכיש קראַנק.

גײַסטיקע שפּײַז – באַרײַכערט דעם גײַסט פֿון מענטשן
(ליטעראַטור, קונסט, וויסנשאַפֿט).

גײַסטלעך - אַדי/אַדוו. 1. פֿון גײַסטלעכע

(קלער, כלי=קודש). ~~% גײַסטלעכער שלאַנה~~.

1889 " דערנאָך האָט ער מיר אָפּגעצויגן מײַנע גײַסטלעכע

קליידער און האָט זיי אויף זיך אָנגעצויגן". 2655

דיק, 99.

1910 " אין דער וועלט שטעלן אַקטיאָרן פֿיל מאָל גײַסטלעכע

ראָלן אין גײַסטלעכע קליידער |...|". מינקאָווסקי, 1, 51. 2654

1951 " די גײַסטלעכע מיטגלידער פֿון וועד זײַנען

געווען די רבנים פֿון די פֿירנדיקע קהילות". 2658

מ. ווישניצער, פֿער 106, 183.

2. (נאָ) דזוו גײַסטיק.

1918 " איך האָב אָנגעהויבן דעם |דאָס| אַמעריקאנער

לעבן צו שטודירן און איך האָב אויסגעפֿונען אַ בראַך 2661

אויף אַ בראָך, די מענטשהייט איז פֿולקאָם גייסטלעך

פֿאַרדאָרבן". ז. קאַהן, פֿער 63, |ב'?| ז' 6.

1943 " ער איז שוין אויף האַלב אויסגעבאַטלט געווען,

גייסטלעך און קערפּערלעך. מילא גייסטלעך האָט ער קאנק

סיי ווי ניט געהאַט וואָס צו פֿאַרלירן[...]". נסתּר, 253,5.

|| גייסטלעכער - דער, מצ די גייסטלעכע.

גלח, אויך קלעריקער פֿון אַנדערע רעליגיעס (ניט=ייִדיש).

1865 " באַזונדערס האָבן די גייסטלעכע געהאַט די

אייבערהאַנט איך שפּאַניען.|...| דאָרט האָבן די בישאָפֿס

געהאַט די גאַנצע מאַכט". פֿער 177, ב' 28, ז' 25.

1910 " |...| האָט מען עס געהערט, |...| דאָס אַ ייִנגעלע

2674 פֿון 10 יאָר זאָל זיך פֿאַרשטעלן פֿאַר אַ <u>גײַסטלעכן</u> לפּי

שעה |...| און דאַוונען אויף בילעטן?". <u>מינקאָווסקי, 1, 223</u>.

1951 " איך געוויינטלעכע צײַטן האָבן די <u>גײַסטלעכע</u>

2662 פֿון אַלע קירכעס געהאַט באַקאַנטשאַפֿט מיט ייִדן".

<u>א. קאַצענעלענבאָגען, פֿער 106, 335</u>.

<u>גײַסטלעכקייט</u> – <u>די, באַ</u>. דער שטאַנד פֿון די גײַסטלעכע; קלער.

1865 " די <u>גײַסטלעכקייט</u>, די אַריסטאָקראַטיע, |...|

2684 דער קויפֿמאַנשטאַנד, |...| זוכן נישט |...| פֿלענער,

מאַכן נישט |...| חבֿרות |...|". <u>פֿער 177, נ' 39, ז' 589</u>.

1870 "די שטאָט נ. |...| האָט פֿיל אַלץ געליטן וועגן דיזן |=אָט דעם| אוקאַז |=דעקרעט (רוסיש)| פֿון אירע |...| <u>גײַסטלעכקייט</u> (דוכאָווענסטוואָ)". <u>דיק. 49א.</u>

(?נ?) ם|גייסל| גיישל/גייסל - דער, =ען. בײַטש, רוט.

1661 "אונ׳ זיא הטן אין אירן הענדן צווייא **גיישלן**

2721 |...| אונ׳ זיא שלוגן דען אליאורוס פון דיזר

זייטן אונ׳ פון יענר זייטן |...| אייך שלאק אייך

ביטרליכין". יוסיפון, 2, דף סז.

2720 1760 "שוט לסוס - איינו **גייסל**". מלים לאלוה, דף 136 -1.

(?נ?) ם |גייסלען| ג יי ש ל ן - <u>טרוו</u>. בייטשן, שלאגן מיט
א בייטש.

1743 " דא מן פיל דר פון גהאנגן האט אונ' פיל <u>האט</u>
2723 מן <u>גגיישלט"</u>. <u>שארית ישראל, דף 3 - !!</u>.

ג יי ס ע ן - ----← גיישענען.

ג יי ס ע נ ע ן - ----← <u>גיישענען</u>.

גייעס - דאָס, בא. פֿפ גאַיעס. 1. (ביטול) זאַמל=
נאָמען פֿאַר גויִים.

1923 " שטיי איך אַזוי, וואַרט איך אַזוי, וואַרט.
2777 ס'גייִעס גייט שוין פֿון קאָשטשאָל, דער מאַרק איז פֿול".
נײַמאַן, 1, 15.

1947 " דרויסן אויף די פֿעלדער // שנײַדט דאָס גאַיעס היי".
2779/א צײַטלין, 5א, 52. אהרן

2. די שפּראַך פֿון די גויִים, ניט=ייִדיש.

1868 " דערצו פֿאַרשטייט ער קיינע גײַעס און וועט
2780 זיך אַלזאָ ניט קענען מיט זיי פֿונאַנדער ריידן".
דיק, 36, 34.

גייעץ - <--- גייץ.

גייער - דער, =ס. 1. דער וואָס גייט (צו פֿוס).

% ער איז אַ גוטער גייער, מאַכט 10 קמ אַ שעה.

1935.. "ווער זענט איר, // אַ גייער פֿון נאַכט, // ביי דעם אויפֿבלי פֿון גילדענע פֿייערן?". סוצקעווער, 3, 34.

1948 "שפּעטער, אַז די זון האָט זיך העכער |...| ארויפֿגערוקט, האָבן אונדזערע צוויי גייער שוין דעם ערשטן שוויים דערפֿילט". נסתּר, 6, 440.

2. דער וואָס גייט אַרום פֿאַרשיידענע סחורות, צו פֿאַרקויפֿן.

% דער גייער פֿאַרקויפֿט קעמעלעך, שפּיגעלעך. דער גייער שפּאַנט אַרום איבער די דערפֿער מיט זיין פּאַק סחורה אויף די פּלייצעס.

1968 " עס איז אוממעגלעך צו |...| שילדערן די אַלע

הונדערטער סוחרים, קרעמער, גייער איבער די 2823

|...| אַרומיקע דערפֿער". מ. גאָלדשטיין יזב 2, 465.

1966 " דערקלער מיר, גייער, וויפֿל איז דער שיעור,//

שטיין ביַי אַ טיר און ניט אַרײַן אין איר?". 2820

האַלקין, 4, 179.

3. ( שש/איר, במ) פֿיס (באַזונדערש וועגן לאַנגע פֿיס).

1971 " דעמאָלט איז ער נאָך נישט געווען קיין ׳פֿינף=

און= צוואַנציקער״, מיט אַ שוואַרצער טשופּרינע, מיט 2842

איַיזערנע ׳גייערס׳ (פֿיס), אָבער מיט אייזעלע הענט".

ב. רעסלער, פֿער 69, !!!/13.

4. "ווײַבערניק, אַ מין דאָן=זשואַן"|קטוו|. (?;?) 2806

5. (במ, נש) ספּעציעלע קוליעס פֿאַר האַלב פּאַראַליזירטע
|פּער 69, II/18, 1971|. 2793

6. (שוסטער=לשון, שפּאַסיק) שטיוול.

1911 " ס'איז שוין איין מאָל אַ פּאָר גייערס אויפֿגעשטעלט,
טשאַקענדיק און זינגענדיק!". ב. שאַפּיר, 1, 32. 2840

7. איינס פֿון די רעדלעך אין אַ זייגער |סטוטש 71|.

8. (שגל) "אַ זייגער, וואָס מע פֿלעגט צום מיינסטן אויסבײַטן
אויף עסנוואַרג" |בלומענטאַל, פּער 90, XVIII - 3, 1958|.

9. (שגל) "דער וואָס טראָגט פֿונאַנדער די סחורה, וואָס
מען האָט אַרײַנגעשמוגלט אין געטאָ"|דצוו|.

|| גיִיערין – די, =ס. 1. ווע פֿאַר גייער, ב' 1.

2. ווע פֿאַר גייער, ב' 2.

1908 "נעכטן, אַהיים גייענדיק פֿון פּאַרק, האָב איך באַגעגנט גאָלדע די גייערין". פּפּעלבערג, 1א, 23. 2837

גיִיעריש – אדי/אַדוו. (שנש) (ווי) פֿון אַ גייער.

1947 "נאָך ליכט אויף דיר דער גייערישער שטערן פֿון מאַראַל |...|". מארקיש. 2838

רעד: חוץ דער דאָטע איז ניטאָ מער קיין שום אָנווייַז אויפֿן מקור; אַלע דרײַ ציטאַטן זײַנען ספֿקדיק.

גייערקע — די, =ס. דזוו גייערין ב1.

1896 "פֿון די פּיס |אַז מע וועט די אשה באַשאַפֿן| וועט זי זײַן אַ גייערקע". איבז אַנ. תּנחומא, 2, 170. 2844

0 בטל=גייער | באַטל=... | דזוו ליידיק=גייער.

בטל=גייערשאַפֿט — דאָס, בא. דזוו ליידיק=גייערײַ.

1919 "[ל]לאַגט זיך גאַס פֿאַר שטילן פֿעלד// אויף גאָרער וועלטס בטל=גייער,// אויף זײַן צאַפּן פֿון איר בלוט, // אויף זײַן בטל=גייערשאַפֿט". קוויטקאָ, 1א, 6. 2787

דאָרפֿסגייער — דזוו גייער, ב' 2.

דורכגייער — איינער פֿון די מענטשן, וואָס גייען אין גאַס. % קיינער פֿון די דורכגייערס האָבן ניט אומגעקוקט זיך אויפֿן בעטלער.

היזער=גייער - אַ בעטלער.

טאַלטעל=גייער - (גלש) בנב.

1923 " אַ טאַלטעל=גייער בין איך געווען// גאָר די לעצטע
צײַט,// און אויף שפּרינג פּלעג איך אויך גיין// 2812
און מיט בעלפּערס בין איך בלאַט". פּער 83, 24.

טירן=גייער - אַ בעטלער.

1958 " אַנקעגן דעם בישאָף אין דעם קירכלעכן אָרנאַט
האָט דער פראַנציסקאַנער אויסגעקוקט ווי אַ טירן=גייער". 2828
טרונק, פּער 68, VIII /9.

כוח=גייער | קויעך=... | - שלעגער, כוליגאַן, וווילער יונג.

1967 " |...| ווען ער, זעליק, איז שוין געווען אַ
כּוח=גייער מיט אַ פֿירמע, האָט דאָך נאָך אָרקע געשלעפּט 2826
פֿון די קאַשיקעס אויפֿן זאַרעטשער מאַרק". קאַרפּינאָוויטש, 1.

1970 " מײַן טאַטע האָט נישט געהאַט קיין ברירה און האָט
געמוזט, יך אונטערגעבן דעם ווילדן טעראָר פֿון דעם 2817
כּוח=גייער". יזב 7, 32.

לבֿנה=גייער | לעוואַנע=... | - לונאַטיקער.

1931 " ער איז אַרומגעגאַנגען צעחושט, ווי אַ לבֿנה=גייער".
קולבאַק, 8, 74. 2798

ליידיק=גייער – דער וואָס טוט גאָרניט, גייט אַרום פּוסטעפּאַס.

1873 " דאָס גאַנצע פּעקל ליידיקגייער, בלוטזויגער
פֿאַרשלאָגן מיר דעם קאָפּ". מענדעלע, 1, קאַנק 378130. 2831

1958 " דער אונטערגאַנג פֿון הענדלעריש-פֿאַרמיטלערישן שטעטל
מיט דער גרויסער אַרמיי לופֿטמענטשן, ליידיק=גייערס 2830
|...| פֿאַרענדיקט אַ גאַנצע עפּאָכע אין דער יידישער
געשיכטע". ניגער, 8, 190.

מדינה=גייער |מעדינע=...| 1. בעטלער.
——— 2. וואַנדערער איבערן לאַנד.

פֿאַרבײַגייער – דזוו דורכגייער.

<u>פּוסגייער</u> – דער, וואָס גייט צו פּוס.

1889 "|...| פֿוןביידע זייטן מיט געדיכטע אַלעען דערבײַ שמאָלע פּוסשטעגן פֿאַר <u>פּוסגייער</u> |...|".

<u>דיק, 99א, 3</u>.

ג ײַ ע ר – דער, =ס. 1. (זאָאָל) רויב פֿויגל,
(ווסנ VULTUR) פֿון די סובטראָפּישע לענדער, דער
קאָפּ און האַלדז אָן פֿעדערן, מיט אַן אויסגעבויגענעם
שנאָבל, שפּייזט זיך ס׳רוב מיט נבֿלה.

1924 " דער שמוץ=גײַער טשאַטעוועט אָפּ זײַן רויב פֿליענדיק
ניט הויך איבער דער ערד". איבן איסעל, 1, 76. 2792

1958 " דערנאָך וועל איך הייבן דעם פֿאַרמעט צום גײַער,
// וואָס עיגולט און היט מיך |...|". סוצקעווער, 4, 406. 2789

2. (זאָאָל) רויבפֿויגל (ווסנ MILVUS) פֿון דער
פֿאַלקן=משפּחה.

1886 " ווי קענט איר האָפֿן צו הערן פֿון דעם אומגליקלעכן
סאָלאָוויי, בשעת ער ליגט אין דעם מויל פֿון רויבערישן 2809
גײַער |...|?". מ. אַלטשולער, פֿער 74, נ׳ 3, ז׳ 40.

1894 " ווי אַ גייִער אויף אַ טויב - פּלוצלינג שיסט
2785 אַראָפּ די נאַכט". פּרץ, 5, 141.

1967 " ס'האָט פֿאַר בייזע געדאַנקען// געהיט זיך דײַין
2791 האַרץ,// ווי אַ טויב פֿאַר אַ גייִער |טעקסט: גאַיער|".
אהרן צייטלין, 5א, 324.

.....................................................

רעד: איך גיב אויך דעם צווייטן באַטײַט, וואָרעם
די ציטירטע מחברים האָבן געוויס ניט געהאַט אין
זינען דעם סובטראָפּישן נבֿלה=פֿויגל, וואָס איז אין
מיטלאייראָפּעיִשן פֿייגזאַזש ניט בנמצא. וואָס שײַך
די עלטערע טעקסטן איז געוויס קלאָר, אַז מע מיינט
דעם פֿויגל פֿון דער פֿאַלקן=משפּחה, דער
העברעיִשער ווב טײַטשט: דָיה, אַיָה - "ממשפּחת בזים"
(פֿאַלקן).

ם

גייאר/גיר.

2. <----

2790 |XV י"ה| " עיט - דר גיר, מין עוף". רייכלין 8,

איוב, כח - ז.

1760 " ואת הדאה ואת האיה למינה - גייאר".

מלים לאלה, ויקרא, י"א, דף 15 - ד.

גייפּל - דער, =ען. (עלט) הויפּן, זשמעניע,
האַנטפול, [illegible]

1832 " דיא רייד פון די תפלות פון די ישראל נעמט
2857 דער מלאך אין זיין **גייפּל** צי מאכין פון זיא איין
קרוין צו הקבה". מחזור, 2, לז/א.

1877 " איך גאָט האָב דיך ישׂראל ניט איבערגעאַרבעט מיט
2849 דער מנחה דען נאָר איין **גייפּל** מעל איז אויפגעבראַכט
געוואָרן פון איר אויף דעם מזבח". איבן אג, ישעיה.

ם **גייפּל.**

1610 " אויף אל איר ווייאריך איבר אל איר ווייארך
2851 זאל די **גייפּל** פול זיין". טייטש=חומש, ויקרא, ב - ב.

1711 " אונ' עס גישאך אייך נס דש אהרן אונ' משה

2853 האבן גינומן איטליכר אייך <u>גייפיל</u> פול אש |...|

אונ' האט זייא גיווארפן הוך קיגן דעם הימל".

<u>צאינה וראינה, 2, דף נ"ח - קיז</u>

ג יי פּ ל ע ן - טרוו, (עלט) אָנהויפּן. פֿאַר געגייפּלט.

וּוס: דאָס גייפּלען.

1832 " די אלטי לייט די כהנים פון זיין שבט האבין

2860 אים גפירט צו לערנין דאש גייפלין פון דעם גווירץ

פון די קטורת וואש ער האט בדארפט מקטיר זיין

אינוויינדיג אין קדשי קדשים". מחזור, 2, דף קמא - א.

ם גייפלין/גייפלן.

1610 " אונ׳ ער זאל גייפלן פון דנן פול זיין גייפיל

2863 פון אירם זעמל מעל אונ׳ פון אירם איל אויף אל

איר ווייאריך". טייטש=חומש, ויקרא ב - ב.

1737 " וקמץ משם מלא קמצו - אונ׳ ער זאל גייפלין".

2864 מלמד שיח, ויקרא, ב, ~~XXXX~~ ב.

(?נ?) ם |גײַפּער| ג ײַ פּ ר - דער. גאַווער, סלינע.

1767 " ריר א. ריר אײטר. גײַפּר. מעטעריא".

2865 ס' דבֿרי יושר.

(?נ?) גײפֿערן - אויטוו. (עלט) גאַווערן, וווּס דאָס

2866 גײפֿערן. יברכיהו, מלון אידי-עברי, 1947.

גייץ I - דער, =ן. (זאאל) באַנדוואָרעם, פּאָליטער.

1887 "|...| די געשווילסט איז דערפֿון, וואָס ביַי

2927 דער מיידל איך לעבער זענען דאָ גייַצן (Глисты)

און ער האָט געמאַכט אַן אָפּעראַציע |...| און האָט

אַרויסגענומען די גייַצן". פֿער 74, נ' 31, ז' 512.

1900 "די באָבע האָט פֿון איר באָבען געירשנט קאָרטן=

2873/א וואַרפֿן און שפּרעכן |...| פֿון אַין=הרע, |...| פֿון גייַצן,

פֿון ווערעם, |...| פֿון אַלע ווייטאָגן". לעוונער, 12א, 11.

1924 "אינעם גוף פֿון מענטשן, דער עיקר אין זייַנע

2880 געדערעם, קענען זיך געפֿינען בערך 20 פֿאַרשיידענע

מינים ווערעם אָדער גייַצן. |...| מען דאַרף אונטערשיידן

קייַלעכדיקע ווערעם און פֿלאַכע ווערעם. די פֿלאַכע רופֿן

זיך אָן גייַצן". י. פֿייגענבוים, פֿער 151, נ' 1.

1945 " די יידישע מאַמעס אין די קליינע שטעטלעך פֿון

ווײַסרוסלאַנד האָבן געגעבן זייערע קינדער ווערעמקרויט 2882

יעדן ערבֿ ראש=חודש, און דאָס איז געווען אַ מיטל אויף צו

פֿאַרהיטן, עס זאָלן ניט קומען קיין גייצן".

א. רייזען, פֿער 90, נ׳ V - 1.

ם **גייץ.**

1676 " |...| וועלכי לייט אזו פרעסיק זיין אונ׳ די

עשין איבר שוואל גלייך ווערדן זיא ניט זאט די 2881

האבן איין שלאנג אין אירן גידערמר זיא מינן איין

גייץ". ברנט שפיגל, פרק N .

גייץ II - דער, =ן. 1. (קצבֿיש) מין פֿעטס אין

די טלאָען פֿון אַ בהמה.

|אָנהייב XIX י"ה| "דש זיינן דיא פיס מוז מן דיא שפיצן מו

פון דיא קלואן אב האקין אונ' אויף שניידן אי מן זיא 2883

כשר מאכט. |...| אונ' וועז מן זיא האט כשר גימאכט

זוא מוז מן דש וויישי פעט צווישן ארויז שניידן

דש היישט מן דען גייץ עז איז אסור פון מיאוס הלבן".

צינה לדוד, הלכות ניקור, דף י' - I.

1882 " |...| וחותך החוטין שבין הטלפים שקורין

גייצן שהם אסורים משום מיאוס". ש.פ. פרענקעל, 1, סא - I. 2930

2. (קצבֿש) מילץ פֿון א בלש=חי.

רעד: ניט זיכער אין אַט דעם אויסטייטש, אָבער סטוטש

גיט אָן: "מילץ (ב"ח) מילך, גביץ , גביעץ".

ס'זעט אויס ווי סינאָנימען צו מילץ.

ביי אונדז (וואָלין) האָט מען געוויסט וועגן

מילך פון אַ הערינג (זכר).

גײַץ !!! - <u>דער/די, באַ.</u> 1. געריקייט, זשעדנעקייט, לעכצונג (באַזונדערש נאָך געלט); גײַציקייט.

1927 " דער זײַטיקער טראָגט טיף אין זיך די חרפּה// פֿון אַלע הונגעריקע הענט, פֿון בלינדער <u>גײַץ</u> |...|". 2868

<u>לייוויק, 6, 386.</u>

... " סע האָבן זיך צוזאַם מיט אײַער <u>גײַץ</u> צעזאָטן, אומריינע, די בלוטן". <u>מאַניק, פּאעמע "ר' חיים שמש".</u>

2. <u>דער, =ן.</u> (<u>עלט</u>) קאַרגער, קמצן.

1872 " ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס ער האָט אויך געשפּילט די ראָלע פֿון אַ נדבֿן, וואַר ער |=איז געווען| אַ גרויסער <u>גײַץ</u>. ער פֿלעגט צו זײַן אַ נדבֿן נאָר אויף דעם אַנדערנס קעשענע". <u>דיק, 64, 12.</u> 2892

0 <u>געלטגײַץ</u> - געריקייט נאָך געלט.

1922 " |...| ער זאָל זיך אַרײַנלאזן אין <u>געלטגײַץ</u>".

<u>אלפֿס, 5.</u> 2872

<u>רעד</u>: סטוטש שטעלט אַ פֿלאָקן בײַם וואָרט"גײַץ".פֿאַר
וואָס איז "גײַץ" טריף און „גײַציקייט" (וואָס קומט
דאָך פֿון דעם שורש!) כּשר??!

גייץ IV - דער, =ן. (רעג, ליטע) 1. אַ דאַרער, מאָגערער מענטש.

1958 "די קריינדל איז דאָך אַ גייץ, אַ דאַרעניש און אַ קוואַרעניש". גראַדע, פֿער 69, I/31. 2887

2. (לאָקל, קעלעם, ליטע), אַ קליין פֿישל, וואָס מע האָט געפֿונען אין אַ גרעסערן פֿיש, אויך אַ קליין געטריקנט פֿישל" |קטוו|.

3. "אַ דאַרער בעסן" |קטוו|.

גײַציק – אַדי/אַדוו. 1. גיריק, שטאַרק באַגעריק,
זשעדנע, לעכצנדיק נאָך עפּעס. % גײַציק נאָך געלט.
דער בחור איז זייער אַ גײַציקער צו וויסן אַלץ.

1814 " אגייצוגער מענטש בווייזט זיינע נארישקייט
2899 ארויס". איבן לעפין, מאשלי, יד – 29.

1864 " איך האָב מיך טאַקע מישבֿ געווען: לאָמיך נישט
קאנק זיין אַזוי גײַציק". מענדעלע, 12, 9.

1906 " איך זע, איר זענט אַלע גײַציק צו האָרכן נײַעס".
2900 שלום=עליכם, 35, 181.

1943 " |...| בײַ מער מעגלעכקייטן אָרנטלעכער זיך
קאנק אויסצוהאַנדלען האָט מען אָט דאָס מיטל–גראָב איך חשבון
דעם פּויער צו נאַרן – ניט אַזוי אָפּט און ניט אַזוי גײַציק
אויסגענוצט". נסתּר, 5, 245.

2. נײַגעריק |ליפֿשיץ 1|.

|| **גײַציקייט** – די, בא. אײַגנשאַפֿט צו זײַן גײַציק.

1902 "און ער האָט שוין גוט באַדויערט זײַן **גײַציקייט**

2919 צום געלט". שמי"ר, 2, 20.

1941 "און דו |משה| זאָלסט זען פֿון גאַנצן פֿאָלק

2915 טויגלעכע מענטשן |...| וואָס האָבן פֿײַנט **גײַציקייט**".

תּרגום יהואש, שמות, יח – 21.

1948 "|...| ער האָט |...| אויך מיט אַ קליין ביסעלע קינאה

קאַנק געקוקט און מיט יענעמס גוטס און **גײַציקייט**

זיך נישט געקאָנט אָנזעטן". נסתּר, 6, 234.

0 **געלטגײַציק** – אַדי/אַדוו. וואָס איז זשעדנע נאָך

געלט, אויך קאַרג, קמצנותדיק.

מאכטגײַיציק - וואָס שטרעבט צו מאַכט.

1951 " יאַגעלאָ ווערט פֿון די ליטווינער געשילדערט ווי

א מאַכטגײַיציקער אינטריגאַנט". א. קאצענעלנבאגען, 2910

פֿער 106, 311.

ערגײַיציק - וואָס יאָגט זיך נאָך כּבֿוד.

ם גייציג.

1668 " אונ' ער וואר קיין גייציגר מענש אונ' אייך

רויבר אונ' אייך אונבארם הערציגר". יוסיפון, 2905

3, דף רטו - 2.

1739 " ווער עטוואש פון איינין גייציגן ביגעהרט,
2925 איזט עבן אלש ווען ער פיש פאנגן וואלטיט אין דער
ווישט נייא". ס' מבחר הפנינים, דף מט - ד׳.

|| גייציגקייט.

1679 " זיך דיך אביר אום |...| נוך רעדליכי לייטן דיא
2923 גאטש פֿורכטיג |...| זיין אונ' דיא גייציגקייט
פֿיינט זיין". בליץ, שמות, יח - כא.

1739 " צווייארלייא קענין ניט בייא זאמין זיין, איין
2923 גוט גמיהט אונ' גייציגקייט". ס' מבחר הפנינים,
דף לח - ד׳.

גייצן - אוטוו, ווס: דאס גייצן, דער גייץ.

(עלט) 1. געריק זיין (באַזונדערש אויף געלט),

קאַרגן.

1873 " |...| זעלבסט די רייכע גייצט אויך מיט דעם

גראָשן |...|". דיק, 67, 48. 2895

ם גייטצן.

---> 2. באַרויבן, באַרייסן.

(עושק)

1760 " ותבצעי האם בעושק - גייטצט". מלים לאלוה,

יחזקאל, כב - יב, דף 10 - ד. 2928

(?ב?) ם |גייצפויגל| ג יי ץ פ ו ג ל - דער. (זאאל)

מין רויבפויגל.

1716 " אונ׳ ער ווערט איבר זומרן אויף דעם פאלק [illegible]

דער גייץ פוגל דעם אם זומר זיינן פיל פיגל די 1931/א

ווערן אין פרעסן". ס׳ המגיד, 3, דף טז - II.

1737 " וירד העיט - דער גייץ פוגל". מלמד שיח, דף 10 - I.

גײקע – די, =ס. אַ מעטאַלענע רונדע אָדער פֿילעקיקע
פּלאַטע מיט אַ שרױפֿיקן אײַנשניט אין מיטן, װערט
אַרױפֿגעשרױפֿט אויף אַ שרויף, באָלט; מוטרע, מוטערקע.
R: Гайка.
1887 "אין אַ מאַשינע איז פֿאַראַנען זײער פֿיל
באַזונדערע חלקים |...| רעדלעך, |...| שרײפֿלעך, באַזונדערע
גײַקעס אד"גל". פֿער 74, נ' 34, ז' 565.
1951 "אין אַפּריל 1943 זײַנען פֿון די װאַגאָנעס אָפּגעשניטן
געװאָרן די גומענע |?| גײַקעס". א. ירושלמי, פֿער 2934
106, 1794.

ג יי ר אָ ק — דער, מצ...=רעק. מין אייבערשטער בגד,
גענויער בגב.

1907 " אַ בחור פֿון אַ יאָר 25 - 26, אָנגעטאָן מעשׂה
2937 פֿראַנט, |...| אין אַ ברוינעם גייראָק". פּינסקי, 1, 29.

1964 " זייער אָפֿט האָט פּאַסירט, אַז דער זעלבער ייִד
2938 האָט אין פֿאַרלויף פֿון זײַן |...| לעבן דערפֿילט אויף
דער אייגענער הויט דעם אַנטוויקלונגס-פּראָצעס פֿון דער
בעקעשע ביז צום גייראָק". יזב 19, 478.

גיישטול - די, =ן. מין געשטעל צום גיין פֿאַר

קליינע קינדער, וואָס קענען נאָך ניט גיין.

1925 " די גיישטול באַשטייט פֿון אַ רייף מיט פיסלעך,

וואָס לויפֿן אויף קליינע רעדלעך. אין דעם דאָזיקן 2496

רייף שטעלט מען אַרײַן דאָס קינד, |...| און אַזוי

אַרום קען עס ארומלויפֿן מיטן שטול". פֿער 151, נ'5.

(?נ?) גיישיץ - דער, =ן. (רעג, מאראמורעש) "לויפיינגל, קאמיסיאנער, |צו| פאלגן א גאנג אדער פארקויפן בייגל וכדומה אויפן מארק"|קטוו|.

ג יי ש ע - די, =ס. אין יאַפּאַן - אַ פּרוי וואָס

באַדינט די געסט מיט זינגען און טאַנצן אין טייהויז.

1930 " דאָן קומען מייַנע הייסע פּרילינגס=טרוימען |...|

2953 און רינגלען דיך אַרום ווי קליינע טאַנצנדיקע גיישעס".

איינהאָרן, 7, 189.

1930 " גיי איך מיט גיישעס צו די וואַסערן,// צו יאָגן

2952 די לבנה אויפּן טייַך". שומיאַטשער, 2, 100.

ג יי ש ע ן - ←--- **גיישענען**.

ג יי ש ע נ ע ן - אוטוו, פּפּ: גיישען, גייסען/גייסענען, וּוס דאָס גיישענען. (רעג, ליטע) פּטרן די צייט, בטלען (ביי דער אַרבעט, ביים לערנען, אַרבעט).

1894 " נו, צו די כּלים, האָט שמשון אויסגעשריִען |...|
2959 מע טאָר איין מינוט ניט גיישענען". זייבערבלאַט, 1, 57.

1951 " גיישע ניט, טינגע ניט - אַרבעט!". י. מאַרק,
2958 פּער 106, 467.

גיך - אדי/אדוו, פּפּ (דיאל) געך. 1. וואָס ווערט
געטאָן, קומט פֿאָר אין ווינציק(ער) צייט; געשווינד,
שנעל. % גייך (פֿאָרן, לויפֿן, פֿליִען) גיך. גיכע
טריט. זיי זינגען אין אַ גיכן טעמפּאָ.

1843 " זייא לופין דא די וואלפין ציא אזוי ווי א
3205 שטארים ווינד,// מען לייגט דא אנידער דעם יונג
אַזוי געך אזוי גישווינד". פּישלזאהן, 1, 72.

1887 " נון, אַלזוי מיין ליבער ברודער שרייב מיר עס
3009 אָפּ צום גיכסטן, צי ווילִיקסטו איין צו מיין בקשה
אָדער ניט". ליאָן דאָר, 2, 116.

1912 " דורך דעמאַגאָגישע פֿראַזן, אויף די וואַל=
3021 פֿאַרזאַמלונגען |...| קאָן מען גיכער דערגרייכן דעם
'סוקסעס' אין געלט, מאַכט און באַרימטקייט".
זשיטלאָווסקי, 2, 235.

1934 " אַט ליגט ער |הירש לעקערט| שוין אַ בר=מינן אין
גרוב פֿאַרשאָטן,// און איבער אים דער חייל לויפֿן 2986
אין מאַרש אין גיכן". ליעסין, 3, 146.

1956 " אַראָפּגעשמיסן די מונדירן בליציק גיך, // די הענט
אין טעפּ מיט רעש געלאָזט זיך ווייקן". מארקיש, 365,11. 2988

2. זייער געניידגט, נוטה צו עפּעס, צו טאָן עפּעס.
" דער פֿאַרשוין איז אַ גיכער צו שלאָגן זיך.

1955 " די מאַמע גיטעלע איז געווען אַזאַ גיכע אויף
טרערן". שפּיגל, 3, 216. 3084

3. (נאָר אַדווערב, פּאָזיטיוו) [אין] באַלד, תּיכּף, אין אַ קורצער
ציַיט אַרום, ניט לאַנג געוואַרט/געדויערט. % ער האָט זיך
גיך דערוווּסט די ניַיעס. זיי האָבן זיך גיך געכאַפּט,
אין וואָס דאָ גייט.

1896 " שטעפּ נאָדל, שטעפּ די בראַבאַנדענע שפּיצן,//
3013 פֿאַר איר, פֿאַר איר!// תרכיכימלעך וועסטו גיך
און באַלד שטעפּן // פֿאַר מיר, פֿאַר מיר!". פּרץ,
" בײַ אַ פֿרעמדן חופּה=קלייד".

1907 " איך האָב מיך מיט זיי גיך באַקענט |...|".
קאנק שלום=עליכם, 8א, 238.

1968 " ער האָט זיך אָבער גיך אַרומגעזען, אַז די קליינע
קלויזניקעס זײַנען ´גרויטע פּחדנים". גראַדע, 7, 86.

4. (נאָר אין קאמפּאראַטיוו) ליבערשט, גערנער, מער, בעסער.
גיכער וועלן זיי פֿאַלן אין שלאַכט, איידער אונטערגעבן
זיך. ער וועט גיכער מסכּים זײַן צו פֿאַרלירן זײַן
געלט, אַבי ניט האָבן צו טאָן מיט יענעם פֿאַרשויך.

1882 " <u>גיכער</u> האָבן עס באַדויערט | דאָס טויטע נפֿלע |

די ווײַבער מיט בייזע צונגען פֿון דער באָבעס חבֿרה; 3179

זיי איז אַוועקגעפֿאַלן אַזא עסק, וואָס מע וואָלט דערפֿון

געקאָנט רעדן אַ צײַט". <u>פֿער 74, נ׳ 29, ז׳ 447</u>.

1907 " ער פֿאַרגעסט, אַז ס׳איז דאָ אַ מאַמע, וואָס וועט <u>גיכער</u>

לאָזן זיך אַרויסנעמען די קאַליע אויגן, איידער דערלאָזן, קאנק

מע זאל פֿון מיר מאַכן אַ מאָצינקע". <u>שלום=עליכם, 8א, 265</u>.

1968 " ער האָט דעמאָלט געטראַכט, אַז דאָס פּאַסט <u>גיכער</u>

פֿאַר ר׳ אבֿרהם=ישעיה קאָסאָוווער". <u>גראַדע, 7, 368 - 369</u>. קאנק

|| <u>גיכקייט</u> - <u>די, =ן.</u> 1. אייגנשאַפֿט/מצבֿ פֿון זײַין

<u>גיך, ב׳ 1</u>.

1880 " די אבֿרים פֿון דעם מענטש, דאָס זיי זײַנען
3189 די אַרבעטער צו טאָן די מצוות, זײַנען זיי פֿויל
און טוען ניט מיט גיכקייט". געלבאַרט, 1, 21.

1926 " איז פֿאַראַן אַ שײַכות צווישן דער גיכקייט
4189/א פֿון בלוטלויף און דער הויכער טעמפּעראַטור פֿון דער
הונס לויף |...|". יאַכינסאָן, 2, 254.

1935 " מרדכי=יוסף, וואָס האָט אויף אים אַלע מאָל געהאַט א
קאנק האַרץ |...| האָט פּלוצעם אַ שפּרונג געטאָן קעגן אים מיט
יענער גיכקייט פֿון הינקענדיקע, ווען זיי צעקאָכן זיך
און פֿאַרגעסן זייער מום". באַשעוויס, 1, 49.

1962 " מיט דער זעלבער גיכקייט און דערפֿינדערישקייט
3191 האָט ער זיך געיאָגט אין דער ירידה". ה. זײַדמאַן,
פֿער 69, IV/6.

2. אין אַן אויטאָמאָביל – די אײַנריכטונג צו בײַטן דעם טעמפּאָ פֿון באַוועגונג.

1932 " די פּיס טאַפּן אָן דעם קאָנוס=פּעדאַל אין דער נידער. אויסגעקוועטשט. שטעל אַוועק די גיכקייט. 3192
איצט לאָז אָפּ פּאַמעלעך דעם קאָנוס". מעדרעש, 1, 26.

1960 " ער האָט אַ טרײַב געטאָן די קאַר מיט דער ערשטער, צווייטער און דריטער גיכקייט |...|". 3194
שניאור, פּער 69, V/1.

0 גיכגייער – דער, =ס. 1. אַ מענטש וואָס קאָן גיין זייער גיך.
2. (עלט) אַ משולח.

גיך=גיך - אַדוו פֿר. דזוו גיך ב' 1, עמפֿאַטיש.

1911. " גיך=גיך וועל איך דיר אויפֿבינדן די הענט.

3104 גיך=גיך וועל איך דיך באַפֿרייַען". שלום=עליכם, 220,23.

1927 " שייַנין האָט גענומען דעם ייִדן, |...| אַרויסגעזשטפּט

3016 אים, אַראָפּגענומען די ברילן און מיט די קורצזיכטיקע |...|

אויגן גיך=גיך געפֿינטלט". א. קאַהאַן, 90,1.

גיך און געשווינד - אַדוו פֿר. דזוו דפֿוו.

1864 " אַקעגן מיר לויפֿט איינער מיט אַ פּעקל גיך און

קאנק געשווינד, ווי אַ גנבֿ |...|". מענדעלע, 12, 100.

1907 " מייַן ברודער אליהו נעמט מיך פֿאַר אַ האַנט און

מיר לאָזן זיך גיך און געשווינד באַרג=אַראָפּ, צו זייַן

חבֿר פּיני". שלום=עליכם, 8א, 125.

גיך און גרינג - אדוו פּר. דזוו דפוו.

אַפּוו פּר.

גיך און באַלד - דזוו גיך אין ב' 2.

1864 " באַדענק דיך אַ לאַנגע צייט איבער יעדער זאַך וואָס
דו ווילסט טאָן, און דערנאָך טו עס אָפּ גיך און באַלד". 3080
איבז דיק, 2.

1873 " הייַנט נעמט איינער בייַ דעם אַנדערן אַרויס דאָס
לעבן גיך און באַלד מיט |...| קלוגע המצאות |...|".
מענדעלע, 1, קאָנק 206950.

אין גיכן - אדוו פּר. אין דער נאָענסטער צייַט, אין
אַ קורצער צייט אַרום שפּעטער.

1888 " |...| מע טרייסט זיך אין גיכן ווידער זיך צו
זען". מענדעלע, 3, 125. קאָנק

1907 "איר זאָלט נאָר נישט זאָרגן - איך וועל אין גיכן

קאנק זײַן אין אַמעריקע". שלום=עליכם, 8א, 258.

1948 "|...| פֿאַרקנסט איז זי, און אין גיכן וועט

מען פּראַוועון אַ חתונה". נסתּר, 6, 128.

גאָר אין גיכן - אַדוו פּר. דזוו דפּוו, עמפּאַטיש.

1916 "ער וועט לאַנג ניט זײַן אין די ביזנעס. ער

קאנק האָפֿט גאָר אין גיכן ווערן אַ 'דעזײַנער'".

שלום=עליכם, 8ב, 108.

1975 "|...| גאָר אין גיכן וועל איך זײַן דער טאַטע

קאנק פֿון מײַנע אייניקלעך". באַשעוויס, 6, 28.

וואס גיכער - אַדוו פֿר. אַזוי גיך ווי מיגלעך, ווי
צום גיכסטן.

1864 " חתונה מוז מען האָבן " און וואס גיכער איז אַלץ
בעסער". מענדעלע, 12, 114. קאנק

1940 " דאָ באַלד ווערט באַשלאָסן וואס גיכער אויפֿשטעלן
די טיפּאָגראַפֿיע". בערגעלסאָן, 14, 275. 3028

אַזוי גיך ווי... - אַדוו פֿר. ווי נאָר... גלײַך ווי...

1968 " |...| אַזוי גיך ווי ער האָט אין ביכל איבערגעלייענט
אַ פּאָר שורות דאָ און אַ פּאָר שורות דאָרט, האָבן די קאנק
האָר פֿון קאָפּ זיך אים געשטעלט קאַפּויער".
גראַדע, 7, 87.

0 גיכבאַן – די, =ען. (נש, או"וו) שנעלצוג, עקספּרעס, קוריער.

גיכגייער – דער, =ס. דער וואָס גייט גיך |סטוטש 440|.

גיכזעגלער – דער, =ס. שנעלע זעגלשיף |סטוטש 176|.

גיכלויפֿער – דער, =ס. דער וואָס לויפֿט גיך.

1953 "אויך איצט פֿאַרנעמסטו זיך מיט דײַנע גיכלויפֿער, ווילסט נאָך אַלץ ווײַזן, אַז קלוגער ביסטו פֿון מיר". אײַגנאַטאוו, 1, 286. 3154

גיכמעסטער – דער, =ס. מכשיר צו מעסטן די גיכקייט (?,?)

(איך אַן אויטאָ א"אַ) |סטוטש 175|.

רעד: דער טערמין איז ניט קיין געראָטענער: מע מעסט ניט "די גיך", נאָר די גיכקייט. עס באַקומט זיך אַזוי, ווי "א מעסטער וואָס מעסט גיך"...

**גיכשטראז** – דער, =ן. (נש, אויוו) א וועג ווו ס'איז מיגלעך און דערלויבט צו פארן גיך.

רעד: מסופק אין דעם טערמין: יידן האבן דאס ווארט, "שטראז" גענוצט ס'רוב אין באטייט "א שטעג, א סטעזשקע", ד"ה דווקא א שמאלער וועג... (פארוואס ניט "גיכוועג, גיכטראקט?)

**גיכשריפט** – די, בא. 1. סטענאגראפיע.

2. בנב.

1939 " די גיכשריפט האט מען גערופן כתיבה קטנה, וואס מיינט "קליינע כתיבה". ווייינרייך, 4, 171.

3202

רעד: מיינט מען דעם אופן פון שרייבן די אותיות צונויפגעגאסן וואס איז איינגעפירט געווארן אין שפעטערן מיטלעלטער מבקום די פריערדיקע געדרוקטע אדער האלב=געדרוקטע אותיות? איך האב ניט ווייינרייכס בוך צו זען א ברייטערן קאנטעקסט.

פּפּ: גיך ווי: אַן אָדלער, אַ באַן, אַ בייזע בשׂורה,

אַ הירש אַ ווײַכער, אַ ווינט, מלאך=המוות.

גיכע הילף — מעדיצינישע אינסטיטוציע, דאָקטוירים/

סאַניטאַרןמע רופט אַרויס צו אַ קראַנקן אין

דרינגענדיקע און געפערלעכע פאַלן.

1940 " |...| האָט ער זיך אַרײַנגעשטויסן מיט אַזאַ

אימפעט, פּונקט ווי נאָך גיכע הילף". דעכטיאַר, 1. 3169

1946 " |...| האָט זי אַוועקגעיאָגט ערגעץ=וווּהין זוכן

אַן אַרבעטנדיקן טעלעפאָן, רויסרופן 'גיכע הילף' |...|". 3168

בערגעלסאָן, 18, 700.

גיכער פּאַמעלעך — דער, בא. שפּאַטיש וועגן איינעם וואָס

טוט אַלץ פּאַמעלעך.

1964 " זע נאָר, ווי דער גיכער פּאַמעלעך האָט אַריבערגעצויגן

דעם טלית איבערן קאָפּ און קאַמאַנדעוועט דאָ!". 3186

גראַדע, 562, 69, 14/VIII

פּדור: מאַך שיטער אַבי גיכער! – געזאָגט שפּאַסיק ווען

מען איַילט עמעצן צו.

שלאָף גיכער, מע דאַרף ס'קישן! – דזוו דפּוו.

שיכער, מיכער, אַבי גיכער – דזוו דפּוו.

זיץ גיכער, כ'האָב קיין ציַיט ניט! – דזוו דפּוו.

איבער ציכער, אַבי גיכער – דזוו דפּוו.

גיי איך פאמעלעך, זאגט זי איך קריך; גיי איך גיך, זאגט זי, כ'צערײַס די שיך - אַזוי באַקלאָגט זיך א שנור אויף אַ שלעכטער שוויגער.

שוו: וואס מע באקומט גיך, פארלירט מען גיך.

מע ווערט גיכער א קצין איידער א בעל=הבית.

לויף ניט גיך, וועסטו ניט (צע)רײַסן קיין שיך.

גיך איז נאר גוט פליי צו כאפן.

גיכער פון א טויטן א שלוקערץ, ווי פון א יעלה א טובה - (?נ?)
אַ שפריכווערטל פון געטאָ. יעלה = אַ ייִדישער אָנפירער אין געטאָ | בלומענטאל, פער 90, נ XII- 3, 1958 |.

ם

גיך/געך/ גוך.

.1 ---→

1544 " דען שויצן אונ' דען שלענקרן דען שטארקן דען
וואָש גוך// יואב אונ' זיין שטארקן גינגן אבישי נאך". 2967
שמואל=בוך, סטר 1638.

1676 " |די צדקה| דערלענגט אים זיין לעבן אויף דיזר
וועלט אונ' בהויט אין פויר דעם געכין טויט". 3125
ברנטשפיגל, פרק כח.

.2 ---→

1716 " |...| דער דוד איז איין געכיר מאן פיל לייכט
וועדט ער דינגן פועלים |...|". ס' המגיד,3,דף ס"ו -!! 3093

.3 <----

1626 " |...| זעלכי לייט ווען זיא שמאל שטיאן דא

3049 קויפן זיא געך נחלאות זעלכי זכן דז שווער איז בעלי

חובות אוועק צו נעמן". ס' המגיד, 1, משלי, כ - כא.

1752 " זאלשט מיר פר שטאנד געבן צו פר שטין און'

3204 בקליגין געך מקבל צו זיין דיין הייליגי תורה".

ס' עץ חיים, דף מג - 3.

ג י ך II - די, בא. גיכקייט, האַסטיקייט.

... " איך נעפּלדיקער גיך".

..........................................................

רעד: ציטאַטע אין אַ קאַרטל פֿון אַ זאַמלער, מיט אַ דאַטע 1923, זעט אויס פֿון אַ פּאָעטישן מקור, אָבער פֿון וועמען? פֿון וואַנען?

..........................................................

0 אויף גיך - אַדוו פּר. גיך, איַילנדיק, האַסטיק.

1907 " איך כאַפּ מיך אויף און טו זיך אָן אויף גיך".

שלום=עליכם, 8א, 123. קאנק

1968 " הייקל האָט זיך אויף גיך איבערגעטאָן |...|".

גראַדע, 7, 210. קאנק

**אויף דער גיך** – אַדוו פּראַ. דזוו דפּוו.

1951 " ווי געוויינטלעך, זײַנען צווישן סוחרים, וואָס
3136 באַנקראָטירן, פֿאַראַן אויך אַזוינע בײַזוויליקע אָנזעצער,
וואָס ווילן מיטן תירוץ פֿון קריזיס **אויף דער גיך**
רײַך ווערן". י. פֿרענקל, פֿער 106, 959.

1975 " מ'האָט **אויף דער גיך** צוגעגרייט דער מויד אַן
קאנק אויסשטײַער". באַשעוויס, 6, 186.

**אין דער גיך** – אַדוו פּר. דזוו דפּוו.

1883 " איך האָב **אין דער גיך** אָפּגעשפּאַרט דעם טויער,
3130 און זיי זענען בעל=הבתיש אין הויף אַרײַנגעפֿאָרן".
צ.ז. רובינשטיין, 1, 81.

1917 " יעדע נאכט מוז מען <u>אין דער גיך</u>, ווי מען בויט
באַריקאַדן להבדיל, אויסבויען צו די צוויי נאָך 3132
פֿיר בעטן". <u>רייזען 3, 39</u>.

<u>אין דער גיך</u>.

1705 " ווען איינער תפוס ווירט פון וועגין אייך בלבול
|...| אונ מען קען זיא מיט קליינים געלט מציל 3131/א
זיין <u>אין דער גיך</u> |...|". <u>קב הישר, 1, דף נז - !.</u>

ג י כ ט - |דער?|. (מעד) געלענקען=אָנצינדונג; אַרטריטיס.

1928 " בײַ אַנטוויקלטע לונגען=טובערקולאָזע טרעפֿן

שטאַרקע אַטאַקעס פֿון גיכט זעלטן". פֿער 71, XII/25. 3151

---

רעד: דאָס וואָרט האָט דווקא אַן אַחיזה אין עלטערע

מקורים אין עטלעכע פֿאָרמעס: גיוכט, גייכט (זען!)

---

ג י כ ן - <u>אוטוו</u>. <u>(עלט)</u> קומען גיך, איַילן.

1832 " האבין זיך אוף אונז <u>גגיכט</u> דיא צרות כלומר

איי די ערשטי צרה איז אוועק גגאנגין איז 3158

גקומן דיא אנדרי צרה". <u>מחזור, 2, דף קמ"ו - ב.</u>

ג׳יבערן - אוטווו. (שנש) אײַלן, קומען גיך.

1944 " מיט אַ שפּאַן פֿון פֿיס מיליאָנען |...| // אין

3184 ווילדן געוועט,// גיכערט און וויכערט און רעדט//

דער פּאָעט". אלף כץ, 2., ליד "דער פּאָעט".

1961 " אַליין האט געגיכערט אַהערצו מײַן שפּאַן |...|".

3180 מ. חפץ=טוזמאַן, פּער 24, 208.

גיל ! - די, =ן. דריז.

1923 " |...| אַזוי זײַנען פֿון 45 טויזנט שילער אין
שטוטגאַרט (אין 1916 - 1917) געווען קראַנק 10508 אויף 3214
דער ענגלישער קרענק און |...| 11707 אויף געשוואָלענע
גילן". צ. שאַבאַד, פֿער 151, נ׳ 2 - 3.

1927 " דער צווייטער זאַפֿט וואָס נעמט דורך די שפּײַזקאַשע
אין דער דינער קישקע, דאָס איז דער דורכזיכטיקער 3223
זאַפֿט פֿון דער רויטלעכער בויכגיל - פּאַנקרעאַס -
וואָס ליגט אונטערן מאָגן". בערלס, 1, 20.

|| גילקע - די, =ס. פּקפּ פֿון גיל !. % דאָס קינד
האָט אָנגעשוואָלענע גילקעס אין האַלדז.

ג י ל !! ≠ | ווייכער ל | - די/דער, =ן. 1. קי‑ילעכיקער

אויפּבלאָז, אָנוווּקס אויפן קערפּער; גוליע.

1930 " דערצו האָט נאָך דאָס קינד גילן און אויפּן

קעפּל ׳סטרופּקעס׳, באַלעטשקעס, ד״ה אַן עקזעם". 3218

פּער 151, נ׳ 5.

2. געשוויר, אָנריס, טשיריק.

רעד: כ׳בין ניט זיכער, צי די ציטאַטע האָט א שייכות
צום ערשטן אָדער צווייטן באַטייט!...

||גילקע |ווילער ל| - די, =ס. פּקפּ פּון גיל,ב׳ 1.

1907 " אַ גליק האָט אונדז געטראָפֿן! – רופֿט זיך אָפּ נאָך
אַ זיבטיקער פֿאַרשוין מיט אַ גילקע אויף איין אויג".
שלום=עליכם, 18, 218.

גיל !!! - דער, =ן. (זאאל) פֿויגל (ווסנ PYRRHULA),

מיט קאָלירטער באַפֿעדערונג, לעבט אין צפֿון=אייראָפּע,

איז אַ וואַנדער=פֿויגל.

P: gil.

|אָנהייב XIX י"ה| "ניין, זאָגט דער גיל, אַ פֿויגל מיט

אַ רויט בײַכל |...|". עטינגער, 3, 174.

גיל IV - דער, =ן. זגאַל באַנק (אינסעקט) [קטוו].

% "זומערצײַיט אױן די היצן זײַנען דאָ זייער פּיל

באַנקעס, וואָס בײַסן ווייטיקלעך סײַ מענטשן סײַ

בהמות, אַ געוויסער מין איז דער גילז"|קטוו|.

ג י ל V - די,=ן. אַ בלעזל ראָץ (סמאַרק)

|אפּאטאשו, פֿער 90, נ׳ I - 2, 1941, ז׳ 61|.

גילאָטין (ע) - די, =עס. אײַנריכטונג צו
אָפּהאַקן דעם קאָפּ, אײַנגעפֿירט געוואָרן אין יאָר 1792,
אויפֿן פֿאָרשלאָג פֿון דאָקטאָר גילאָטען, בעת דער
פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע.

... " |...| זיי האָבן געפֿירט אים |דעם קיניג| אָן שום
3224 צערעמאָניעס// צו ווערן געטייט |טעקסט:געטויטעט|
אויף דער גילאָטין!". ב. ראָזענבלום, פֿער 12ב, 38.

1937 " עס שטאַרבט די פֿרײַהייט אויף דער גילאָטינע,//
3225 אַנשטאָט ברידערלעכקייט האָט איר פֿאַרדאַכט".
ניסענזאָן, 2ב, 157.

3229 || גילאָטינקע - די, =ס. "מאַשינקע צו פּאַפּיראָסן"|קטוו|.

ג י ל אָ ט י נ י ר ן - טרוו, ווס: דאס גילאָטינירן.

אָפּהאַקן דעם קאָפּ מיט דער גילאָטינע.

1947 " אַ סך זײַנען גיליאָטינירט געוואָרן פֿונעם פּעטען=

רעזשים פֿאַר קעמפֿן קעגן די נאַציס". יזב 8, 165. 3675

ג י ל ב י ר – דאס, בא. סאָרט ביר |סטוטש 595|.

גילגול |גילגל| - דער, =ים |גילגולים|.

לויט דער יידישער מיסטיק - דאס איבערגיין פון
א זינדיקער נשמה נאכן טויט אין קערפער פון אן אנדער
מענטשן אדער אין א בעל=חי.

1895 " אין ערשטן גילגול איז ער געווען א ווארעם
|...|". מענדעלע, די, 10. קאנק

2. די נשמה, וואס ווערט מגולגל.

1819 " איך האב געהערט פון א גרויסן צדיק אז די
מוטער פון דעם בעשט איז געווען א גילגול פון דער 3255
באבי פועה וואס שטעהט אין דער תורה". פערל,
הקדמה צום "מגלה טמירין", ציט וואנשטיין=בוך,
ווילנע, 1939, ז' 568.

1874 " די פֿרויען פֿאַרטרייבן זייער צײַט אום ווינטער
3260 בײַ פֿעדערן פֿליקן, בײַ ערציילונגען פֿון וווּנדער=
געשיכטן, צום בײַשפּיל פֿון חלומות, פֿון מתים, פֿון
שדים, פֿון גילגולים |...|". דיק, 72, 27.

1900 " דהײַנו, - זאָגט שמעון=אלי, - אַ דיבוק, אַ לץ,
3233 אַ נישט=גוטער, אַ גילגול?". שלום=עליכם, 27, 49.

1926 " אַט לעבט אַ מענטש און ליַיטערט זיך// און גרייט
3238 זיך אַ נשמה צו פֿאַר יענער וועלט,// נאָר שטאָט אויף
יענער וועלט - פֿאַרבלאָנדזשעט זי // און ס'ווערט אַ נײַער
מענטש געבוירן, ס'הייסט אַ גילגול". באַריישאַ, 2א,18.

1968 " דער ווינט האָט געוואָיעט נאך פֿאַרצווייפֿלטער,
קאנק ווי גילגולים פֿון זינדיקע וואָלטן בבי די לערנער
געמאַכט אַ תּיקון". גראַדע, 7, 328.

3. (פֿיג, במ) דאָס דורכגיין פֿאַרשיידענע ענדערונגען, סטאַדיעס, איבערלעבונגען; פֿאַרוואַנדלונג, טראַנספֿאָרמאַציע.

% אַ סך גילגולים האָט דער יונגערמאַן דורכגעמאַכט, ביז ער האָט זיך דערשלאָגן צום איצטיקן מעמד.

דאָס הויז איז דורכגעגאַנגען עטלעכע גילגולים, ביז ס'האָט באַקומען דאָס איצטיקע אויסזען.

1939 " |...| אין דער פֿרעמדער פּראָווינצשטאָט, וווּ ער
האָט זיך אַזוי צופֿעליק |...| אַראָפּגעלאָזט, נאָר ווײַל 3268
די שטאָט איז געלעגן אויפֿן וועג פֿון זײַנע גילגולים |...|".
משה אַלטמאַן, 4, 8.

1968 " אַטוואַצק |...| האָט בײַ מײַנע אַלע שפּעטערדיקע
גילגולים תּמיד אויפֿגעטויכט אין מײַן זכּרון, ווי 3254
אַ ליכט=טורעם |...| אין אַ ברויזנדיקן ים".
מ. ראַקאָווסקי, יזב 2, 965.

4. (<u>פֿיג</u>) אומרויִקער, קאַפּריזנער גײַסט, אומרו. (?נ?)

% דער <u>גילגול</u> רוט ניט קיין איין מינוט, ער קערט
איבער דאָס הויז.

0 <u>גילגול=הנפֿש</u> |...=האַנעפּעש| - טראַנספֿאָרמאַציע פֿון אַ
נשמה.

1903 " די גאַנצע סיסטעם פֿון דער שפּעטערדיקער אינדישער
רעליגיאָן |...| איז געווען געגרינדעט אויף דעם 3266
גלויבן אין <u>גילגול=הנפֿש</u>". <u>אַנ, רעליגיאָן און</u>
<u>קלאַסנגעגנזאַצן, ז' 8</u>.

<u>גילגול=מחילות</u> |...=מעכילעס| – טײַטש: "דאָס קייקלען זיך אין היילן", לויט דעם גלויבן, אַז ווען משיח וועט קומען וועלן אַלע מתים, מחוץ פֿון ארץ=ישראל, זיך קײַקלען דורך אונטערערדישע היילן קיין ארץ=ישׂראל, און ערשט דאָרט וועלן זיי אויפֿשטיין תּחית=המתים (דעריבער האָט מען געהאַלטן פֿאַר אַ גרויסער זכיה צו שטאַרבן אין ארץ=ישׂראל, כּדי אויסצומײַדן די יסורים פֿון גילגול=מחילות).

1881 " וואָס ביסטו אַזאַ זולל=וסובֿא אויף ארץ=ישׂראל=ערד? נישקשה! דו מעגסט אויך גלײַך מיט אַלע ליטוואַקעס אומגיין נע=ונד, נאָך די <u>גילגול=מחילות</u> אין ירושלים |...|". <u>שאַצקעס</u>, 1, 156. 3247

1967 " זיי זאָלן נישט דאַרפֿן דורכמאַכן גילגול=מחילות". |...|

ל. ראכמאַן, פּער 38, נ׳ 60, ז׳ 19. 3248

רעד: מע דאַרף דערגאַנצן דיי ציטאַטע.

גילגול=שלג |...=שעלעג| – דאָס קײַקלען זיך אין שניי (פֿלעגט געטאָן ווערן דורך מקובלים און בעלי=תשובה, כּדי צו פֿײַניקן זיך און אַזוי אַרום זיך צו רייניקן פֿון די זינד.

1894 " אַ יאָר 40 צוריק, ניט הײַנט געדאַכט,// פֿון תּעניתים בײַ טאָג, פֿון חצות בײַ נאַכט,// פֿון גילגול=שלג, קאַלטע מיקוואות, פֿינצטערע תּורה, // ביז איך אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ ביטערע מרה=שחורה". צווייפֿל, 4, 76.

1967 " |...| אָט דאָס דאָזיקע באַשעפּעניש גייט אויף 3249
אָנגעטאָן אין ווײַיסן |...| פֿראַוועט אויף גילגול=שלג".
מ. אונגער, פֿער 69, V/28.

שור: ס'איז אין ליטע ניטא א שטעטל אָן אַ גילגול
און אַ שטאָט אָן אַ בילבול |דיק, 80, 24|.

גלגול=מחילה.

1769 " ער הוט קיין צער גלגול מחילה דז איז מעהר 3246
אלז אין חוצה לארץ וויא אלי תשובה תענית אונ טבילה ".
ס' ידי משה, הקדמה.

גי –

(?נ?) ג י ל ג ו ל ן |גילגלען| – אוטוו. [illegible].

(שנש)דורכמאַכן; גילגולים; מגולגל ווערן.

1958 " ווערטער פֿון אַ לעבעדיק לשון גילגולן אין

3269 זיך: טאָפּלען און שפּאַלטן זיך". ב. האגער, פֿער 38,

נ' 28, ז' 237.

119

ג י ל ד ו י ן - דער, =ים. פפ גילדיין. (עלט)

גילדן (מטבע), געניצט ס'רוב ביים אנרופן די סומע,
וואס מע האט מנדר געווען ביים אויפרופן צו דער תורה;
מע טרעפט אויך דאס ווארט אין עלטערע פאלקסלידער;
אין מאדערנעם יידיש געניצט נאר איראניש אדער
עמפאטיש.

1865 " |...| איז ער געקומען צו לויפן |אין שול אריין|
אונ האט אנגעהויבן שרייען: פאר 6 גילדוין וועל 3282
איך לאזן אוועקגעבן אתה הראית?". פער 177, נ'46. ז'700.

1900 " דער טאטע און דער פעטער הערן נישט אויף צו
שמייסן זיך, מע האט שוין אריינגעשמיסן ביז פנפציק 3276
גילדוין". שלום=עליכם, 2ב, 40.

ג י 393/1 א.

" האסט מיר געמאַכט אַ תל פֿון דעם קלייד, 1970

כ'האב באַצאַלט דערפֿאר צוויי הונדערט <u>גללדוינים</u>". 3283

<u>באשעוויס, פער 155, XII/25.</u>

ג י ל ד ז ע - ----> גילזע.

ג י ל ד יי ן - ---← **גילדוין.**

ג י ל ד י ע |וויַער ל| - די, =ס, פּפּ גילדע.

1. אין מיטלעלטער, אַ שטאַנדישע קאָרפּאָראַציע פֿון
בעל=מלאכות און סוחרים.

1894 " די האַנטווערקער |...| האָבן געגרינדעט די
3446 צעכן אָדער גילדעס און האָבן אויף אַזאַ אופֿן פֿאַרשלאָסן
זייערע פֿאַכן |...|, ניט צוצולאָזן אין זיי קיינעם".
פּייגענבוים 2, 35.

1951 " לויטן 'מאַגדעבורגער רעכט' איז די שטעט דערלויבט
3453 געוואָרן |...| איינאָרדענען זייער סוחרים=גילדעס
און האַנטווערק=צעכן". מ. ווישניצער, פֿער 106, 47.

2. אין צאַרישן רוסלאַנד - שטאַנדישער פֿאַרבאַנד פֿון
סוחרים, וואָס האָט זיך געטיילט אויף דריַי מדרגות

(ערשטע גילדיע, צווייטע און דריטע) אָפּהענגיק פֿון דעם
אומזאַץ=קאַפּיטאַל.

1865 " צעבאָווע , ניט אויסגענומען יִדן, וואָס וווינען
3459 אין די וונוטרענע |= אינעווייניקסטע (רוסיש)| גובערניעס, איז ערלויבט אײַנצוטרעטן אין גילדיעס".
פּער 177, נ' 30, ז' 459.

1912 " מען טרײַבט פֿון די שטעט, |...| עס העלפֿט שוין
3485 ניט קיין צײַגניש פֿון אַ גילדע=סוחר". יוסף גיימאַן,1,1.

1947 " |...| פֿון אַלע שטאָטישע חבֿרות פֿון דער סוחרישער
3461 גילדע און פֿון די בעל=מלאכהשע צעכן". שניאור,10, 129.

3. דערלויבעניש צו האַנדלען אָדער פֿירן אַ האַנטווערק=
וואַרשטאַט; פּאַטענט, ליצענזיע.

1877 " די ייִדן וואַרען |=זײַנען געווען (דײַטש)|
3484 דאַן |...| פֿרײַ פֿון רעקרוטן, דאָס גלײַכן וואר
דער האַנדל פֿרײַ פֿון גילדעס". דיק, 84, 41.

1922 " כּדי צו האַנדלען מיט ליכטיקע שטיינער און
3460 גאָלד, דאַרף מען אַ גילדע האָבן". זינגער, 1, 36.

4. (פֿיג) פֿאַך, פּראָפעסיע.

1908 " ער האָט אַנטדעקט, אַז ער באַזיצט אויך די פֿעיִקייט
3462 צו שרײַבן פּראָזע און ער איז אַרײַן אין די [דער
ייִדישע[ר] זשורנאַליסטן=גילדע". ראָזענפֿעלד,
2. פֿאַרוואָרט פֿון אַ. האַרקאַווי, ז׳ X,

ג י ל ד י ק – אַדי/אדוו. (טעות) דזוו גאלדיק.

1972 " די געסלדעכלעך, נידעריקע, חפּילהדיקע האָבן

3291 אַזוי גילדיק געברענט". שפּיגל; פֿער 38, נ' 76, ז' 47.

400 

(?נ?) ג י ל ד י ק ן - אוטוו. (שנש) אויסזען ווי גאָלד, ווי באַגילדט.

1959 " וויַיט |...| גילדיקט די קייט". א. אויערבאך, 3292

| |
|---|
| רעד: פֿון וועלכן בוך?! |

ג י ל ד ן I - דער, מצ דז, פּפּ (פטמ) גילדן.

1. איך צאַרישן רוסלאַנד אַ מטבע, וואָס האָט באַטראָפֿן 15 קאָפּיקעס (15 הונדערטסטלעך פֿון אַ רובל).

|אָנהייבצוא י"ה| " דאָס מחזור וואָס איך האָב ביַי איַיך
פֿאַרזעצט// בין איך דרויף נאָר איין גילדן שולדיק |...|". 3360
עטינגער, 3, 240.

1888 " ער האָט געכאַפּט און צען זילבערנע גילדן אָפּגעצאָלט
פֿאַר דעם קעלבל במזומנים". מענדעלע, 3, 213. 3402

1902 " קוים=קוים אַ גילדן מיט צוויי גראָשן, אי דאָס -
די צוויי גראָשן מיט אַ לעכל". שלום=עליכם, 7א, 91. 3692

1910 " א גילדן נעמען, אויב ס'איז מעגלעך// איז גוט
אוודאי". פּרוג, 2, 27. 3314

1936 " קריגט ער לעצטגעלט דרײַערס, צענערלעך און

אַפֿילו זילבערנע גילדנס". זינגער, 6, 37. 3348

2. אין פּוילן (1919 - 1939) - [illegible] עיקר=מטבע (זלאָטי),

געטיילט אויף הונדערט גראָשן.

1945 " אויף באַלעוועס און אויף דער גענשע// געוועזן

אַ יאַריד פֿאַר אַ גילדן". סעגאַלאָוויטש, 9, 72. 3352

3. אין מיטלעלטער, אין פּוילן און אין די דײַטשע לענדער —

אַ גאָלדענע מטבע פֿון פֿאַרשיידענעם ווערט.

1970 " דאָס שטעטל האָט געגעבן דעם ליטוואַק עטלעכע [illegible]

גילדן |...|". א. פּײַוולאָוויטש, יזב 7, 145. 3316

1935 " |...| דאָס האָט ער באַצאָלט דעם פּאָטער דרבי פּוילישע גילדן קנס, די זינד זאָל פאַרשוויגן ווערן". קאנק
באַשעוויס, 1, 135.

|| גילדנוובֿיז - אַדוו. צו איינציקע גילדן, אַ גילדן נאָך אַ גילדן. % ער האָט אים אויסגעצאָלט גילדנוויייז דעם חובֿ.

ק(א)ראַנטענער גילדן - (לאָקל, פּילווישער, ליטע)
פּריבסיק קאָפּיקעס |ל. הערש, פּער 90, ב' IV - 2, ז' 51|.

ס'איז ביי אים אַכצן גילדן אַ ביסן חמץ - וועגן אַ גרויסן אָרעמאַן.

באַמיר איז אויך דריַיצן גילדן א פּונט סקאַרינקעס - (שפּאסיק) איך בין אויך אַן אַרעמאַן.

אפּגזאגן די עטלעכע גילדן - (שפּאסיק) אַוועקשטאַרבן.

" אפשר האט ער אפּגעזאגט די עטלעכע גילדן און 1909
אַריבערגעפּעקלט זיך אַהין וווּ מע עסט נישט |...| 3310
קיין רעטעך מיט שמאַלץ". שלום=עליכם, 7ב, 167.

פּיינט האבן ווי א בעטלער אַ האלבן (אַ גאַנצן) גילדן - (שפּאסיק) ליב האָבן, באַגערן.

שור: באַהאלט דעם ווַיסן גילדן אויפן שוואַרצן טאג.
דעם אַרבעטער אַ גילדן, דעם בעל=מלאכה א רובל.

א גילדן פֿאַרדינען פֿאַר זיך, ווי אַ רובל ביי יענעם.

גילדן צו גילדן, בויט איר זיך מילן.

ם גילדן/גולדן/גוילדן.

---- 3.

XV | י"ה | " ער | אחשורוש צו המאנען | שפּראַך: הב דיין

גוילדן, איך ביגער ניט דיינש גויטש". מגילה=ליד, 3465

שורה 605.

1680 " איין העלד איך איינם לערין זעקיל פיל מין

קלעפּרן טוט, אלז מענכר דער טויזנט גילדן איך זעקיל 3305

האט". צוכט שפּיגל, דף 13.

406 ג' -

1732 " האשטו הונדרט גילדן צום הנדל איך הענדן //

אונ טושט זיא אלי ווייל מיט הנדלן אום ווענדן,// 3347

מאגשטו אלי טאג עסן פלייש אונ טרינקן ווייך".

עיין יצחק, דף 55 - ב.

ג י ל ד ן !! – אדי, פֿפּ גילדערן, גאָלדן. ——— |

1. פֿון גאָלד. % אַ גילדן רינגל. אַ גילדענע מטבע.

אַ גילדענער בראַסלעט. גילדענע אויערינגלעך.

|אַנהייב XIX י"ה| " טויזנט גילדענע רענדלעך האָט מען

פֿון אונדזערטוועגן |...| אײַנגעלייגט". אַנ,געניאַרטע

וועלט, 2, 85.

1888 " עפּעס אַ האַנט פֿונעם הימל האָט אים געגעבן אַ

קאנק גילדן פֿיסל פֿון אַ גילדענעם טיש". מענדעלע, 3, 118.

1928 " דאָרט אויף ימען בלאָווע, דאָרט בײַ ברעגן מילדע//

3390 איז מײַן ליד באַהאַלטן – אַ שיפֿעלע אַ גילדנס".

פֿינינבערג, 1, 67.

1960 " |...| אָבער די מיטאָלאָגיע איז |...| נאָר אַ טייל

פֿונעם בוך - עפּעס אַ מין פֿאַרצײַטיקע גילדענע בראָש 3425

בײַ אַ מאָדערן געקליידטער פֿרוי". ניגער, 10, 300.

2. (פֿיג) זייער ווערטיק, טײַער, הויך געשאַצט.

% אַ גילדענע געלעגנהייט. זיי שטאַמען פֿון גילדענעם ייחוס.

גילדענע געשעפֿטן.

1864 " ס'איז נישט גוט, נישט קלוג אָפּצוזאָגן זיך

פֿון אַזא גילדענער שטעלע, וואָס טראָגט מיר פֿיל אײַן". קאַנק

מענדעלע, 12, 116.

3. מיט אַ קאָליר ווי פֿון גאָלד. % גילדענע שטראַלן.

גילדענער גלאַנץ. % איז געפֿלויגן די גילדענע פּאַווע.

1912 " די נאַכט דעקט זי איבער מיט אַ טונקל בלויען שאַל,
קאנק געשפּרענקלט מיט **גילדענע** שטערן |...|". מענדעלע, 354,3.

1948 " |...| אויסן איז ער דאָך געווען אויסצוגעפּינען
די **גילדענע** פּינקען |...|". ב. ריווקין, 1, 20.

1975 " קאַרע איז פּעט, געלאַסן, מיט אַ ווײַיס לעבערל,
קאנק **גילדענע** אויגן, גייט פּאַמעלעך |...|". באַשעוויס, 26,6.

**גילדענער אָדער** - גרויסער יִחוס, אָפּשטאַם.

1888. " |...| שיינע ייִדן, כּשרע ייִדן, |...| **גילדענע=**
3473 **אָדער**=ייִדן, גלאַט ייִדן |...|". מענדעלע, 3, 66.

גילדנאדערדיקע - מיוחסדיקע.

1888 " זײדענע, גילדנאדערדיקע בעלי=תפילות, |...| שופר=בלאָזערס |...|". מענדעלע, 3, 4. 3466

גילדענע אויגן - די בלעזלעך פון פעטס אין א זופ, יויך.

1967 " די מאַמע שלעפּט אַרויס דאָס פײַערדיקע טעפּל פון אויוון און כוואַליעט |כמאַליעט?| אין טעלער אַרײַן דעם זודיקן באָרשט מיט די גילדענע אויגן". פרידמאַן, 4, 104. 3379

גילדענער איציקל - (לאַקל, ווו?) " אַ הולטאַי, אַן אויסוואָרף, אַ קארטיאָזשניק און סתם אַ כל=בוניק"|קטוו|. (?,?)

גילדן איציקל - (לאקל, ווו?) "אַ ייִנגל אַ שלעגער, (?נ?)
אַ נישט=פֿאַלגער" קטוו. 3478

אַ גילדן האַרץ - זייער אַ גוטער מענטש.

גילדענע הענט האָבן - זייער פֿעיִק זײַן.

גילדענער=גוטן - (לאקל, מלאווע) מצבֿ, ווען איינעם גייט זייער גוט |אַפּאַטאַשו, פֿער 90, נ' !|.

גילדענע וואָך - די ערשטע וואָך נאָך דער חתונה.

גילדענע יויך - די טראַדיציאָנעלע פֿעטע יויך, וואָס מע פֿלעגט אויפֿגעבן בײַ אַ חתונה =שׂימחה (גערופֿן אַזוי צוליב די בלעזלעך פֿעטס אין דער יויך; אין געוויסע

ערטער פֿלעגן חתן=כּלה עסן אַ ביסל פֿון דער יויך פֿון
איין טעלער און די שיריים פֿלעגט מען פֿאַרטיילן צווישן
קראַנקע לייט, שוואַכע קינדער, און עקרות, ווי אַ סגולה).

1888 " |...| דערנאָך הייבט זיך אָן אַ מאָלצײַט מיט
קאנק גילדענע יויך, מיט דעם טײַערסטן לאָקשן=ווײַן |...|".
מענדעלע, 3, 48.

1975 " כ'האָב שפּעטער געזען, ווי חתן=כּלה עסן די
קאנק גילדענע יויך. ביידע האָבן קוים פֿאַרזוכט". באַשעוויס,
6, 149.

גילדענע פּאָן - גרויסער יִחוס. % ער איז פֿון דער
גאָלדענער פּאָן - ער איז פֿון גרויסן יִחוס.

<u>גילדן צינגל</u> - איינער וואס רעדט זייער שיין.

<u>צוזאגן גילדענע בערג</u> - צוזאָגן עמעצן זייער אַ סך, גוטע געשעפטן, פאַרדינסטן, אויסערגעוויינטלעך גוטע זאַכן.

<u>ער (זי) איז געבוירן מיט א גילדן לעפעלע</u> - וועגן עמעצן וואָס איז מזלדיק אין אַלץ.

<u>איינריידן זיך (חלומען פון) גילדענע פייגעלעך</u> - האבן אילוזיעס, פוסטע פאַנטאַזיעס.

<u>איינקויפן זיך אין דער גילדענער פאַן</u> - דורך אַ שידוך אַרייַן אין אַ ייחוסדיקער משפחה.

1888 " עס האָט אים געפּאַסט צום עסק, זיך משדך זײַן מיט

קאנק בערען, אײַנקויפֿן זיך אין דער גילדענער פּאַן".

מענדעלע, 3, 179.

#

שור: א גילדן נעגעלע ציט אַן אײַזערן װעגעלע.

דאס אַנדערע װײַב האָט א גילדן לײַב.

ם

גילדין/גילדן.

|XV| י"ה| " און װען מיר דען גוילדן פּפֿעניג זולן

3483 אין נעמן,// זא לויפֿן זי היים און לושן אונש

גיצעמן". מגילה=ליד, שורות 458 - 459.

| סוף XVII י"ה| " איז אביר מיין גאט און׳ הער בעו"ה

3427 |אויס| דער <u>גילדיגי</u> קעט זעניך ממש שטריק און׳

אייזירני בנד גיווארך". <u>זכרונות גליקל האמיל</u>,

<u>ז׳ 297</u>.

1735 " |...| איילין שפיגל ברעכט דיא <u>גילדני</u> הוף

3429 אייזן פון זיין פפֿערדן ווידר ארונטר און׳ פֿר קויפֿט

זיא". <u>איילין שפיגל, ז׳ 7</u>.

ג י ל ד ן !!! - טרוו. פֿאַר געגילדט, ווס דאָט גילדן.

1. (טרוו) דזוו באַגילדן. % די לעפּעלעך האָט מען געגילדט מיט אַ דינעם שיכט גאָלד.

2. אוטוו. שײַנען, גלאַנצן ווי גאָלד, אויסזען ווי (פֿון) גאָלד, פֿון גאָלדקאָליר.

1894 " פֿאַרביילויפֿנדיק פֿלעג איך אָפֿט אַרײַנקוקן אין דעם גן=עדן, |...| ווו פֿון אַלעס גילדט |טעקסט: גילדעט| און ברילאַנטעוועט אין די אויגן".

פֿער 59, 23.

|| גילדן זיך - דזוו גילדן ב 2.

31

1938 " פֿרישער האָניק וועט פֿאַרשפּרייטן אַ ריח א זיסן,
// און זיך גילדנדיק וואַרטן, מען זאָל קומען און
געניסן". לערער, 1,

1963 "אַראָפּ פֿון דער הימלישער פֿאַשע – // אין דער
3441 שקיעה זיך גילדן". מ.מ. שאַפּיר, 1, 74.

1966 " |...| אין אַ וואַלד,// פֿון דער מאָרגנזון באַשטראַלט,
3444 // גילדן זיך אין זון די קרוינען". האַלקין, 15,4.

ג י ל ד ע - די, =ס. דזוו גילדיע.

ג י ל ד ע ר ן - <u>אדי.</u> 1. <u>דזוו</u> <u>גילדן II</u>, <u>ב' 1.</u>

1843 " |...| אן דר זייט פון דר <u>גילדרני</u> מנורה

3509 זיין גיוועזן זיבן <u>גילדרני</u> רערן |...|".

<u>אהרן מטריבוש, 1, דף ה - ב.</u>

1935 " מע וועט עסן פון <u>גילדערן</u> געפעס און טרינקען

קאנק נייערט וויין". <u>באשעוויס, 1, 141.</u>

2. <u>דזוו</u> גילדן <u>II</u> ב' 2.

1912 " אך, די <u>גילדערנע</u> יוגנט! איך האב שוין לאנג

3511 אויפגעהערט מיך צו פארלאזן אויף אירע בקיאות

אין חריפות |...|". <u>זשיטלאווסקי, 3, 236.</u>

1944 " די דאזיקע ברייטע און <u>גילדערנע</u> מחתנשאפט

קאנק האט געהייסן א טריט אין דער גרויסער וועלט אריין".

<u>טרונק, 3, 48.</u>

ג י ל ה י – דער, =ים. |גילהים|. (לל) אַנטפּלעקונג, דאָס אויפדעקן פון אַ פאַרשטעלטער זאַך.

1947 " |...| מיט אייך צוזאַמען// שוויַיגט זיך מיר א תּפילה,
// און מיט איַיך צוזאַמען// קוק איך אויס אַ גילהי". 3527
אהרן ציַיטלין, 5א, 71.

1957 " בנוגע אָבער דעם גילהי פון געטלעכן ליכט איז
פאַרקערט: יפה שעה את בתשובה ומעשים טובים בעוה"ז 3525
|בעולם הזה| מכל חיי העולם הבא". ה. ציַיטלין, 233,1.

0 גילהי=אליהו |עליאָהו| – דאָס אַנטפּלעקן זיך פון
אליהו הנביא צו מענטשן.

1877 " אין יענע צייטן האט מען געגלייבט, דאס
3529 זעלבסט פֿרומע ישובֿניקעס, וואס לערנען ביי דער
הארנע |?| האבן גילוי=אליהו". דיק, 85, 6.

1929 " יעדער אורח ביים טיש// איז פֿאר אים גילוי=אליהו".
3530 גראס, 1, 45.

גילוי=דעת |... דאאס| - (לל) - ארויסגעזאגטע מיינונג,
דעקלאראציע. % מע האט איך אלע בתי=מדרשים ארויסגעהאנגען
א מודעה מיט דעם גילוי=דעת פֿון בית=דין.

גילוי=בשׂר |...=באסער| - דאס אנטבלויזן דאס לייב
(אייפֿעמ) וועגן א דעקאלט פֿון א פֿרוי. % איך זיין
דרשה האט דער מגיד געזאגט שארפֿן מוסר קעגן דעם
גילוי=בשׂר פֿון די היינטיקע ווייבער.

<u>גילוי=עריות</u> |...=אראיעס| - 1. אויפדעקונג פון בלוטשאַנד, געשלעכטלעכער פאַרקער מיט נאָענטע קרובים/קרובות, וואָס איז על=פּי=דין פאַרבאָטן.

2. אויסגעלאַסנקייט, ניאוף, זנות.

1935 " |...| נואף! - האָט ר׳ מרדכי=יוסף געברילט - שבתי

קאנק חזיר בוקט זיך צו דער עבודה=זרה, און די ליגסט מיט אַן אשת=איש! |...| גע-וואַלד! - איז ער זיך פאַרגאַנגען - <u>גילוי=עריות</u> און שפיכת=דמים!". <u>באשעוויס, 1, 156.</u>

1967 " זאָל איך גלייבן אין דעם אויסלייזער, וואָס לייזט

3537 ניט אויס,// דעם אויסגעטראַכטן גאָט, וואָס באַמבלט זיך אויף אַלע צלמים, דער עבודה=זרה, וואָס פאַרגיסט פאַרויס <u>גילוי=עריות</u> און שפיכת=דמים?". <u>אונצייטלין, 6, 161.</u>

<u>גילוי=ראש</u> |...=ראָש| - דאָס גייִן מיט אַן אָפּגעדעקטן קאָפּ.

% ער איז שוין אַן אַפּיקורס, <u>גילוי=ראש</u> איז ביי אים קיין עבֿירה ניט.

<u>גילוי=שכינה</u> |...=שכינע| - אַנטפּלעקונג פֿון דער געטלעכקייט, דאָס קריגן רוח=הקודש.

 131

גילז(ע) I - די, =ן. פּפּ: גילדז(ע), הילזע,

ווייכער ל. 1. (עלט) פּאַפּיראָס=רערל, טייל פֿון

דינעם קאַרטאָן, (צו 3 [illegible]) טייל פֿון פּאַפּיראָס=פּאַפּיר (ביבולע),

אין דעם דאָזיקן טייל פֿלעגט מען מיט אַ באַזונדער

שטעקעלע אָנשטאָפּן טאַבאַק.

1886 " קיין אַרבעט מאַכט זיך נישט, גילזעס קאָסטן היינט 3554

וואָלוול, און קיין געלט פֿאַרדינט זיך נישט".

שלום=עליכם, 25, 125.

1963 " |...| איז אַלע מאָל געלעגן אַ קופּע טיטון און 3553

ס'זענען געלעגן שאַכטלען מיט הילזן (אָדער: גילזן)".

י. וואַרשאַווסקי, פֿער 155, VI/13.

" אַז זי איז שוין געוואָרן אַ גרויסע, |...| האָט 1972

3284 זי געמוזט גיין אַרבעטן אין אַ <u>גילדזן</u>=פֿאַבריק,

פֿאַרדינען אַ קערבל אַ וואָך, צוהעלפֿן דעם טאַטן אין דער

פּרנסה". <u>ב. דעמבלין, פֿער, 155, 19/III.</u>

2. מעטאַלענערער, וווּ ס'ליגט דער אויפֿרײַס=פּולווער

פֿון אַ שיסקויל (פֿון אַ ביקס, פּיסטויל, האַרמאַט).

" |...| אויסגעשאָסענע <u>גילזן</u>, ברודיקע העמדער 1927

3559 |...| האָבן זיך געקנוילט צוזאַמען". <u>זינגער, 4, 270.</u>

" |...| דאָס זענען די <u>גילזן</u> פֿון מײַן ביקס". 1960

3555 <u>סוצקעווער, 4, 430.</u>

1962 " אין שול |זייַנען געהאָנגען| זייער גרויסע און שווערע מעשענע הענגלײַכטערס, נאָר די רוסן האָבן זיי 3569
אַרויסגעפֿירט |...| אין צײַט פֿון |ערשטן| וועלטקריג
|...| אויסצוגיסן פֿון זיי גילזן; פֿאַר די קוילן".
ש. פֿאַרבער, יזב 1, 226.

0 גילזע=פּאַפּיר - דאס, בא. דינע פּאַפּיראָס=פּאַפּיר (ביבולע).

גילזן=פֿאַבריק - די, =ן. פֿאַבריק וווּ מע האָט אויסגעאַרבעט גילזן.

1947 " |...| עס איז אויך דאָרט |אין ראַדאָמסק| געווען
אַ גרויסע גילזן=פֿאַבריק |...|". פּ. קאַלקע, יזב 8, 339. 3514

(?נ?) ג י ל ז ע !! - די, =ס. " וואָס מע פֿלעגט אַרײַנטאָן

3557 אין מויל פֿון אַ פֿערד כּדי אים צו צוימען"|קטור|.

גילטיק – אַדי/אַדוו. 1. וואָס גילט, האָט אַ ווערט,
אַ האַפּט, איז אין קראַפט, איז מחייב. אַ גילטיקע מטבע.
גילטיקע באַנקנאָטן. אַ גילטיקער פּאַספּאָרט. גילטיקע
כּללים. דאָס געזעץ איז גילטיק אָנהייבנדיק פֿון נײַעם יאָר.
דער וועקסל איז ניט קיין גילטיקער, ווײַל ער האָט
ניט קיין זשיראַנט.

1867 " שבת און זונטיק און בײַ בענעפּיסן זענען די
3569 פֿאַמיליע=בילעטן ניט גילטיק". פּער 177, נ' 17, ז' 134-135.

1922 " אויף אַ קבלה זאָל מען שרײַבן אַ טערמין: זי איז
3575 גילטיק נאָר ביז...". אַלפּס, 5.

1953 " איך מיין ניט דערמיט צו זאָגן, אַז
3585 היסטאָרישע רעכט דאַרפֿן שטענדיק באַטראַכט ווערן אַלס
אַבסאָלוט גילטיק". גרינבערג, 2, 237.

2. (עלט) אָנגענומען, גוט געזען.

1874 " אין יענע לענדער באַשטייט די רעכטע שיינהייט
פֿון אַ פֿרויענצימער נאָר אין באַליבטקייט, וואָס דיקער 3571
זי איז, איז זי אַלץ מער גילטיקער און באַליבטער".
פּוק, 69, 17.

1894 " האָט זײַן טאַטע אים חתונה געמאַכט מיט דעם היגן
שמשׂס טאָכטער. די מיידל איז אַפֿילו ניט געווען אַזאַ 3567
גילטיקע סחורה". זויבערבלאַט, 1, 50.

|| גילטיקייט - די, בא. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ פֿון זײַן גילטיק, ב 1. % די גילטיקייט פֿון דער וויזע איז פֿאַרלענגערט געוואָרן אויף נאָך 6 חדשים. די גילטיקייט פֿון געזעץ איז שוין אויסגעגאַנגען.

1870 " |...| דאַן ווענדעט זיך זײַן <u>גילטיקייט</u>

| פֿון אוקאַז (דעקרעט) | נאָר אין די רעשעניע |באַשלוס| 3590

פֿון דעם ר׳ שלמהלע |...|". <u>איבן דיק, 6, 67.</u>

1953 " איינשטיין אַנערקענט די <u>גילטיקייט</u> פֿון אונדזערע

מאָראלישע ווערטן". <u>גרינבערג, 1, 64.</u> 3593

2. אייגנשאַפֿט אדער מצב פֿון זײַן גילטיק, ב 2.

1949 " זי האָט געוווּסט, אַז נאָר צוליב דעם וואָס זי

איז אַ פֿרוי פֿון אַ שריפֿטשטעלער עפֿענען זיך פֿאַר איר 3592

די טירן פֿון פּרצעס הויז, און ניט צוליב איר אייגן

<u>גילטיקייט</u>". <u>טרונק, 7, 111.</u>

17/ זײַן (וואַר: אָננעמען פֿאַר) אַ גילטיקע מטבע –
זײַן גוט געזען, אָנגענומען פֿאַר גוט, פֿאַר אַן אמתער,
ווערטיקער זאַך.

1864 " |די| קאַנאַליע האָט גוט געוווּסט, אַז אַ שם־טובֿ
איז אין דער וועלט זייער אַ גילטיקע מטבע". 3566
דיק, 19, 9.

1943 " |...| האָט זיך דאָ מיכאַלקע צעוואַרעמט און
זײַן מיטשפּרעכערס רייד פֿאַר ערנסט און פֿאַר אַ גילטיקער קאַנק
מטבע אָנגענומען |...|". נסתּר, 5, 161.

□ גילטיק.

432 - ג׳

1766 " |...| ער מאכט אויז איין תנועה קטנה איין תנועה

3589 גדולה אונ׳ איז גילטיג פר איין הלבי נגינה |...|".

אבן ישראל, דף 1.

גילטן I - אוטוו, פֿאַר געגאָלטן, וואָס דאָס גילטן.

1. האָבן אַ ווערט, אַ האַפּט, אָנגיין, זײַן אין קראַפֿט,
זײַן אָנגענומען געזעצלעך, זײַן מחייב. % די אַלטע
מטבעות גילטן שוין נישט. די וועקסלען גילטן נאָך
מיט צוויי אונטערשריפֿטן. דאָס אַלטע געזעץ גילט נאָך
עד=היום. אַלע זײַנע תּירוצים האָבן ניט געגאָלטן,
קיינער האָט אים ניט געגלייבט מער.

1888 " די דאָזיקע לעבעדיקע סחורה גילט אין גלופּסק
3599 משונה שטאַרק, האָט דאָרט אַ גרויסן אָפּגאַנג". מענדעלע,3,4.

|1936–1932| " אַזאַ מין פּרעג, איך ווייס, האָט קיין
3626 מאָל ניט געגאָלטן, // קיין ענטפֿער איז ניטאָ און וועט
ניט זײַן דערויף". לייוויק, 6, 474.

1948 " צי גילטן ווידער נישט די אַלטע כּללים,// דער

3628 אַלטער צער פֿון חכם, פֿון אַמאָל |...|". סעגאַלאָוויטש,

12, 16.

2. (גילטן פֿאַר/ווי) אָנגעגיין געהאַלטן ווערן פֿאַר עמעצן/

עפּעס, באַטראַכט ווערן ווי... % ער גילט פֿאַר אַ גוטן

בעל=מלאכה.

1877 " די פּרוי פֿון דעם ר' הירש, וואָס האָט דאַן געגאַלטן

3660 אין שטאָט פֿאַר אַ האַלבע דאָקטאָרקע". דיק, 84, 75.

1914 " עס קומט אַריין סיאַמקע מיט שניאורסאָנען, וואָס

3609 באַדאַרף שוין גילטן אַלס איוואַנאָוו". שלום=עליכם,

ג4 55.

1944 "ער האט זיך דערמאנט די אמאליקע בעלער אין

קאנק זיינע גיטער, ווו ער האט געגאלטן אלס ערשטקלאסיקער

טענצער". טרונק, 3, 119.

1970 " אויפן וועג האט מיר די נאנע אנגעזאגט, אז איך

3611 וועל גילטן אלס קריסטין |...|". ל.וונדה, יזב 7, 305.

3. (צו א סוב/פרׂאנ איך דאט) איינגעבן זיך, מצליח זיין,

אפגליקן, געראטן. % יענער איז זייער א מזלדיקער,

עס גילט אים אין אלץ.

1883 " |...| דערמיט האט אים געגאלטן בדלות צו שטעלן

3622 וויפל נארישע הייזער, וועלכע האבן אין אים געגליידט".

סאפיר, 2, 6.

1910 " די מטבע [...] אט פון וואס נאר // האט דעם גביר

3642 געגאלטן". פרוג, 3, 301.

1947 " |...| אַ מענטש וואָס אים גילט ניט אין לעבן".

3649 דאָברושין, 1, 35.

4. (עלט) קאָסטן.

1819 " |...| דענצמאהל דאַרף קיין שום בן אדם אהיין

3645 אריין קומען, עס זאל אפילו גילטן אום דאס לעבן".

1872 " ווער דאָ וויל גיין צו זיי |די מלכים| אין חדר,

3600 דער מוז זיך פֿאָר אָנזאָגן, דען עס זאָלט אים דעם

האַלדז גילטן". צאינה וראינה, 3, פרשה תצוה.

|| גילטונג – די, =ען. ווערט, האַפֿט, קראַפט, ממשות;

גילטיקייט.

1919 " האָט אַ פֿאָלק ניט קיין שפּראַך=גלײַכבאַרעכטיקונג,
ווערן זײַנע איבערזעצונגען באַטראַכט פֿאַר פּריוואַטע 3563
און האָבן ניט קיין יורידישע גילטונג פֿאַרן געריכט".
זשיטלאָווסקי, 10, 27.

1938 " |...| אין לעצטן פֿאַל האָט דער אַפּאָסטראָף אַ
פֿאָנעטישע גילטונג |...| אָדער אַ ריין גראַפֿישע". 3564
פּרילוצקי, פּער 92, נ' 1.

ווײַזן ווי טײַער קאָרן גילט – געבן אַ פּסק, באַשטראָפֿן,
אָנלערנען.

ווייסן (געוואָר ווערן) וואָס קאָרן גילט – האָבן צרות,
כאַפּן אַ פּסק, קריגן געזידלט, ווערן אָנגעלערנט.

1864 " אַנו |...| שלאָגט איר אָן |...| אַפּילו אַ האַלבן אימפּעריאַל פֿאַר דער אַרבעט, וועט איר געוואָרן ווערן וואָס קאָרן גילט". פּער 177, נ׳ 34, ז׳ 532. 3620

גילט איַיך א גוט יאָר! - דזוו (פֿעלט) האָט איַיך אַ גוט יאָר! (ווינטשעוואַניע).

שוו: די מטבע גילט.

דער גראשן גילט דאָרט, ווו. ער ווערט געשלאָגן (וואָר: ווו. דאָס מינץ איז געשלאָגן, דאָרט גילט עס).

וואָס טויג (וואָר: וואָס העלפֿט) די חכמה, אַז (דאָס) נאַרישקייט גילט.

נ י ט  ש ט ע נ ד י ק  ג י ל ט  ד י  ה צ ל ח ה.

א ז  ד י  ה צ ל ח ה  ש פּ י ל ט,  ג י ל ט  ע ר ש ט  ד י  ח כ מ ה.

ם

ג י ל ט ן.

---> 1.

1595 " א ו נ׳  ק י י ן  ח ז ק ה  ג י ל ט  נ י ק ס  ב ש ת י,  כ פ ס י ו ת,  ו ו ע ן

ע ש  נ י ט  א י י ן  ג י ש ר י ב ן  א י ז".  ק ר א ק ע ו ו ע ר  ק ה ל ה=ת ק נ ו ת. 3652

1697 " כ ל ל  א ו י ף  י ע נ ע ר  ו ו ע ל ט,  ג י ל ד  נ י ט  ק י י ן  ג ו ט  נ ו ך

ג ע ל ט".  ס״ מ ש ל י ם,  ד ף  ב  -  !!.

1743 " ד ע ן  א ו י ף  ד ש  א ו ר ט  ו ו א ו  ג ו ט י  ר א ט  ג י ל ט  ד א  א י ז

ד י א  ה י ל ף".  י ו ס י פ ו ן,  4,  ד ף  ק מ ב  -  !!. 3614

.3

1544 " דען דֵבר וועלן מיר דר וִוילן דעם ארמן אז
דעם רייך.// דעם שוואכן אלש דעם שטארקן גילט 3657
אלש גלייך". שמואל=בוך, סטר׳ 1770.

1680 " מן עשט אומנטום ברוט אין דער וועלט,// דרום
וועך דיר איין אורט ניט גיפאלט,// זא ציך אן אייך 3665
אנדר אורט,// עז גילט דיר זא פיל דא אלש דארט".
צוכט שפיגל.

גילטן !! – טרוון, ווס דאָס גילטן. 1. באַדעקן מיט
גאָלד אָדער מיט עפּעס וואָס זעט אויס ווי גאָלד, איין
גאָלדקאָליר; גילדן, באַגילטן, באַגילדן. % דער איינבינדער
גילט די ראַנדן פֿון די בלעטלעך.

1844 " |...| ער האָט מיך אויף גוטן פּאַפּיר געקויפּט,
|...| די בלעטער אויף געגילט, |...| איין ליידווינט 3618
מיך איינגעפּאַקט". ליאָן דאָר, 1, 21.

2. געבן גאָלד. % מע זאָל אים אַפֿילו גילטן, וועט ער
אַזאַ מיאוסע זאַך ניט טאָן.

1916 " מע זאָל זי גילטן, וואָלט זי |די מאַמע| ניט געוואָלט
צורירן זיך צו אָט דער אַמעריקאַנער משקה". קאנק
שלום=עליכם, 8ב, 176.

גילטן זיך - אוטוו. גלאַנצן ווי גאָלד.

1941 " פֿונקט אַנטקעגן בראָם |...| גילטן זיך |...| די
3618/א שילד=אותיות פֿון |...| באַנקירהויז". מאַרגאָליס, 1.

|| גילטער - דער, =ס. דער פֿאַכמאַן אין איינבינדערײַ וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט גילטן |סטוטש 380|.

0 גילט=מאַשינקע - די, =ס. (איינבינדערײַ) מכשיר צו גילטן די בלעטער פֿון אַ בוך |סטוטש 380|.

גילטפּרעס - דער, =ן. מכשיר צו גילטן |סטוטש 380|.

(?נ?) גילטעניש - דאס. בא. ~~דאס. בא.~~ דאָס אַוועקכאַפּן,
אַוועקנעמען. |האַרקאווי|.

ג'ילטענעס - בנב. 3670

**רעד:** אין קאַרטל איז דאָ אַזאַ משל: "וואָס איז דאָס? כאַפּענעס - גילטענעס?". ס'איז זיכער דיאַלעקטיש ליטוויש: "כאַפּעניש", אָבער דאַרף מען אויך דאָס צווייטע וואָרט לייענען "גילטעניש" - פֿון "גילטן"? וואס פארא "גילטן"? און אין דעם וואָרט גילטעניש, וואָס הערקט ווי גילט:

445 גי –

(?נ?) ג י ל י – דער, =ס. (אמ) צונאָמעניש פֿאַר אַ גאַליציאַנער ייִד |סטוטש 235|.

(?נ?) ם ג י ל י א נ ד ר - דער, נאמען פֿון א קערן, גענויער בנב.

3676 1767 " גד ב. שם זרע, גיליאנדר". ס׳ דברי יושר.

447 - גי -

גילִיאָנדרע - די, =ס. (עלט?) " דער טיול=צודעק איבערן קאָפּ מיט אַ שלעפּ, וואָס אַ כּלה טראָגט צו דער חופּה" |קטוור|.

448 - ג'

(?נ?) ם ג י ל י נ ד י  א ר צ נ יי א - בנב.

1728 " ווען איינר שטארק הושט |...| זוא מוז מן

3683 גילינדי ארצנייא ברויכין |...|".

סגולות ורפואות, דף כ א - ד.

גיליע - די, =ס, פּפּ גוליע. קיילעכיקער און

Pi gula האַרטלעכער אָנוווּקס אונטער דער הויט.

1863 " פֿאַר עטלעכע וואָכן איז געקומען אַ פֿרעמדער

קיין בערלין, ער זאָל זיך לאָזן אויסשניידן אַ גיליע 3684

אויף דער באַק". פֿער 177, נ׳ 31, ז׳ 490.

|| גיליעוואַטע - אדי. וואָס האָט גיליעס.

1870 " אַז דער חתן קומט צו דער כּלה אויף

יום=טוב, פֿאָרט מיט אים מיט |...| אַ גיליעוואַטע 3685

מלמד". פֿער 177, נ׳ 3, ז׳ 21 - !!!.

גילקע - די, =ס. [ווייכער ל.] פּקפּ פֿון גיליע.

ג י ל ן - דער, מצ דז. (פּטמ) דזוו גילדן.

... " צעבי׳יט זשע מיר אַ רובל// אויף איינציקע גילן,

3270 // באַצאָל איך דעם קלעזמער,// וועט ער מיר שפּילן".

פֿל.

ג י ל ע וו ע ן - <u>אוטוו</u>. "דאָס ווילדע לויפֿן פֿון בהמות,

ווען זיי ווערן געביסן פֿון דעם באָנק׳גיל׳"|<u>קטוו</u>|. 3699

גילעטקע - די, =ס. "תּבֿואה=מאָס (אויך פֿאַר קאַרטאָפֿל), אַרום אַ פֿערטל פֿון אַ זאַק, וואָס האַלט אַ קאָרעץ" קטוור.

........................................................................

רעד: ס'דאַרף מסתּמא זײַן "געלעקע": ס'איז דאָ אין אוקראַיִניש ТЕЛЕДКА, וואָס מיינט אַ הילצערנע כּלי, אַ קליין פֿעסל. כ'געדענק, אַז מע פֿלעגט גאָר אַמאָל בײַ אונדז (וואָלין) מעסטן תּבֿואה מיט פֿעסלעך. ל.פ.

........................................................................

ג י ל ק ע I + ----→ גיל I.

ג י ל ק ע !! - ----> גיל !!.

גילקע !!! - ----< גיליע.

(?נ?) ם ג י ם - די, איידלשטיין, אויך האַלב איידלשטיין.

|XV| י"ה| " מפנינים - ווֹן גימא". רייכלין 8, משלי, לא-י.

1676 " |...| דרייא צהין שטיל שטענן פֿרא אום אייטל גאלד אונ׳ גים אונ׳ אידל גישטיין". ברנט שפיגל, פרק ג׳. 8718

1716 " |...| דרויף איז גיזאגט גיווארדן דיא דא זיין גילושטיג אירי ריד מין וועדיר גאלד אונ׳ גים". 3716
ס׳ המגיד, 3, מלכים א׳, כ - ו.

200

ג י מ ג אָ ל ד - דאָס, באָ. (עלט) עכט גאָלד, פֿון דער העכסטער קוואַליטעט; גינגאָלד.

1814 " חכמה אייך צו האנדלף איז בעסיר פון גים גאלד".

3721 איבן לעפין, משלי, טז - 16.

1983 " אַז דער חתן דער פֿאַרשוין,// וועט דיך טאָן באקריינען -// וועסטו הייסן כלה=קרוין//און ווי

3722 גימגאלד שייַנען". סוצקעווער, 3, 202.

ם גים גאלד.

1610 " אונ׳ דיא לייכטר פֿינף פֿון דר רעכטן זייטן און פֿינף

3723 פֿון דער לינקן זייטן צו פֿר גאט גים גאלד".

טייטש=חומש, פקודי, הפטורה, מלכים א׳, ז- גט.

1716 " האב איך דען דש גאלד צו זיין האפֿונג געשטעלט,

3726 אדער הב איך דען געזאגט צו דש גים גאלד דש עש מיין פר זיכרונג". חובות הלבבות, דף קה- ד.

ג י-457-458.

200

ג י מ ג א ל ד - דאס, בא. (עלט) עכט גאלד, פֿון דער העכסטער קוואליטעט; גינגאלד.

1814 " חכמה איין צו האנדלן איז בעסיר פון <u>גים גאלד</u>".

<u>איבן לעפין, משלי, טז - 16.</u> 3721

1983 " אַז דער חתן דער פֿאַרשוין,// וועט דיך טאַן

באקריינען -// וועסטו הייסן כלה=קרוין//און ווי 3722

<u>גימגאלד</u> שיינען". <u>סוצקעווער, 3, 202.</u>

ם <u>גים גאלד.</u>

1610 " אונ' דיא לייכטר פֿינף פֿון דר רעכטן זייטן און פֿינף

פֿון דער לינקן זייטן צו פֿר גאט גים גאלד". 3723

טייטש=חומש, פקודי, הפטורה, מלכים א', ז- גט.

1716 " האב איך דען דש גאלד צו זיין האפֿונג געשטעלט,

אדער הב איך דען געזאגט צו דש <u>גים גאלד</u> דש עש מיין 3726

פר זיכרונג". חובות הלבבות, דף קה- ד.

ג י מ ז ע – ←---- געמזע.

ג י מ ז(ע)ן I - אדי, דזוו געמז(ע)ן.

% אַ גימזן פֿעלעכל. גימזענע לעדער. אַ גימזענער שוך.

3729 1970 " |...| גימזענע שטיוול מיט ווייבע כאַליעוועס".

י. ערליך, 1, 125.

ג י מ ז ע ן II - אוטוו. ---⇄ גימזשען.

גימזשען I - אוטוור, פּפּ גימזען. פֿאַר געגימזשעט, וום דאָס גימזשען. רודערן, ראַיען זיך, שוויבלען און גריבלען. % עס גימזשעט דאָרט ווי אין אַ בינשטאָק.

1968 " ווען נישט די חמרים לייז, וואָס האבן אויף אונדז געגימזשעט, וואָלטן מיר געהאַט געווען ריין ווי גאָלד". ד. באַס, פֿער 166, II/15. 3740

ג י מ ז ש ע ן !! — אוטוו. פּפּ גימזען, פֿאַר געגימזשעט,

וואָס דאָס גימזשען. טריפּן (וועגן רעגן) א|מאַרק וווּ 1120|.

% אין דרויסן גימזשעט אַ דראַבנע רעגנדל.

ג י מ ז ש ע ן !!! - אוטוו, פֿאַר געגימזשעט.

" ווײַ טאָן איך אַ מילדער פּאָרעם" |קטוו|. 3736

% "עס גימזשעט מיר אַ צאָן" |קטוו|.

ג י מ ז ש ע ן IV - אוטוו, פֿאַר געגימזשעט.

3739 (לאָקל, וועגנראָוו) "דרימלען" |קטוו|.

[? L: gimtit]

ג י מ ט ע ן - אוטור, פֿאַר געגימטעט. (לאָקל?)

דזור גימשען !.

|1873?| "ליידער ווימלען (גימטען) אונדזערע גאַסן

אוך אונדזע|רע| גערטנער פֿון אַזעלכע פֿאַרשטעלטע 3742

באַשעפֿענישן". דיק, ציט פֿער 94, נ' XXVI, ז' 145.

ג י מ ט ר י א |גימאַטריע| — די, =ות |גימאַטריעס|.

(לל) דער צאָליקער באַטרעף פֿון אַ וואָרט לויט דער סומע פֿון זײַנע אותיות (פֿון ייִדישן אלף=בית: א = 1, ב= 2, י = 10, ק = 100 אאַז"וו)*

(מיט דעם מעטאָד פֿון גימטריות זוכט מען צו געפֿינען באַטײַטן און סימבאָלישע שײַכותן פֿון פֿאַרשיידענע ווערטער. למשל: ס'איז דאָ אַ מינהג צו באַשטײַערן זיך מיט דער צאָל 18 [גילדן, רובל, שקלים, דאָלאַר א"אַ], ווײַל 18 איז אַ גימטריא פֿון "חי", ד"ה , לעבן, צום לעבן.

ייִדן האָבן געזאָגט אַ ווערטל "נכנס יַיִן יצא סוד" (אַז ס'גייט אַרײַן ווײַן, גייט אַרויס דער סוד): די גימטריא פֿון "יַיִן" איז די זעלבע ווי פֿון סוד(70), ד"ה אַז אַ שיכור טאָר מען ניט פֿאַרטרויען קיין סוד.

די חז"ל און שפּעטערדיקע דרשנים האָבן געזוכט אין די גימטריאות פֿון די ווערטער אין פֿאַרשיידענע סימבאָלן און רמזים.

1875 " איך בין אויף איַיך גוזר |...| דאָס איר זאָלט
אין קיין קאָרטן שפּילן, דען דאָס איז דער גימטריא 3748
פֿון שטן". איבז האַמבורגער, 1, 82.[אין אָריגינאַל
האָט דער ר' אבֿרהם דאנציג, געשריבן "קרט"ן",
איז די גימטריא טאַקע 359 פּונקט ווי פֿון וואָרט "שטן".].

1935 " ר' גדליה האָט |...| געזאָגט אויף אויסנווייניק
גאַנצע שטיקער זוהר און אַנדערע קבלה=ספֿרים און קאנק
באַווירצט זײַנע ווערטער מיט נוטריקון און גימטריאות".
[illegible], 1, 120.

1947 " |...| אין אַ טיפֿער גימטריא פֿאַרוואַנדלט זיך
דער שקלאַפֿן=נומער אויפֿן אָרעם". אהרן צייטלין, 5א,82. 3743

|| בגמטריא |בעגימאַטריע| — אדוו. לויט דער גימטריא.

1951 " די בעלי=קבלה האָבן בגימטריא אויסגעחשבנט, אַז יידן טראָגן דורך אין זייער לייַד די חבֿלי=משיח".

א. קאַצענעלנבאָגען, פֿער 106, 355.

3743/א

ג י מ י מ ע - ---⇐ <u>גימע</u>.

(?נ?) ג י מ י ק - דער, =ס. (אמ) אַ טריק, אַ קונץ, אַן אייבערשפּיצל.

ג י מ ל - דער/די, 1. נאמען פֿון דריטן אות אין ייִדישן אלף=בית.

1930 " זאג זשע, מיין קינד, הויך! א קאראמיסלע מיט עמערלעך - אלף; א שטיבעלע מיט אן אפֿענער טיר - בית; א שטעקעלע מיט א בייטעלע - גימל; א העקלע - דאלעד |...|".

רוחומובסקי, 1.

1975 " אלף אן אדלער פֿליט; בית א בוים, א בוים בליט;

קאנק גימל א גלח, א גלח קניט |...|". באשעוויס, 22,6.

2. (פֿטמ) גוט. % ניט געזארגט, ס'וועט שוין זיין גימל.

3763 1900 " |...| איך וועל זיך א מאל דערשלאגן, און דעמאלט וועט זיין גימל". שלום=עליכם, 7ג, 131.

מאַכן גימל - 1. האָבן הצלחה, מאַכן גוטע געשעפֿטן.

1882 " |...| מיט אַזאַ גלײַכן ווי יכנס באַנוצן זיך

די אַלע, וואָס איר רופֿט אָן 'יונגאַטשעס, נאַראָנים' 3756

אין ~~[illegible]~~ זייערע פֿינצטערע געשעפֿטן און מאַכן תּמיד

דערמיט גימל". לינעצקי, 6, נ׳ 2, ז׳ 2 - II.

2. געווינען אין דריידלשפּיל, ווען דאָס דריידל פֿאַלט

אויפֿן אות 'ג'.

1867 " באַלד דעם ערשטן טאָג חנוכּה איז דער רבי |...|

מיט אונדז געוואָרן פֿאָן=בראַט און האָט זיך זעלבסט 3759

מיט אונדז אַנידערגעזעצט אין דריידל שפּילן...

אויף שלימזל האָט ער תּמיד געמאַכט גימל און מיר נאָר שין".

פּער 57, נ׳ 46, ז׳ 401.

דו ביסט בייז, בין איך גימל - 1. איך בין צופֿרידן וואָס דו ביסט איך כעס; 2. דו ביסט אַ שלעכטער, דערפֿאַר בין איך אַ גוטער. (וואָרטשפּיל "בייז - בית". נאָמען פֿון אות).

זאָל איך אַזוי וויסן פֿון בייז גימל און דלות - שפּאַסיקע ווינטשעוואַניע (וואָרטשפּילן: בייז - בית, דאַלעד - דלות).

זײַ ניט בייז, זײַ גימל - זײַ ניט בײַז, זײַ גוט (אויך וואָרטשפּיל: בית - בייז).

גימל איז ניט קיין בית - גוטס איז ניט שלעכטס (וואָרטשפּיל: בייז - בית).

שוו: ווער עס ווייס ניט פֿון בית |=בייז|, ווייסט ניט
וואס גימל |=גוט| באַטייט.

ניט תּמיד פֿאַלט דאס דריידעלע אויף דער גימל – ניט אַלע
מאָל שפּילט דו דאָס גליק.

476 - גי -

גי́מל = פּלאַטערל - דאס, =ער. (זאאל) אינסעקט

י. ביבער, זאאלאגיע I, 1934, ז' 10. | 3767

477 - גי -

ג י מ נ א ז י ו ם - ---⇐ גימנאזיע.

ג י מ נ אַ ז י ס ט - דער, =ן. תּלמיד פֿון אַ גימנאַזיע.

1889 " |...| איך האָב באַגעגנט אַ סך יונגע גימנאַזיסטן
וואָס האָבן געשמאַק געלערנט און זענען געווען
פֿיַינע קינדער, צו גאָט און צו לײַט". העלפֿמאַן, 27,1.

1910 " דערנאָך פֿלעגט דער שוואַרציאָר ברענגען אַ גימנאַזיסט
|...|". פּרוג, 3, 65. 3781

1973 " אין אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט הייבט זיך אָן
די 'צווייטע עליה', פֿון יונגע לײַט, |...| פֿון גי 3780
גימנאַזיסטן, וואָס פֿאָרן לערנען אין דער ערשטער
העברעיִשער גימנאַזיע אין יפֿו". פֿער 139, 714.

|| **גימנאַזיסטיש** - אדי/אדוו. (ווי) פֿון גימנאַזיסטן.

% דאָס ייִנגל טראָגט אַ **גימנאַזיסטישע** היטל.

1953 " |...| די נגידישע קינדער |...| האָבן אויספּיינעריש

3786 אין זייערע **גימנאַזיסטישע** אוניפֿאָרמען". פֿער 44,נ׳7,ז׳49.

**גימנאַזיסטל** - דאָס/דער, =עך. ביטולדיק ווענן אַ

גימנאַזיסט אָדער ווענן אַ קליין ייִנגל וואָס לערנט

אין גימנאַזיע.

1930 " גייען מיר אַזוי און קוקן אויס די אויגן// אויפֿן

3782 שטאָט=משוגענעם, וואָס זוכט אַ שאָטן קיל,// אויף אַ

ייִדיש **גימנאַזיסטל** אַנצופּאַטשן שטיל |...|". ליעסין 1,60.

1939 " די **גימנאַזיסטלעך** האבן איר אויך צוגעזאָגט ליבע

3787 און געטראַשאַפּט". פּערלע, 2, 209.

גימנאַזיסטקע - די, =ס. אַ מיידל וואָס לערנט אין אַ
גימנאַזיע.

1951 " אויך זיין טאכטער |...| אַ גימנאַזיסטקע, א
קליינע אבער זייער א חנעוודיקע ברונעטקע, איז געווען 8791
א פּריינדלעכע". א. רייזען, פֿער 106, 1030.

1954 " עטלעכע פּרויען און יונגע גימנאַזיסטקעס |...|
זיינען צוזאַמען געגאַנגען צונויפֿזאַמלען קליידער". 3790
ב. עמינדב, יזב 10, 216.

גימנאַזיע — די, =ס. פֿפֿ (זן) דאָס גימנאַזיום.

לערן=אינסטיטוציע פֿון מיטעלער מדרגה, די צווייטע
נאָך דער עלעמענטאַרער שול (פֿאָלקשול); מיטלשול,

% גיין, לערנען אין גימנאַזיע. אַרייַנטרעטן אין גימנאַזיע.
ענדיקן די גימנאַזיע. דאָס ייִנגל האָט מען אָפּגעגעבן
אין גימנאַזיע. באַלייגן עקזאַמען אין גימנאַזיע.

1889 " אָך און וויי איז דעם אומוויסנד|יק|ן מענטשן.
ער אַליין ווייסט גאָרניט און מיינט, אַז אַ קינד וואָס 3772
טרעט נאָר וואָס אַרייַן אין גימנאַזיום, הייסט שוין
אַ געבילדעט קינד". העלפֿמאַן, 1, 19.

1907 " עס אַרט אים נישט, אַז זי זאָל אָפּגעבן עקזאַמען
אויף אלע אַכט קלאַסן גימנאַזיע". שלום=עליכם, 18, 31. 3795

1968 " סלאַווע האָט באַזוכט די לעקציעס, זיך צו דערמאָנען
דעם עבֿרית פֿון אירע פֿריִע מיידלשע יאָרן אין דער קאַנק
ביאַליסטאָקער גימנאַזיע". גראַדע, 7, 187.

|| גימנאַזיאַל - אַדי. פֿון (אַ) גימנאַזיע. % דער
בחור האָט נאָר גימנאַזיאַלע בילדונג.

0 גימנאַזיאַל=פּראָפֿעסאָר - דער, =ן. לערער פֿון אַ
גימנאַזיע.

1930 " דאָס קליינע 'חדר=יינגל' האָט געענטפֿערט אויף
יעדער פֿראַגע, ווי דער בעסטער גימנאַזיאַל=פּראָפֿעסאָר".
לאַנגער, 1, 16.

3769

1968 " דער לאָדזשער גימנאַזיאַל=פּראָפעסאָר בראַודע, סאָקראַטעס=איבערזעצער אויף ייִדיש, האָט נישט געוואָלט פֿאַלן פֿון די דײַטשע הענט און זיך פֿאַרסמט". י. טורקאָוו, יזב 2, 908.

מענער=גימנאַזיע – גימנאַזיע נאָר פֿאַר ייִנגלעך.

פֿרויען=גימנאַזיע – גימנאַזיע נאָר פֿאַר מיידלעך.

רעאַל=גימנאַזיע – גימנאַזיע מיט אַן אָפּנייג צו עקזאַקטע לימודים (צום אונטערשייד פֿון הומאַניסטישער גימנאַזיע).

1951 " די תּלמידים פֿון דער ווילקאָמירער רעאַל=גימנאַזיע האָבן געשאַפֿן אַ וואָרט „כּל=בוקע" (קאָלבויקע) פֿאַר דעם אַלגעמיינעם נאָטיצהעפֿט". י. מארק, פֿער 106, 463.

(?נ?) גימנאַט - דער, =ן. |הארקאַווי|. (זאאל)

" אַ אַל=פּיש|אייבעלסאָן ווב|.

485   - גי -

ג י מ נ אַ ס ט - דער, =ן. דער וואָס מאַכט גימנאַסטיק.

1936   " יונגע רייען - ליכטיקע גימנאַסטן - אין דער

מיטן מאָסקווע |...|". פֿינינבערג, 3א.

גימנאַסטיאָרקע - די, =ס. אוניפֿאָרם=בלוזע פֿון מיליטער=לײַט, אויך פֿון גימנאַזיסטן א"אַ, גייט מיט אַ שטייענדיקן קראַגן, ווערט געטראָגן איבער די הויזן, אַרומגענומען מיט אַ פּאַסיק. % דער אָפֿיציר טראָגט אַ שפּאָגל נײַע גימנאַסטיאָרקע מיט פּאָגאָנעס.

1931 " איך קאַזאַרמע הייבט זיך אָן אַ יריד פֿון בײַטעניש. איך בײַט אַ קליינע גימנאַסטיאָרקע אויף אַ גרעסערער". 3826
נ. ליפֿמאַן, פֿער 164, ז' 278.

1948 " דער סאָלדאַט צעשפּיליעט די אָפּגעבליאַקעוועטע [...] סאָלדאַטישע גימנאַסטיאָרקע". פּאָליאַנקער, 1, 4. 3830

ג|ימנאַסטיק(ע) - די, בא. סיסטעם פֿון געניטונגען,
וואָס צילן צו אַנטוויקלען די פֿיזישע פֿעיִקייטן פֿון
קערפּער. % מאַכן גימנאַסטיק. ~~שוועדישע גימנאַסטיק.~~

1912 " די באַשעפֿטיקונג מיט פֿאָרמאַל לאָגישע פּילפּולים
איז ניט נאָר |...| אַ געזונטע גימנאַסטיק, וואָס שטאַרקט 3836
|...| די מוסקלען פֿון דעם געדאַנק |...|".
זשיטלאָווסקי, 3, 114.

1932 " די עטעמונג=גימנאַסטיק אויפֿן אַמאָליקן שטייגער
|...| ברענגט ניט די געהעריקע רעזולטאַטן". 3835
פּער 151, נ׳ 10.

|| גימנאַסטיקירן (זיך) - אוטוו. מאַכן גימנאַסטיק,
אויספֿירן גימנאַסטישע געניטונגען.

1908 " בײַם <u>גימנאַסטיקירן</u> דאַרף מען ניט זײַן אײַנגעשנורעוועט

3846 אָדער שטאַרק צוגעשפּיליעט |...|". <u>גאָטליעב, 2, 46.</u>

1935 " האָב איך |...| <u>גימנאַסטיקירט</u> מיט די הענט".

3847 <u>נאַדיר, 8, 89.</u>

<u>גימנאַ́סטיקער</u> - <u>דער, =ס.</u> <u>דזוו</u> <u>גימנאַסט.</u>

1870 " |...| פֿון זיי זענען צוויי גערימטע <u>גימנאַסטיקער</u>,

3850 |...| ער בייגט זיך און ברעכט זיך, גלײַך ער וואָלט

געווען אויס גומילאַסטיק, אָן ביינער". <u>פּער177, נ' 12, ז'85-[illegible]</u>

<u>גימנאַסטיש</u> - <u>אַדי.</u> שײַכדיק צו גימנאַסטיק/גימנאַסטן.

<u>גימנאַסטישער</u> זאַל. <u>גימנאַסטישע</u> געניטונגען.

1947 " די אָוונטקורסן האָבן אויך איינגעפֿירט גימנאַסטישע איבונגען און געזאַנג". פֿער 8, 79.

O גימנאַסטיק=זאַל - דער, =ן. גרויסער צימער מיט ספּעציעלע מכשירים צו גימנאַסטיק.

גימנאַסטיק=פּלאַץ - דער, =פּלעצער. ספּאָרטפּלאַץ.

/7 גײַסטיקע גימנאַסטיק/מוח=גימנאַסטיק - (ביטול) דאָס שמועסן אויף הויכע טעמעס אָן אַ קלאָרן ציל, סתּם, אויך דאָס פּילפּולן זיך.

ג י מ ע - די, בא. פּפּ גימימע, גימענע. (רעג ליטע).

"גזע, אָפּשטאַם, משפּחה" | י. מאַרק, פֿער 106, 467 |. 3857

% "ווּנדזער גימע איז אַן ארעמע. די גאַנצע גימימע איז שיכּורים. זי אַליין איז נישקשה, אָבער איר גאַנצע גימענע טויג ניט" | דצוו |.

(?נ?) ם ג י מ ע֗ כ ט - דאס. מענלעכע געשלעכטיילן.

|XV| י"ה| " דרצו שניטן זי מיינמ׳ אטר אגג זיין

3858 גימעכט // הון |איך| נוין אונרעכט". מגילה מינכן,מ/96א.

רעד: איבערטראגן צו "געמעכט"?

(?נ?) ם גימעליכן - אדון. פֿאַמעלעך.

1544 " איך דען זעלבן צייטן ווש ניט דער זיטן//

3860 דש גימנט בור דעם טעמפּיל גימעליכן פֿפֿלאַג צו ביטן".

שמואל=בוך, סטראפע 23.

1689 " לאט - גימעליכן". ישעיה, ח - 6.

3859 רעד: אַריבערטראָגן צו „געמעלעך"?

ג י מ ע נ א ז י ע - די, =ס. (פֿטמ אדער שלש)

גימנאזיע. % סע פֿעלט זיי שוין גארנישט די אפּיקורסים, נאר שקאלעס און גימענאזיעס.

1902 " די וועלט איז זיך, זאגט זי, נוהג, אז קינדער גייען היינט אין גימענאזיע". שלום=עליכם, ד7, 176.

ג׳ י מ ע נ ע - ←---- גימע.

(?נ?) גימפּוש - <u>דער, =ן.</u> "ביטול=צונאָמען פֿאַר אַ

3863 שלימזל"|<u>קטוו, ז. טעלעסין</u>|. % "אַלע קינדער

ווי קינדער, נאָר איינער איז אַ <u>גימפּוש</u> - אַזאַ

ניט=געראָטענער"|<u>דארטן</u>|.

(רעפ: אויסגעטראַכט צו גימפּל II ?)

גימפּל I - דער, =ען, פּקפּ גימפּעלע |סטוטש 247|.

זגאַל פֿויגל, געניער בנב.

1928 " פֿולע גימפּעלעך, רויטבייכלדיקע, האָט מען געביטן

3872 אויף צעבראָכענע שטייגלעך; טשיזשיקלעך |...| אויף

פֿאַסטקעס פֿון מייז". קולבאַק, 2, 590.

גימפּל !! - 1. נאָמען פֿון אַ מאַנצביל.

2. (פֿיג) ביטולדיק ווערן אַ נאַר, אַ תּם, אַ שלימזל.

ארומטראָגן זיך מיט גימפּלס טענות - אַרומגיין ברוגז, אַ ן אַ פּאַרוואָס.

גימפּל=שלאָג=מיך - אַ שלימזל, אַ נעבעך.

1938 " און אַזאַ בחורעץ ווי נח פֿאַנדרע איז דאָך עפּעס אויך ניט קיין 'גימפּל=שלאָג=מיך'?". שניאור, 3. 3871

גימפּלוואַרג - דאָס, באַ. שוטים, נאַראָנים, שלימזלען.

1935 " עס פֿאַרדריסט מיר די אָנקל=סעמיטישע חוצפּה פֿון די גראָבע יאָסיר=דייטשן |...| און פֿון דעם לעמבערגער גימפּלוואַרג". נאַדיר, 8, 117. 3869

ג י ן I - דער, |באָ?|, פּפּ גינען. עכט, ריין גאָלד
(ס'רוב געניצט צוזאַמען: גינגאָלד, גינגאָלדענע).

1929 " |...| גין און גאָלד פֿון זומער// איז שוין
3877 אויסגעלאָשן". האלקין, 1א, 49.

1937 " די.שנייִקע ערד האָט געזונגען מיט מיליאָנען
3955 שוויַיגנדיקע גין=גלעקלעך". נאדיר, 11, 166.

1961 " דער האָניק האָט געקוקט פֿון קרוג אַרויס אויף
4034 אים, ווי אַ מין אויג פֿון ריינסטן גינען".
ש. רויטמאַן, פּער 131, נ' 3, ז' 24.

(?נ?) ם גין/ גען - פרעפ. קיין (אין באטייט פון ריכטונג: ער איז געפארן קיין ווארשע).

|XV| י"ה| " נון הט דער מאן אלקנה איין ורומקייט דר דוכט // דש ער דיא לוייט מיט אים גין שילה ברוכט 217
// דש זיא צום רגל גינגן |...|". שמואל=בוך, סטר 10.

ג י נ ג אָ ל ד – דאָס, באַ. עכט, ריין גאָלד, פֿײַנגאָלד.

ס/ אַ רינגל, אַ האַלדזבאַנד פֿון גינגאָלד.

1886 " זײַן האַלדז איז געווען מסוגל אויסצוגעבן

זעלטענע קולות, |...| הויכע ווי דער הימל, טיפֿע 3937

ווי דער ים און ריינע ווי גינגאָלד". שלום=עליכם, 82,25.

1908 " האָרך! די שׂרפֿימס זיסע קלאַנגען,// ווי צעשמאָלצן

גינגאָלד פֿליסן |...|". ראָזענפֿעלד, 3, 117. 3935

1935 " |...| ער איז אָנגעטאָן אין קליידער פֿון פּורפּור,

גינגאָלד און אַלערליי טײַערע שטיינער". באַשעוויס, 113,1. קאנק

1962 " |...| פֿון גינגאָלד, זהבֿ טהור, איז דאָרט [אויפֿן

פּרוכת] יעדער טראָלד,// מיט אותיות זילבערנע און 3915

אויסגענייטע קווייטן". גראַדע, יזב 1, 230.

|| גינגאָלדיק - אַדי/אַדוו. (שנש) (ווי) פֿון גינגאָלד; גינגאָלדן.

1968 " אויף די נאָדלקרוינען פֿון הויכוווּקסיקע סאָסנעס האָט געשפּילט און געציטערט פֿריהאַרבסטיקע זונשייַן גינגאָלדיק, מילד, צאַרט און אומעטיקלעך". גראַדע, 7, 127. קאנק

// פֿפֿ: ריין, לויטער ווי גינגאָלד. שייַנט (לויכט, שטראַלט) ווי גינגאָלד.

1929 " די זון האָט געלויכטן נידעריק, אין אַ זייַט, אַ קלוניעדאַך אין אַ שכנישן פּויערישן הויף האָט געשטראַלט ווי גינגאָלד". בערגעלסאָן, 9, 141. 3933

ם **<u>גים גאלד.</u>**

1711 " |...| אירה קינדער זייט חשובער גיוועזין פיינר

3930 אז גים גאלד". נחלת צבי, 1, דף לב/ד.

גינגאלדן - אדי. 1. פֿון גינגאלד (פֿון ריינעם עכטן גאלד). % א גינגאלדן פֿינגערל. גינגאלדענע אויירינגלעך. א גינגאלדענער האַלדזבאַנד.

1888 " רבה בר בר' חנאס פעטע געגנדזלעך |...| ווערן אויפֿגעגעבן צום ברילִיאַנטענעם טיש אויף גינגאלדענע פֿאַלימעסקעס". מענדעלע, 3, 44. 3943

1911 " איר קאָפּ איז געווען גינגאלדענער גלאַנץ, איר אויג האָט געבליצלט ווי מאַרגנליכט בלוי". וויעוויארקא, 2, 44. 3941

2. (פֿיג) טייער, ווערטיק, ליב ווי גינגאלד.

1969 " גינגאלדענע, פּשוט פֿאַלקישע ווערטער וואס אוריאל ווײַנרײַכס ווערטערבוך ציט אויף זיי אונדזער אויפֿמערק". מ. שעכטער, פער 38, נ' 66, ז' 240. 1944

ג׳י - 504.

1971 " דו קאנסט ניט געניסן רײַנע, לויטערע

גינגאלדענע צײַט". שטיינמאַן, 1, 23. 3951

ג י נ ג אָ ל ד ע וו ע ן ז י ך - אוטוו, פֿאַר געגינגאָלדעוועט. (?נ?)

(שנש) שיינען, אויסזען ווי גינגאָלד.

... " און דער גאַנצער ווייכסל =ברעג |...| האָט ~~דדד~~

געהאַלטן אין איין גינגאָלדעווען זיך אין דער זון". 3950

........................................

רעד: פֿון וואַנען די ציטאַטע? לויט באַניצן "ווייכסל"

שמעקט עס מיט שלום אַש; אָבער אפֿשר עמעץ אנדערש × פֿון פּוילן?

אויפֿן קאַרטל איז נאָר דאָ אונטן אַן אָפּקירצונג

"לא". ווער קאָן דאָס זיין? [illegible]

........................................

ג י נ אַ מ נ י ק - דער, =עס, ווע: גינאַמניצע.

3880 גנאַי=וואָרט. "דו אַלטער גינאַמניק! דו אַלטער תּרח".

מ. לעהרער, כעלעמער אידיאָטיקאָן, פֿער 161, ווילנע 1926, ז׳ 202.

רעד: 1) ווו· איז דער אַקצענט? אויב אויפֿן צווייטן טראַף, וואָלט געדאַרפֿט זײַן "גענאַמניק"; אויב אויפֿן ערשטן - גינעמניק" 2) אויפֿן קאַרטל איז דאָ אַן עטימאָלאָגיע: גינאַמאַניק = גיהנומניק (ס׳איז ניט אָנגעוויזן קלאָר צי די עטימאָלאָגיע איז (אויך) לעהרערס), אויב אַזוי וואָלט געדאַרפֿט זײַן "גענעמניק".

מיטן טראָפּ אויפֿן ערשטן טראַף.

3) בײַ סטוטשקאָווען איז דאָס וואָרט דאָ אין דער גרופּע 611, צווישן די ווערטער וואָס מיינען: אָפּנאַרער, צבֿועק ד"ה: גענאַרניק.

(?נ?) ם גינאק - דער. בנב.

1733 " גם האט ער בייא דעם גינאק גיפונדן איין

3885 שיפל שערות אדומות גדול כמו הצי[צ]צ"ל".

שו"ת פנים מאירות, דף לט - 3.

(?נ?) <sup>ם</sup>ג י נ ג - <u>פֿאַרמע פֿון פֿצ אצ</u>, <u>פֿון ווערב גיין</u>.

1544 " ער שטוירמט בון דעם הימיל מיט זיינר הייליגן

3888 שטים.// מצרים <u>גינג</u> איר זיל אויש אין דען וואשר

שווים". <u>שמואל=בוך, סטר׳ 1703</u>.

|| <u>גינגן</u> - <u>דזוו דפוו, מצ</u>.

1668 " אונ׳ זיא |די יהודים| <u>גינגן</u> צו דעם בערג

3957 זיתים". <u>יוסיפון, 3, דף רפ"ד</u>.

(פ״ט): די פֿראַזע [illegible] בכלל, צו געבן [illegible]
<u>[illegible]</u> [illegible] [illegible]! און אויך געבן
[illegible] [illegible] [illegible] ניט קיין שווער!

509 - גי

(?נ?) ג י נ ג י ו ר ׳ ט - <u>דער, בא.</u> <u>(מעד)</u> קראַנקייט פֿון

די יאַסלעס |<u>סטוטש 420</u>|.

(?נ?) ג י נ ג ע ר - <u>דער, =ס. בנב.</u>

1915 " עס צעוויינג זיך ווי א <u>גינגער,</u>// די קראַטאַלן

3964 העלפֿן מיט". <u>ניידוס, 1, 89.</u>

גינדע - די, =ס. (רעג, באסאראביע)

3965 " חזיר=ניסל, זשאַלוד"|קטור|.

ג י נ ז ע נ ג = וו אָ ר צ ל – דער, =ען. מיזרח=

אַזיאַטיש געוויקס געניצט ווי אַ סטימולירנדיק הייל=

מיטל (וּוסנ: PANAX, GINSENG Quinquefolium) אַנדערע: קראַפּטוואָרצל.

(?נ?) ג י ב י I - די, =ס. (ענגליש) אַמאָליקע ענגלישע מטבע.

514

(?נ?) ג י נ י !! - דער, =ס. (אמ) בנב.

| 1926 - 1931 | "אַלעק האָט גאָר קיין רעכט נישט זיך

אַרומצושלעפּן מיט אַ 'יאַהודישע' מיידל, ער איז אַ 3973

'גיני', טאָ לאָז ער זיך אויסקלײַבן פֿון זײַנע".

אפּאטאשו, 6, 8.

ווערט גענוצט אויך, ס'מיינט אין איטאַליעניש.

(?נ?) ג י נ ס אַ ק – דער, =עס. (מאלדאוואניש)

1. האַלב=עמערדיקע ׳מאנאַפּאלקע׳=פֿלאַש (בראַנפֿן) אין אַלטרוסלאַנד"|קטוו|.

2. גאַנער, זכר פֿון גאַנדז"|קטוו|.

ג י נ ס ט י ק - <u>דזוו</u> <u>גינציק</u>.

517 - גי

ג י נ ס ט י ק ן - אוטוו. ----⇐ גינציקן.

(?נ?) ג י נ ס ט ל י נ ג - דער, =ען. (דטשמ) עמעץ וואָס געניסט פֿון גוטער באַצײונג צו אים מצד אַן אָנגעזעענעם, חשובֿן מענטשן; פֿאַוואָריט.

1866 " איר |דער מלכהס| גרעסטער וווּנטש איז - ער |דער מלך| זאָל בײַ איר עסן, און מיט וועמען? מיט זײַן גינסטלינג.המן איז דערבײַ שטאָלצער געוואָרן". 4013

ארז, פֿער 177. נ׳ 7, ז׳ 102.

גינסטער - דער, בא. פפ גענסטער. געוויקס.

(ווסנ genista)(טרעט ארויס אין פארשיידענע זגאלן),

דאס האלץ דערפון איז הארט.

1936 " פיילן פון גיבור, פארשפיצטע, מיט גלוטקוילן

פון גינסטער". איבן גראס, תהילים, קכ, 4. 1416

|תי: רחמים= בעזעמביימל|.

1958 " די ווינטן רייסן זיך ארום דער שטוב, דאס פייער

שפריצט ווי קנאקעוודיקער גינסטער". גראס, 2, 382. 4014

(?נ?) ם גינעליך - בנב.

1696 " דו האשט גימאכט אין זיא צו דען ליכטן איין

וועג זי לויפן אונ' ווידר קערן מיט גינעליך זיא 4020

גיין". |סידור| תפלה למשה, דף קעא. |טעקסט אין לה:

עשית בם לאורים דרכים יצוא וישוב בנחת מהלכים.|

גינען! - טרון, (עלט) פֿאַר געגינט, וואָס דאָס גינען. גוט ווינטשן, גוט זען; פֿאַרגינען.

1865 " אַלץ וואָס זײַן האָרץ טוט אים גינען".

4021 רובינטשיק, 1, 3.

1965 " ווער קומט מיר דאָ גוטן=אָוונט ביטן?// ווער

4022 קומט מיר גוטס דאָ גינען?". מאלאַדאַוּוסקי, 3, 103.

גינען זיך - ווינטשן זיך גוט, פֿאַרגינען זיך, דערלויבן זיך.

1865 " ער שטייט אויף אין דער פֿרי, גינט ער זיך

3972 ניט די צײַט צו גיין אין שול גלײַך מיט אַלע לײַט".

רובינטשיק, 1, 15.

1925 " זײַן בליק האָט אָפּגעשטעלט זיך אויף די מענטשן,
// מיט וועלכע ער פּלעגט גינען זיך צו וויצלען". 4035
י. י. שוואַרץ, 3, 245.

1964 " גינען זיי זיך אַנקנייטשן מיטן ענטפּער".
י. קאַפּלאַן, 1, 46. 4039

|| גינער - דער, =ס. דער וואָס גינט, איז גינציק;
פֿאַרגינער.

1967 " איצט, גינער מײַנע און ניט=גינער - אַלע איר
זײַט הײַטער! איר גינער - כ׳לאָז מײַן פֿרייד אײַך 4068
|...|". קאַצענעלסאָן, 2, 123.

1970 " אָנגעקניפּט אָן דיר זײַנען די גינער אַלע דײַנע".
אהרן צייטלין, 7, 351. 4069

<u>גינעריש</u> - <u>אַדי/אַדוו.</u> גוטווייליק, גוט גינציק, פֿאַרגינעריש.

1947 " זאַמלען אין חורבות, אין ליידיקע שטיבלעך //

צעטראָטענע בולבע, |...| // ווי <u>גינעריש</u> ליבלעך// 4072

זי פֿלעגט עס דערנאָך אירע מיטמענטשן טיילן".

<u>סוצקעווער, 3, 449.</u>

17 <u>ווער מיר גוטס גינט</u>.... - אַרײַנפֿיר=זאַץ צו אַ

ווינטשעוואַניע, געמיינט: ווער ס'ווינטשט מיר גוטס,

זאָל עס פֿאַרמאָגן, זאָל אים אַזוי געשען <u>אד"גל</u>.

1926 - 1937 " פֿנחסל איז נישט קיין בטלן, <u>ווער מיר</u>

<u>גוטס גינט</u>, וואָס פֿאַרא בחור דאָס איז". 3969

<u>אפּאטאשו, 15, 70.</u>

1975 " ווער מיר גוטס גינט, זאָל נישט האָבן קיין ערגער
קאנק לעבן, ווי איך האָב געהאַט |...|". באַשעוויס, 6, 184.

שור: ווער אונדז גוטס גינט, זאל דעם טעם פֿון משפּטים ניט
וויסן.

ם גוינען/גוינדן/גונען
גנט

|XV| י"ה| " ער גונט נאך זיינן ורוינדן // די ער וואל
4031 וואשט דש זי אים גויטס גוינדן". מגילה=ליד,
שורות 885 - 886.

1676 " |...| בישטו פר זיכרט דאז מן דיר אלש גוטש
4038 גוינט אונ׳ מיינן עש גנץ מיט דיר". ברנט שפיגל, פרק ח.

525 - גי

1722 " |...| ווער לייטן מקנא איז אונ" גינט זיא

4046 ניט וואש ליא גאט גיבט". מנורת המאור, דף א/א.

גינען !! - דער, |באַ?| (רעג, אוקראַינע)

דער באַגינען, דער פֿאַרטאָג.

1921 " גינען=גרווער". האָפּשטיין, טיטל פֿון בוך.

1929 " אין פֿענצטער בין גינען, ביז גרינעם פֿאַרהאַנגען -

// איז ווידער געהילכן, איז ווידער געזאַנגען". 4053

האַלקין, 1א, 83.

527

גי -

ג י ב ע ן !!! - אוטוו, פֿאַר געגינט, ווס דאָס גינען.

(רעג, אוקראַינע) "טאָגן,ווערן טאָג" |קטוו|. 4028

גינען IV - טרוו, פֿאַר געגינט, ווס דאס גינען.

(שנש) באדעקט מיט גינגאַלד.

1919 " ווען רויזיקע דמיון=ליכטער האָבן אויף, יעדן

פֿעלדז זיינעם אַ קרוין געגינט, גאָלד געגינט |...|". 4029

א. צ. גרינבערג, 1, דערצ׳ "בײַ מיר אין פֿנקס" [?]

רעד׳: מיר האָט אַ ספֿק בײַם מקור...

ג י נ ע פֿ אָ ב י ע - די. בא. שינאה צו פֿרויען.

(?ג?)

גינעקאָלאָג - <u>דער, =ן.</u> מעדיצין=דאָקטאָר פֿאַר פֿרויען=קראַנקייטן.

1970 "מ׳האָט נישט געוווּסט וועגן <u>גינעקאָלאָגן</u>, ווי היינט, ס׳איז גאָר נישט געקומען אין באַטראַכט צו רופֿן אַ דאָקטאָר, אַ מאַנצפֿאַרשוין צו דעם געבורט".

<u>י. כ״ץ, יזב 7, 137.</u>

|| <u>גינעקאָלאָגיע</u> - <u>די, בא.</u> מעדיציניש וויסנשאַפֿט וועגן פֿרויען=קראַנקייטן.

1943 "וואָס איז די אורזאַך, וואָס איר ווילט אַרבעטן

ביי <u>גינעקאָלאָגיע</u>?". [illegible] 4061

י. י. זינגער, 8, 152.

531 - גי

גינעקאָלאָגיש - אַדי/אַדוו. שײַכדיק צו גינעקאָלאָגיע.

1947 " |...| בלויז כירורגישע און גינעקאָלאָגישע

4062 באַהאַנדלונגען האָט מען |אין שפיטאָל| געגעבן בערך

2500 אַ יאָר". יזב 8, 106.

ג י נ צ י ק - אַדי/אַדוו, פּפּ (עלט) גינסטיק.

1. וואָס גיט גוטע מיגלעכקייטן, העלפֿט צו, וואָס איז פֿאַסיק, באַקוועם. % אַ גינציקע צײַט, גינציקע באַדינגונגען, ער האָט אויסגעניצט אַ גינציקן מאָמענט צו קויפֿן ביליק די דירה. דער גינציקער ווינט האָט פֿאַרגיכערט די רײַזע פֿון דער זעגלשיף. די זריעה איז געפֿאַלן אויף אַ גינציקן באָדן.

1912 " |...| געפֿינט זי זיך אין באַדינגונגען, וואָס
זײַנען גינסטיק פֿאַר אויפֿנעמען די נייטיקע שפּײַז פֿאַר 3998
וואַקסן, בלײַבט זי אין זיי". זשיטלאָווסקי, 2, 86.

1935 " דאָס טרינקען שוועבל=וואַסער ווירקט זייער
גינסטיק אויף כראָנישע קאַטאַרן פֿון די אייבערשטע אָטעמוועגן 3987
און בראָנכעס". מאץ, 1, 292.

1948 " אָט די ביי זווילליקע קריגסלייט האָבן איצט געפֿונען
די גינסטיקע געלעגנהייט זיך אַריינצולאזן מיט גרויסן קאנק
אויפֿגעהעצטן אימפּעט צווישן די מחנות צוהערער |...|".
נסתּר, 6, 418.

2. (ווען באַציִונג צו מענטשן) גוטווילליק, ווילגענייגט,
מיט סימפּאַטיע, מיט אײַנזעעניש. % גינציקע באַציִונג.
גינציקע שטעלונג. די קריטיק אויפֿן בוך איז געווען אַ
גינציקע.

1897 " אַ סך מאָל איז יעדער שותּף מצדו מחויב, אויב ער
איז גינציק, געטרײַ די שותּפֿות, צו שווײַגן, |...| ניט 4082
מאַכן פֿון אַ וואָרט אַ קוואָרט". לעוונער, 7.

1936 " געווען אַ צײַט, |...| ווען לובאָדזיעצקי האָט זיך
4063 צו אים גאַנץ אַנדערש באַצויגן, גינציק, ווי אַן אויפֿ־
ריכטיקער פֿרײַנד". בורשטין, 1א, 4.

1959 " זיי קאָנען זיך פּשוט ניט פֿאָרשטעלן, אַז אַ פֿאַרשטענדיקער
4000 און אויפֿריכטיקער לייענער זאָל ווענן זייער ווערק
ניט האָבן קיין גינסטיקע מיינונג". ניגער, 9, 281.

|| גינציקייט - די, בא. אייגנשאַפֿט אָדער מצב פֿון
זײַן גינציק. % ~~גינציקייט.~~ ער באַציט זיך מיט גינציקייט
צו יעדן מענטשן.

1941 " איז דאָס דײַן גינציקייט צו דײַן גוטן פֿרײַנד?".
4104 תּרגום יהואש, שמואל ב׳, טז - 17.

1974 " די בעל=הביתטע האָט געקוקט מיט **גינציקייט**

4106 אויף יורעקן". עלבערג, 2, 57.

ם פּפּ: **גינציק ווי א מוטער, ווי אַן ערשט ווײַב.**

**האבן גינציק** (עמעצן) - האָבן ליב, האָבן גערן, האַלטן פֿון

אים.

1939 " לויט ווי מאַן און ווײַב האָבן גערעדט, האָט יהודה

4096 פֿאַרשטאַנען, אַז זיי **האבן זיך גינציק**". בורשטין, 3, 35.

ם **גינשטיג/גוינשטיג.**

2. ←---

1544 " איר ליבן ורײנד מיר ווער ליבר איך ווער בור
אײך טוט// די לײט ווארן אויך גוינשטיג איר ווארט 4002
גיאירט בון גוט". שמואל=בוך, סטר׳ 867.

1676 " |...| זיא |די רײד פון קלוגע| זײן גינעם צו
הוירין גאט י"ת דען לײטן דא אר|?| דורך הוט אין 4001
הקב"ה ליב אונ׳ דיא לײט גוינשטיג".
ברנט שפיגל, פרק ט"ו.

1734 " איך ווײשי ניכט |...| מיט וואש פאר אײפר
אונ׳ פלײס מיך אינקוראשירן זאל דעם גינשטיגן 4005
אונ׳ ליבן לעזר דיזן מײנה אונטערטענגשט דינשטן
אויף צו אפפרן". לשון זהב, הקדמה.

ג ינ צ י ק ן  -  טרוו, פֿאר געגינציקט, רוס

דאס גינציקן. (שנש) גינציק זײַן צו עמעצן/עפּעס.

1953 " אונדזער קריטיק האָט צו פֿיל געגינציקט אַנטרונעניקייט פֿון ממשותדיקן לעבן". א. גאָרדין, פֿער 166, VII/31. 4109

1968 " ס'מזל האָט געגינציקט |...|". לעיעלעס, 6, 352. 4110

538 - גי

ג י ס א ו י ו ן - דער, =ס. אויוון צו שמעלצן מעטאַל.

% דאָס צעשמאָלצענע אײַזן פֿלייצט פֿון גיסאויוון.

גיסאָפּער - דער, =ס, פּפּ (עלט) גיסאָפּפּער.

(עלט) אַ קרבן וואָס איז באַשטאַנען אין אַרויפֿגיסן
אויפֿן מזבח אַ פֿליסיקייט (וויַין, אייל, אד"גל).

1941 " און ער |יעקב| האָט אַרויפֿגעגאָסן אויף אים
|אויפֿן זיַיל פֿון שטיין| אַ גיסאָפּפּער און געגאָסן 4119
אויף אים אייל". תּרגום יהואש, בראשית, לה - 14.

1948 " איך וועל נישט גיסן זייערע גיסאָפּער פֿון
בלוט |...|". איבן גראס, תּהילים, ט"ז - 3. 4121

540 - גי

גיסארניע - די, =ס. דזוו גיסערניי, ב 2.

|סטוטש 217|.

541 - גי

גיסבאַד - די ~ בעדער. (נש) שפּריצבאָד, טוש

מאַרק ווב 476.

גיסבעקן - דער, =ס. (עלט) כּלי פֿון וועלכער (?נ?)

מע האָט געגאָסן אויף דעם מזבח ווײַן, אייל אד"ג.

1829 " אויף דעם טיש פֿון לחם הפּנים זאָלן זיי אויפֿשפּרייטן

אײן בלאָע [קלוורס] טיך און זיי זאָלן טון דרויף די שיסלען 4125

און די לעפֿל און די אָפּערשאָלן און גיס בעקן".

איבז אַנ, חמשה חומשי תורה, במדבר, ד - ז.

רעד: אָרטאָגראַפֿיע מאָדערניזירט, דאַכט זיך די שפּראַך אויך).
(דער כּלי אין אַלגעמיין?)

543 - גי

אוהרט קוליורט

ג י ס ט – פֿאָרמע פֿון ווערב גיבן: צווייטע פֿערזאָן אַצ, איצט' צײַט, אינדיקאַטיוו. % דו גיסט אים אַ שיינע מתּנה.

1964 " אַט נעמסטו מיך אַרום // און גיסט דעם טויט מיר איבער בנשיקה". העלער, 2, 46. 4142

|| גיסטו – דזוו דפֿוו, באַהאַפֿטן מיטן רעדוצירטן פּראָנאָם "דו". % וואָס גיסטו מיר פֿאַר דער סחורה? (?)

1931 " |...| גיסטו עלעקטרע, איז גיב גוטע!'. קולבאַק, 8, 259. קאנק

544 - גי

ג י ס ט ע ר - <u>דער, בא.</u> (<u>מעד</u>) האַלדזקראַנקייט;

קרופּ. (שאַרפֿע אָנצינדונג פֿון גאָרגל און טראַכייען,

באַגלייט מיט שוועריקייטן אין אָטעמען).

(R: круп; E: croup)

ג י ס י ק - <u>אַדי/אַדוו.</u> וואָס לאָזט זיך גיסן, שמעלצן.

1935 " די ליבידאָ |?| איז אַ <u>גיסיקער</u> מעטאַל, וואָס

4145 שטראָמט פֿון שמעלצאָוויוון". <u>מ. ווײַנרײַך 3, 249.</u>

ג י ס ן - טרוו, פֿאַר געגאָסן, ווס דאָס גיסן, דער גאָס.

1. גורם זײַן דאָס רינען, פּלייצן פֿון אַ פֿליסיקייט אָדער
פֿון אַ פֿליסיקער מאַסע. % גיסן וואַסער. גיסן ווײַן
אין די גלעזלעך. די מאַמע גיסט בוימל אויף דער
סקאָווערדע. די מולירס גיסן צעמענט אין פֿונדאַמענט.

1832 " ער האָט אויף דער וועלט א ברכה גשיקט פון דעם
אלטין ווייך וואש מען האט גיגאסין אויף דעם מזבח 4206/א
|...|". איבז מחזור2, דף נה - א.

1888 " זיי האבן מיר געגעבן פֿלעשלעך,|...| געגאסן
אין מיר רפֿואות |...|". מענדעלע, 2, קאַנק 436170. 4206

1927 " אויף אַ טייל ערטער האָט מען דעם ברוק פֿאַרריכט,
אַספֿאַלט געגאָסן". י.י. זינגער, 4, 62. 4260

1968 " האט ער איך זיך געגאסן דעם זודיקן טיי און
קאנק
פֿאַרלאַנגט נאָך אנדערע מינים זיסוואַרג". גראַדע, 7, 314.

2. (דריטפֿערזאניק אדער אומפּערזאניק) פֿאַלן, גייַן, פּלייצן
(וועגן רעגן). % דער רעגן גיסט אַ גאַנצן טאָג.
ס'גיסט אָן אויפֿהער.

1896 " אַ קאלטער הערבסטרעגן האָט געגאָסן שרעקלעך
4214/1 געדיכט". בינשטאק, 1, 6.

1926 " ס'האט לאַנג אַזוי געגאסן, |...| מיט דונערן
4214/2 באַגלייט, מיט שפּיצעדיקע בליצן |...|". סעגאלאוויטש, 8, 136.

1968 " אויך דער מנהל איז איצט מתפּלל אין ווינט,
וואָס רײַסטביימער, אין רעגן וואָס גיסט אָן אויפֿהער".
גראַדע, 7, 169.

3. אויספּאַרטיקן עפּעס פֿון צעשמאָלצענעם מעטאַל; שמעלצן.

1868 " הײַנט דאַרף מען ניט פֿאַרגעסן, אַז פֿון סוכּות אָן
דאַרף מען שוין <u>גיסן</u> דריידלעך אויף חנוכּה".
<u>ש. טורק, פּער 177, נ' 45, ז' 330 - !!!</u>.

1903 " שטופּ מיך ניט! - שרײַט אויס אַ צווייטער,//
4271 וועלכער האַלט דעם בליי אין <u>גיסן</u>". <u>באָוושאָווער, 1, 81</u>.

1943 " מיט שאָטנס באַפּאַנצערט, בײַ שײַן פֿון אַ לעמפּל,//
4271/1 <u>געגאָסן</u> די אותיות - אַ צייל נאָך אַ צייל".
<u>סוצקעווער, 3, 335</u>.

4. אָפּגעבן די אוריין (וועגן בעלי=חיים) |<u>סטוטש 417</u>|.

- ~~[illegible]~~

<u>גיסן זיך</u> - <u>אוטור.</u> 1. רינען, פֿליִיצן. דאָס וואַסער
<u>גיסט זיך</u> פֿון קראַן. דער האָניק <u>גיסט זיך</u> שווער,
ווײַל ער איז שוין געדעכט. שווייס <u>האָט זיך געגאָסן</u>
פֿון זײַן פּנים.

1864 " ווער אומבייגט איין פֿאַס מיט וואַסער צו וואַשן,
4302 איז זאָ לאַנג עס <u>גיסט זיך</u>, מותר צו וואַשן |...|".
<u>ברודא, 1, דף כב - ז.</u>

1910 " אַך, גיס זשע זײַך, גיס זיך, דו הייליקער בוימל
4295 // אין אונדזער באַטריבטן, פֿאַרוווּנדעטן האַרץ!".
<u>פּרוג, 3, 45.</u>

1946 " דער ווינט <u>האָט זיך געגאָסן</u> איבער די ראַנדן
קאנק פֿון דעם בעכער |...|". <u>י.י. טרונק, 4, 81.</u>

550 - גי

2. דזוו דפוו וועגן רעגן.

1934 " פֿונעם אויסגעוואַשענעם קאַווקאַזער הימל האָט זיך 4301

געגאָסן אַ רעגנפֿון צעשמאָלצענעם אַרץ, טראָפּנס זײַנען

געפֿאַלן אויף די קעפּ |...|". ברעגמאַן, 2, 325.

3. „אַרויסוואַרפֿן אייער אָן שאָלעכץ (וועגן אַ הון)" |קטוו|.

% "אַז אַ הון גיסט זיך, זעצט מען זי אונטער אַ דייטשע" |קטוו|.

4. (פֿיג) צעשפּרייטן זיך, צעגיין זיך, אַרויסגיין,

אַרויסגעבן. % דער ריח גיסט זיך איבער דער שטוב.

אַ בלאַסע שײַן פֿון דער לבנה האָט זיך געגאָסן איבער

דעם פֿעלד.

1888 " |...| טיף פֿונעם האַרצן גיסן זיך הייסע תּפֿילות

צו גאָט |...|". מענדעלע, 3, 125. קאנק

1910 " און |איך| פֿיל |...| דעם ליבן, זיסן // חמשה=

קאנק עשׂר=אַראָמאַט,// וואָס פֿלעגט זיך אין דער לופֿטן גיסן".

פֿרוג, 1, 179.

1931 " עלעקטרישע קראַפֿט וועט זיך גיסן |...| איבער

4309 אַלע פֿעלדער פֿון דער וועלט |...|". נאדיר, 5, 237.

1960 "אין דרויסן האָט געשנייט, אָבער פֿון קאַפּל=אויוון

4281 האָט זיך געגאָסן אַ וואַרעמקייט". י. וואַרשאַווסקי,

פֿער 155, IV/1.

|| גיסונג - די/דאָס, =ען. 1. (עלט) אַקט אָדער

רעזולטאַט פֿון גיסן.

1886 " איר טרינקט און איר זענט ניט אָנגעטרונקען,

זינט עס איז בטל געוואָרן דאָס גיסונג פֿון ווײַן אויף

דעם מזבח". איבן אנ, תנחומא, שמות, תצוה, ז' 175.

2. (עלט) סקולפּטור, סטאַטוע אויסגעגאָסן פֿון אַ מעטאַל.

1851 " פֿאַרפֿלוכט זאָל ווערן דער מענטש וואָס ער וועט
מאכן איין בילד און איין גיסונג |...| וואָס איין 4139
מײַסטער האָט געמאַכט מיט די הענט". איבן אנ,
חומש מיט עברי=טײַטש, דבֿרים, כז - טו.

רעד: די אָרטאָגראַפֿיע מאָדערניזירט (דורכן אויסשרײַבער?).

1877 " און איר וועט פֿאַראומרייניקן דאָס באַדעקונג
פֿון אייערע זילבערנע בילדער |...| אָדער דאָס
שיינקייט און צירונג פֿון דײַנע גילדענע גיסונג".
איבן אנ, ישעיה.

3. אויסגעגאָסענער מעטאַל |ראָכקינד|.

גלסעווודיק - אַדי/אַדוו. וואָס לאָזט זיך גיסן.

% דער האָניק איז ניט גיסעווודיק, ער איז צו געדיכט.

גיסעכץ - דאָס, =ן. 1. (ביטול) דאָס גיסן.

% מיט אַזאַ מין גיסעכץ, וועסטו האַלב פֿון ווייַן פּטרן.

- גי -

1948 " ווער דאַרף האָבן אַזוי פֿיל היצעכץ?// ווער דאַרף האָבן אַזוי פֿיל גיסעכץ?". לוצקי, 3, 310.

4322

553||

ג. פּליסיקייט.

1933 " |...| האָט דער בעל=הבית זיך געפּאָרעט בײַ די
פּאַרמאַכטע טירן, |...| מיט פּלעשער געקלונגען, גיסעכץ
געמישט". קוויטקאַ, פֿער 156, נ' 1, ז' 18.

גיסעניש - דאָס, בא. דזוו דפּוו, ב' 1.

1911 " דאַכט זיך, אַ ציִעניש, אַ וואַשעניש, אַ גיסעניש
אויף מיר קאַלט וואַסער |...|". מענדעלע, 9, קאַנק 884080. 4324

1963 " עס גיסט אַ גיסעניש אויף אונדזערע קעפּ די
נאַקעטע". פֿרידמאַן, 3, 16. 4324

גיסער - דער, =ס. זבז.

גיסערײַ - די, =ען. זען גיסער(ײַ).

575

0 **גיסאוויוון** - דער, =ס. ~~ספעציעלער אויוון צו שמעלצן~~ מעטאַל.

**גיסבאַס** - די, ~, פּעסער. (עלט) האַנטפּאַס, כיור.

**גיספֿורעם** - די, =ס. פֿורעם פֿון ליים אָדער אַנדערע מאַטעריאַלן, אין וועלכער מע גיסט אויס צעשמאָלצענעם מעטאַל.

**גיסקאַן** - די, =ען. גרעסערע בלעכענע כּלי צו האַלטן וואַסער.

1974 " די קו האָט געפּרוּווט מיט דער צונג אַרייַנזופּן דאָס וואַסער אין מויל אַרייַן, די עפֿענונג אין דער גיסקאַן איז געווען אַ שמאָלע". עלבערג, 2, 88. 4360

**גיסקענדל** - דאָס, =עך. פּקפּ פֿון גיסקאַן, קלײנע גיס קאַן.

17 פּפּ: עס גיסט: ווי אַ מבול, ווי מיט/פֿון עמערס,
ווי מיט/פֿון צעבערס, ווי פֿון אַ ברונעם, ווי פֿון
פֿון אַ/פֿאַס, ווי פֿון אַ צאַפּן – וועגן אַ שטאַרקן רעגן.

ער גיסט: ווי אויפֿן שטיין, ווי אויף אַן אויוון, ווי אַ גוי –
וועגן איינעם וואָס טרינקט אַ סך ווײַן, אַ שיכּור.

ער (זי) גיסט ווי אַ ביבער, ווי אַ בערעזענע – ער/זי
ווײַנט שטאַרק.

עס גיסט זיך ווי וואַסער (בראָנפֿן, ווײַן) – אויף דער
שׂמחה טרינקט מען אַ סך, משקה איז דאָ בשפֿע.

עס גיסט זיך ווי בוימל – 1. עס גיסט זיך גרינג. 2. וועגן שיינע רייד.

עס גיסט זיך פֿון אים ווי פֿון אַ חזיר – (פּשוט) ער גייט אָפּ מיט
בלוט.

<u>בלוט גיסט זיך ווי וואַסער</u> – ס'איז אַ גרויסע שלאַכט

מיט אַ סך קרבנות.

#

<u>גיסן אין האַלדז אַרייַן</u> – נאָכגעבן זיך אין דער אַכילה.

<u>גיסן אין זיך</u> – טרינקען אַ סך וויַין, זויפֿן.

1926 " זאַנוול איז געזעסן צווישן דעם עולם און

<u>געגאָסן אין זיך</u> ווי אין אַ פֿאַס אַרייַן". <u>אָפּאַטאָשו, 5, 66.</u> 4212

<u>גיסן אין קאָלנער</u> – טרינקען אַ סך בראָנפֿן, וויַין, שיכורן.

<u>גיסן בוימל אויפֿן פֿיַער</u> – אונטערהעצן, צוהעלפֿן אין מחלוקה.

<u>גיסן בליַי</u> – פֿאַרציַיטיקע מאַגישע סגולה צו אַ קראַנקייט:

מע פֿלעגט אויסגיסן פֿיגורן פֿון בליַי און פֿאַררעדן זיי

מיט געוויסע שפּרוכן.

<u>גיסן גאָלד אין האַלדז</u> - שטאַרק נאָכגעבן (ס׳רוב וועגן אַ קינד), באַלעוועו, קעכלעך.

<u>גיסן וואַסער אין אַ קרענעצע</u> - 1. טאָן עפּעס וואָס איז איבעריק, ניט נייטיק (ווײַל ס׳איז שוין דאָ גענוג פֿון פֿריִער).

2. געבן צו לייזן אַ רײַכן קרעמער, אַנשטאָט אַן אָרעמאַן, וואָס האָט די זעלבע סחורה; געבן צו פֿאַרדינען עמעצן וואָס נייטיקט זיך ניט דערין.

<u>גיסן וואַקס</u> - פֿאַרצייטיקע זאַבאָבאָנישע סגולה צו אַ קראַנקייט, שרעק, מעלאַנכאָליע [זען גרוב,ו, ז׳ 163, "אויסגיסן מיט וואַקס".].

|אנהייב XIX| " בייזערט איַיך נישט, |...| מיר האָט

4275 מען שויך לאַנג וואַקס געגאָסן און אָנגעשראָכן און אָפּגעשטרײַכט". אַנ, געגנאַרטע וועלט, 2, 83.

1899 " אויף אַן עין=הרע אָפּשפּרעכן, ציינווייטיק

4275 פֿאַררעדן, גיסן וואַקס מיט אייער אויסקויקלען - דערצו איז געווען אַ בריה גיטל די זאָגערין".

מענדעלע, 8ב, 22.

1975 " |...| מ'האט געשיקט נאָך אַ בעל=מופת, אַ כּישוף=

4274 מאַכערין אַן אַלטע גויע, וואָס גיסט וואַקס".

באַשעוויס, 6, 8.

גיסן (מיט) טרערן - שטאַרק וויינען.

1843 " |...| איך נעבעך גיגאָסין מיט הייסע טרערן //

4257 עס איז אזש גיוועזין א רחמנות צו צי הערין ".

פישלזאהן, 1, 36.

1907 "פאַרענטפערט זיך פאַר אים די מאַמע און גיסט מיט
קאנק טרערן". שלום=עליכם, 8א, 29.

1940 " |...| דיינע אויגן שיינען ווי בורשטינען,//
4266 מיינע גיסן טרערן באַכן". אפרים אויערבאַך, 2, 37.

גיסן מינץ – אויסשלאָגן מטבעות פון מעטאַל.

1952 " די פוילישע שלאַכטע האָט געקוקט קרום אויף דעם
4165 פאַקט, וואָס ייִדן אַרענדירן |...| ראַגאַטקעס און וואָס
זיי גיסן מינץ". מ. באַלאַבאַן, יזב 12, 121.

גיסן פעך און שוועבל – רעדן זייער שלעכט אויף עמעצן,
זידלען שטאַרק.

1962 " אַפילו די גוטע פריינד זיינע |...| האָבן אָנגעהויבן
4165 גיסן אויף אים פעך=און=שוועבל". וואַרשאַווסקי, פערל 155, VI/16.

גיסן פֿון פּוסטע אין לײדיקע – פֿלוידערן, פּלאַפּלען,
רעדן פּוסטע רייד.

גיסן שמאַלץ אין תחת אַרײַן (װוּלג) – דזשוו גיסן גאָלד
אין האַלדז.

עס גיסט זיך איבער דער באָרד/איבערן מויל – עס איז
דאָ בשפֿע, צו פֿיל.

עס גיסט זיך אַריבער – דזשוו דפּוו.

עס גיסט נישט אַריבער – דער מצבֿ איז ניט גוט, מ'לעבט
ניט רײַך.

עס גיסט זיך אים בלוט פֿון אונטער די נעגל – ער איז
זייער אַ שטאַרקער, אַ גבֿר.

עס גיסט זיך בלוט פֿון האַרצן (פֿון די אויגן) - ס׳איז זייער טרויעריק, מ׳האָט גרויס עגמת=נפֿש.

(װװ.6)
מיר
עס גיסט און מע פֿישט - עס רודערט זיך אין אַ שלעכטער בעל=בתּישקייט.

שיט מעל, גיס וואַסער - וועגן אַן אויסברענגער.

שור: גיס בוימל אין לאָמפּ, אַזוי לאַנג ער ברענט נאָך.

□ גיסן/גישן.

.1 ←---

1544 " ער גוש דש אויל אויבר הויבט שאָל |...|".
שמואל=בוך, סטר׳ 157.

4216

1679 " זא נעם פון דעם וואשיר אויז דעם שטראם אונ׳

4158 גיס אויף דאז טרוקין לאנד |...|". בליץ, שמות, ד- ט.

1723 " עש איז אסור צו גיסן וואשר אויף איין זאמן

4218 דש דר פון אויש וואקסט |...|". לב טוב, 2, דף 80 - ד׳.

3. ←---

1610 " אונ׳ עש ווש הונדרט צענטנר זילבר צו גישן".

4198 טייטש=חומש, שמות, לח - כז.

1716 " איטליכר דער דא |...| האט גמכט איין אב גאט

4198 אונ׳ דער דא האט איין בילד גיגאסין, דער האט עש

אלש גימאכט צו אום נוצן אונ׳ צו קיין הילף".

ס׳ המגיד, 3, ישעיה, מד - י.

---> 5. אויסשפּראַכן, אַרויסרעדן:

1610 " איך וויל גישן מיין גימיט אויף דיין צומן אונ׳

מיין בענטשונג אויף דיין אויז גנג". טייטש=חומש, 4199

הפטורה, ישעיה מד - ג.

1734 " הערץ אן הערץ גישלאסן,// ליבה אונ׳ טרייא דורך

אנדר גיגאסן". לשון זהב, דף 6. 4199/1

|| גיסונג/גישונג.

---> 1.

|XV| י"ה| " אשדות - דגיאשונגא, ל׳ שפיכה". רייכלין, 8,

יהושע, יב - ג.

1610 " אונ׳ גישונג איין ויר טייל איינש עמר ווייך

|...|". טייטש=חומש, שמות, כט - מ. 4133

.2 <---

1610 " און׳ איר ווערט טוך פר לירן אל איר ערטריך

און׳ אל בילד איר גישונג |...|". טייטש=חומש, 4140

במדבר, לג - נב.

1716 " |...| איך האב גיהייליגט דאש זילבר |...|

צו מאכין דרויש איין בילד און׳ איין גיסונג". 4134

ס׳ המגיד, 3, שופטים, דף לג - ד!.

0 גיס פאס - [illegible] האנטפאס, כיור.

1602 " די צווייא זיילן דז מער דיא צוועלף קיפרן

רינדיר די אונטרדען גיס פאסן שטונדן |...|". 4350

ס׳ ירמיה, נב - כ.

1748 " וועשט מן זיך אויז איינם גיס פאס אזו מוז

מן דאש הענדלי אלי מאלט אויף אונ׳ צו מאכן |...|". 4354

סידור תפילות, דף קסה - III.

## גיס קאן - דזוו דפוו.

1748 " זעלכי (כלים) אלז אזו רערן דראן זיין אלז

וואשר ארויש לויפט אלז מן הזישט קיפפרלי אודר 4358

גיס קאנן |...|". סידור תפילות, דף קסה - IV.

1767 " כיר א. שם כלי לרחיצה. גיס קאן". ס׳ דברי יושר.

גיסער - דער, =ס. 1. דער וואָס גיסט אַ פּליסיקייט, ס׳רובֿ געמיינט דעם, וואָס פּלעגט גיסן וואַסער בײַם מאַכן דאָס טייג אין אַ מצה=פֿאַדריאַד.

1864 " מען האָט איר געראָטן אויסצואַרבעטן דאָרט |אין מצה=פֿאַדריאַד| פֿאַר מיר אַ התמנות פֿון אַ גיסער, דאָס הייסט אונטערצוגיסן וואַסער מיט אַ פּסחדיק קריגל |...|". קאנק

מענדעלע, 12, 22.

1935 " צוויי וואָכן פֿאַר יום=טובֿ האָט מען זיך שוין געשטעלט באַקן מצות. ח׳ גדליה האָט אַליין |...| געלערנט די וועלגערינס און קנעטערינס ווי אַזוי זיך צו באַגיין, אַכטונג געטון אויף די שטעכערס און גיסערס". קאנק

באַשעוויס, 1, 119.

2. אַרבעטער וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט שמעלצן מעטאַל.

% ער אַרבעט ווי אַ גיסער אין אַ מעטאַל=פֿאַבריק.

1932 " |...| ס'איז באַוווּסט יעדן גיסער, אַז פֿאַר

4329 דאַמף=צילינדערס |...| דאַרף מען האָבן טשוהון פֿון

פֿאַרשיידענער קוואַליטעט". פֿרומין, 1, 4.

1947 " אַ גיסער פֿון בליַיענע הענדעלעך פֿלעגט באַקומען

4332 נישט מער ווי 4 קאָפּיקעס פֿאַר אַ גראָס". יזב 8, 51.

|| גיסעריַי - דאָס, בא. 1. דאָס גיסן אַ סך, דויערנדיק.

% דאָס גיסעריַי האָט געדויערט עטלעכע שעה.

2. פֿאַבריק/וואַרשטאַט ווו מע שמעלצט מעטאַלן.

1932 " |...| אָפּט מאָל לאָזט מען אַרויס דעם שלאַק אויפֿן
דיל פֿון דער גיסערײַ". פּרומין, 1, 21. 4340

1947 " די טשענסטאָכאווער אײַזן=גיסערײַען האָבן געהאַט
אַן אָפּזאַץ זייער ווײַט מחוץ די גרענעצן פֿון פּוילן". 4335
יזב 8, 49.

**גיסערל** - דאס/דער, =עך. וועגן אַ ייִנגל אַ גיסער, ב 1.
% דאָס ייִנגל האָט זיך אָנגעדונגען פֿאַר אַ גיסערל אין
מצה=פּאָדריאַד.

0 **גיסער(ײַ)=אַרבעט** - די, =ן. דאָס שמעלצן מעטאַל
און אויסאַרבעטן זאַכן פֿון געשמאָלצענעם מעטאַל.

1951 " לאַנג האָט מײַן פֿאָטער |...| געוווינט אין גאַליציע
און איז געווען גוט באַקאַנט צווישן די דאָרטיקע —— 4336
בירגער מיט זײַן אויסגעצייכנטער און גלאַטער **גיסער=ארבעט**
דאָס הייסט, מיט זײַן קונסט צו גיסן אותיות צום דרוקן".
י. שאַצקי, פֿער 106, 702.

**גיספֿאַבריק** - די, =ן. דזוו **גיסערײַ**, ב 2.

1964 " |...| זײַן גרויס=סטרעניצער **גיספֿאַבריק** האָט
דרײַ יאָר נאָך אַנאַנד געמאַכט אומגליקלעכע געשעפֿטן". 4348
בערגעלסאָן, פֿער 190, ז' 36.

פֿל גיספֿורעם.
**גיספֿאַרעם** - די, =ס, ספּעציעלע כּלי, אין וועלכע מע
גיסט אַרײַן דעם צעשמאָלצענעם מעטאַל.

**אײַזן=גיסער** - דער, =ס. פֿאַכמאַן אין גיסן אײַזן.

אײַזן=גיסערײַ - די, =ען. דזוו גיסערײַ, ב"2.

1947 "די טשענסטאָכאווער אײַזן=גיסערײַען האָבן געהאַט אַן אָפּזאַץ |...| מיט טעפּ, אויוונס, ביגל=אײַזנס און פֿאַרשיידענע אַנדערע הויז=אַרטיקלען". יזב 8, 49. 4344

בלײַגיסער - פֿאַכמאַן אין אויסאַרבעטן זאַכן פֿון צעשמאָלצענעם בלײַ.

גלאָקן=גיסער - פֿאַכמאַן אין אויסגיסן גלעקער פֿון מעטאַל.

גלאָזגיסער - דער, =ס. פֿאַכמאַן אין אויסאַרבעטן גלאָז.

מעטאַל=גיסער - דער, =ס. דזוו גיסער, ב 2.

צינגיסער - דער, =ס. פֿאַכמאַן אין אויסאַרבעטן זאַכן פֿון צין.

שטאָלגיסער - פֿאַכמאַן אין שמעלצן שטאָל.

שטאָל=גיסעריי - דזוו גיסעריי, ב 2.

א ייִדן קאָן אַלע מלאכות: פּסח איז ער אַ בעקער,
שבֿועות - אַ גערטנער, תּשעה=באָבֿ - אַ זעלנער [?],
סוכות - אַ בוימייסטער, חנוכּה - אַ גיסער,
ראש=השנה - אַ שופֿר=בלאָזער.

ג י ע מ ז ע - ----> <u>געמזע.</u>

ג י פ י ו ר ( ע ) - <u>די, =ן.</u> מין פֿײַנע שפּיצן מיט אַ געפּוּקלטן מוסטער, האַנט=אויסהעפּטונג אויף אַ דורכזיכטיקן שטאָף, (למשל, באַטיסט).

~~585~~ 574 גי -

גיפּל - דער, =ען. (רעג, גאליציע) דזוו גיבל, ב׳ 2.

1931 " |...| אַ גרויס(ע)ר איבער אַלע גיפּלען".

4373 נאדיר, 5, 238.

[7] לויבן אין גיפּל אַרײַן - זייער שטאַרק לויבן

(ווי: לויבן אין הימל אַרײַן).

1936 " א. לעיעלעס האָט געלויבט מײַנע ביכער אין

4374 גיפּל אַרײַן". נאדיר, 10, 33.

ם גיפּפּל.

1541 " און אויף זיינר אכסיל האט ער איין קאפ ציפּפּל,

4409 // און׳ איין הויב מיט איינם הוהן גיפּפּל".

בבא=בוך, סטר׳ 565.

~~586~~ 575

ג׳ -

1767 " צמר א. סעיף הגבוה. גיפפיל". ס׳דרי יושר.

גיפּס - דער, =ן. ווײַסער מינעראַל, (ווסנ קאַלציום= סולפֿאַט, פֿאָרמל: $CaSO_4 2H_2O$), אויסגעמישט מיט וואַסער גיט ער אַ פּלאַסטישע מאַסע, וואָס ווערט גיך פֿאַרהאַרטעוועט, ווערט גענוצט ווי אַ בוי=מאַטעריאַל, צו שאַפֿן פֿורעמס פֿאַר סקולפּטורן, צו באַנדאַזשירן אויסלענקן און ביינבראָכן א"אַ.

1875 " אומעטום קוילן, שטיינער, גיפּס,// אויסגעשטאָרבן - שאַ, קיין פּיפּס". מענדעלע, 10, 23. 4378

1924 " זאָל ער גיין צו דעם קנעכט,// |...| וואָס קניט, ווי אַ תּם, פֿאַר אַ געץ פֿון גיפּס |...|". מ.ל. האַלפּערן, 1,156. 4384

1951 " דער ביין פֿון רעכטן פֿוס איז צעבראָכן, ער וועט צוויי חדשים מוזן ליגן אין גיפּס". עלבערג, 1, 39. 4380

O גיפּסאָפֿגוס - דער, =ן. פֿורעם פֿון גיפּס פֿאַר א סקולפּטור.

גיפּסאָפּפּאַטש - דער, =ען. |סטוטש 368| בנב.

גיפּס=מאַלערײַ - די, =ען. |סטוטש 368|. מאָלערײַ אויף גיפּס?

ג י פּ ס י ר ן - טרוו. דזוו גיפּסעווען.

גיפּסן - אדי. פֿון גיפּס. % א גיפּסן פֿיגורל.
גיפּסענע סטאַטועטקעס. א גיפּסענער באַנדאַזש.

1927 " דאָרטן איין אַטעליע, וואָס איז פֿול אָנגעוואָרפֿן מיט
גיפּסענע צעבראָכענע פֿיגורן,|...| און נישט-פֿאַרענדיקטע 4405
ליַיוונטן|...|". י.י. זינגער, 4, 64.

1968 " דער סקולפּטאָר האָט מיך פֿאַראייביקט מיט
מײַנס אַ סקולפּטור, איך בין געבליבן לעבן אין מײַן 4407
גיפּסענער געשטאַלט, וואָס ליגט ערגעץ באַגראָבן אין
אַטוואָצק". מ. ראַקאָווסקי, יזב 2, 961.

גיפּסעווען - טרוו, פפ גיפּסירן, פֿאַר געגיפּסעוועט. אַרײַנגעמען אין גיפּס און פֿאַרהאַרטעווען. % די צעבראָכענע האַנט מוז מען גיפּסעווען.

גיפּט - דער, =ן. אַן אָרגאַנישע אָדער פּרעפּאַרירטע כעמישע סובסטאַנץ, וואָס קאָן שטאַרק באַשעדיקן אָדער אַפּילו טייטן אַ לעבעדיקן אָרגאַניזם; סם. % גיפּט פֿון א שלאַנג. געוויסע געוויקסן טיילן אויס גיפּטן. די בין האָט אַריינגעלאָזן איר גיפּט.

1850 " ווער עס האָט גיפּט געגעסן |...| זאל איין טונקן טיכלך אין מילך און צו לייגן אויף דעם אונטער לייב". 4427

אנ, תעלה ארוכה.

1887 " אין דער כאָליערע=קרענק געפּינט מען אין די וואַסערדיקע אַרויסגאַנגען (פֿון לאַקסירן) און אין דער ברעכוואַסער מיליאָנען גיפּט= אייעלעך". 4446

זוסמאַנאָוויטש, 1, 19.

1925 " די שפּײַז קען זײַן פֿאַרמאַסקירט |...| שעדלעכע

שטאָפֿן קענען |...| זיך אַרײַנרײַסן ניט=באַמערקטערהייט. 4445

|...| דער גיפֿט קומט אויף אַזאַ אופֿן אין מאָגן אַרײַן".

שאַבאַד, 1, 57.

1948 " ס'מאַכט קיין מאָל די נאַטור דאָך ניט קיין טעות,

// זי גיט דאָך ניט דער שלאַנג קיין פֿיס,// דעם מענטשן 4422

גיט זי דאָך קיין גיפֿט ניט". מאַרקיש, 9, 39.

2. (פֿיג) שלעכטס, בייזוויליקייט, רשעות. % זײַנע

רייד זײַנען פֿול מיט גיפֿט. ס'האָט זיך פֿאַרשפּרייט

דער אַנטיסעמיטישער גיפֿט.

1863 " דו וועסט די וועלט קוים באַשמעקן,// מיט אירע

תּענוגים זיך קוים באַלעקן,// וועסטו שוין איר גיפֿט 4436

דערשפּירן |...|". דיק, 7.

1910 " דער שווערער, בייזער שאָטן// וועט עטעמען אין פּ
פּנים דיר מיט גיפט". פּרוג, 1, 282.

1943 " |...| יעדערער פון זיי |...| טראָגט פייער אונטער
פּאָלעס, גיפט און שינאה צו אַלעם דעם, וואָס האָט |...| קאנק
ביי זיי, כּלומרשט, זייערע דורותדיקע רעכט גערויבט
|...|". נסתּר, 5, 248.

0 **גיפט=אַפּאַראַט** - דער, =ן. דער אָרגאַן וואָס גיט
אַרויס דעם גיפט.

1934 " דער גיפט=אַפּאַראַט ביי בינען געפינט זיך אין
הינטער=קערפּער און באַשטייט פון גיפטשטעכער, גיפטדריז 4458
און אַ גיפטזעקל". ביבער, 1, 21.

**גיפּטבייטל** - דער, =ען. דאָס אָרט ווו ס׳געפּינט זיך
דער גיפּט ביי געווויסע בעלי=חיים |סטוטש 240|.

**גיפּטבעכער** - דער, =ס. בעכער מיט גיפּטיקער פּליסיקייט.

**גיפּטגאַז** - דער, =ן. אַ גאַז וואָס האָט אין זיך אַ גיפּט.

1938 " צו די שעדלעכע גיפּטגאַזן, |...| געהערט אַרסען.
4464 פון וועלכע מ׳הייבט אָן ניסן". פּער 151, נ׳ 1.

1952 " אַלע גאַזקאַמערן |...| זיינען געווען באַשטימט
4463 פּאַר מאַסאַווער אויסראָטונג פון מענטשן דורך גיפּטגאַזן".
יזב 12, 532.

**גיפּטגראַז** - דאָס, =ן. גראָז וואָס האָט אין זיך גיפּט.

גיפּסדריז - די, =ן. די דריז, וואָס טיילט אויס פֿון
זיך גיפּס |סטוטש 240|.

גיפּסהאַלטער - דער, =ס |סטוטש 240|. קנ"ד.

גיפּסזאַמלער - דער, =ס. |סטוטש 240|. קנ"ד.

גיפּסזעקל - דזוו גיפּסבײַטל.

גיפּסמיטל - דאָס, =ען. כעמישער פּרעפּאַראַט וואָס האָט אין
זיך גיפּס.

1968 "דער רעדאַקטאָר פֿון |...| 'הײַנט', אַבֿרהם אײַנהאָרן,
האָט |...| זעלבסט פּרעפּאַרירט אַ שטאַרק געפּסמיטל, 4540
|...| אײַנגעמענדיק דעם גיפּס, זײַנען זיי אַרײַן
אין ברענענדיקן הויז". ב. אָרענשטיין, יזב 2, 832.

~~579~~
586

גיפּטמישונג - די, בא. דאָס טייטן דורך אַריינמישן גיפּט אין אַ געטראַנק |סטוטש 244|.

גיפּטמישער - דער, =ס. דער וואָס מישט אַריין גיפּט אין אַ געטראַנק |סטוטש 244|.

1933 "עס איז אויך ניט פֿעסטגעשטעלט, ווי אַזוי זיינען די גיפּטמישער אין אַלטערטום געקומען דערצו, זיי זאָלן וויסן געגוי די טויטדאָזע פֿון אַלערליי סמען". פּערלמאַן, 1, 16.

גיפּט=מישעריי - דאָס, בא. 1. דזוו גיפּטמישונג.

2. (פּיג) פֿירן אַ רשעותדיקע, גיפּטיקע פּראָפּאַגאַנדע, העצן צו שינאה.

587

1947 "איך שטאָט האָט זיך באַוויזן אַן אומלעגאַלער אויפֿרדף פֿון די ענדעקעס, פֿול מיט העצע און גיפֿט=מישעריַי". 4544

יזב 8, 180.

גיפֿט=מישעריש — אדי. (פֿאַרפֿ.) רשעותדיק, העצעריש, ביידזווילק.

1973 "אַ טייל פֿויערים |...| באַאײַנפֿלוסט פֿון דער ענדעקישער גיפֿטמישערישער אַגיטאַציע, האָבן זיך געוואָרפֿן ראַבירן ייִדישע געוועלבער און וווינונגען". 4545

יזב 18, 235.

(?ב?) גיפֿטפּאַס — די, ~ פּעסער. אָנזאַמל פֿון רשעות, העצע, שׂינאה.

588
~~581~~



1936 " צי האָט ער עס געטאָן מיט אַ כּיוון, כּדי צו

געווינען די קריסטלעכע משפּחה און אַרײַנגיסן אַ ביסל 4556

האָניק אין אַנטיסעמיטישן גיפּטפּאָס?". משה אַלטמאַן, 45,3.

**גיפּטצונג** - די, =ען. צונג וואָס האָט אין זיך גיפּט. (?נ?)

4552

... " זי קרײַזט מיט גיפּטצונג און זי שפּרעכט אַ שפּראַך".

בראַדערזאָן, 8, 129.

**גיפּטציין** - מצ. ציין אין וועלכע ס'איז דאָ גיפּט |סטוטש240|.

**גיפּטקאַנאַל** - דער, =ן. |סטוטש 240| בנב.

**גיפּטשטאָף** - דער, =ן. אַ שטאָף וואָס האָט אין זיך גיפּט.

**גיפּטשטעכער** - דער, =ס. אָרגאַן מיט װעלכן אַ בין אָדער אַן אַנדער בעל=חי שטעכט אַרײַן דעם גיפּט |240 סטוטש|.

**גיפּטשלאַנג** - די, =ען. שלאַנג װאָס שטעכט מיט גיפּט.

**גיפּט=שינאה** - די, בא. זײער גרױסע שינאה, שינאה פֿול מיט רשעות.

1973 " צװישן די פּױלישע אַדװאָקאטן איז פֿאַראַן אַ פּרוי מיט אַ גאַנץ סימפּאַטישן פּנים, צו װעלכן עס פּאַסט אַזױ ניט די גיפּט=שינאה, װאָס שפּריצט פֿון איר מױל |...|". יזב 18, 177. 4559

**גיפּטשפּײַ** - די, =ען. מין שפּײַ װאָס טײלט אױס אַ גיפּט.

590
583 - גי

1939 " און נאָר עס נאָגט, עס וויל פֿון גאָרנישט וויסן,

4561 // אַ גיפֿטשפּין האָט אין מיר זיך איינגעביסן".

סעגאַלאָוויטש, 8א, ליד, און נאָר עס נאָגט".

גיפּט. ם

<---- 1.

[עָץ ו״נ..] " חמתם - איר גיפּט". רייכלין 8, איוב ו' - ד.

1626 " זיין ברוט אין זיין גידערם ווערט פר קירט,

4444 (מכורת פתנים) אונ' ביטרקייט אונ' גיפּט פון דען

אונקן איז אין זיינם בויך". ס' המגיד, 1, איוב, כ -יד.

591 ~~584~~ - גי

1743 " דער מענש קלויבט דרויש |פון פעלד| קרייטיך

4425 אום דער מיט צו היילן איין וואונד // אונ' דיא

שפין זוגט דרויש גיפט דש פיל מאל דען מענשן מאכט

אום גזונד". שארית ישראל, הקדמה.

גיפֿטיק – אַדי/אַדוו. 1. וואָס האָט גיפֿט, מיט גיפֿט. % אַ גיפֿטיק שוועמל. דער גיפֿטיקער גאַז. גיפֿטיקע שלאַנגען. גיפֿטיקע גראָזן.

1868 "די נעגער |...| האָבן זיך געשטעלט אַרום, אַ טייל מיט ביקסן און אַ טייל מיט גיפֿטיקע בלאָזפֿײַלן". 4478
דיק, 38.

1908 "אין פֿריש געמאָלטע צימערן איז אויך שעדלעך אַרײַנצוצײַען זיך, ווײַל אין פֿאַרב גייט אַרײַן 4487
געוויינלעך בלײַווײַס, וועלכער איז זייער גיפֿטיק פֿאַר אונדזערע לונגען". גאָטליעב, 2, 14.

1930 "אַ שפּרונג, אַ וויג...// אַ שטאָך ווי פֿון אַ גיפֿטיק|ער| פֿליג.// מיר טאַנצן איצט דעם טאַנץ 4507
פֿון קריג". אײַנהאָרן, 6, 104.

1948 " האט מען געשניטן לעבעדיקע באַכער,//
אויסגעפּרוּווט אַ גיפּטיקן באַציל". סעגאַלאָוויטש, 30,12. 4504

2. (פּיג) בייזוויליק, שלעכטהאַרציק, רשעותדיק, העצעריש,
שטעכיק, פאַרביסן. % גיפּטיקע רייד. אַ גיפּטיקער
שמייכל. גיפּטיקע פּראָפּאַגאַנדע.

1889 " ווי קענסטו צוזען, ווי די מרשעת// גיסט אויס
אויף מײַן יתום איר גיפּטיקן כּעס". מ. גאָרדאָן, 41,2. 4514/א

1916 " זײַן שאַרפער גיפּטיקער געלעכטער הילכט אָפּ
ווײַט=ווײַט!". שלום=עליכם, 38, 38. 4514

1970 " |...| אויב זיי |די נאַצישע אויפזעער| זאָלן
באַמערקן, אַז עמעצער טוט זיי נישט צופרידנשטעלן, 4538
וועלן זיי מיט גיפּטיקער הנאה אָנפאַלן". ה. לײַחמאַן,
יזב 7, 328.

|| גיפֿטיקייט – די, בא. אייגנשאַפֿט פֿון זײַן גיפֿטיק.

1950 " פּראָפֿ' רישע האָט געוואָלט אויספּרוּוון די גיפֿטיקייט

פֿון אַן עקסטראַקט פֿון אַ ים=געוויקס, וואָס הייסט 4534

אַקטיניע". פֿער 152, נ' 6 - 8.

פֿפֿ: גיפֿטיק ווי אַ שלאַנג. געפֿערלעך ווי אַ גיפֿט.

בײַסן/שטעכן ווי אַ גיפֿטיקע שלאַנג.

שוו: ניט אַלע שלאַנגען זײַנען גיפֿטיק.

ג י פֿ ט ג ע וו י ר ץ - דאָס, =ן. (באַט, נש, מאַרק וווב 1298)

געוויקס (ווסב Lysimachia, פֿון דער משפּחה (Primulaceae.

596 - גי

גיפּטיקן - טרוו. (שנש) 1. טייטן דורך
אײַנגעבן גיפּט; פֿאַרגיפּטיקן.

2. (פיג) אַרויסטרעטן מיט העצערישע, רשעותדיקע רייד,
פּראָפּאַגאַנדע.

1967 " ס'האָבן נאָך קיין מאָל אַזוי רייד געשטימט מיט
5535 אַ פּנים און אַ מויל, ווי ווען פֿעדעראַנקא |סאָוועטישער
פֿאַרשטייער אין די פֿאַראייניקטע פֿעלקער| האָט געגיפּטיקט
קעגן מדינת ישׂראל". י. גלאַטשטיין, פֿער 69, VI/2.

ג י פּ ט ן - טרוו. (עלט) דזוו גיפּסיקן; פֿאַרגיפּטן.

1940 "|...| דאָך גיפּטן גמיך , ווי שלאַנגען,// די

4548 הימלשפּראַך, |...| די לאָרבערקרענץ". יהואש, 2, 169.

ם גיפּטן.

|XV| י"ה " תעכסנה - זי גיפּטנט, |...| ל' ארס".

4546 רייכלין 8, ישעיה, ג - טז.

(?נ?) ם גיצן – אוטוו. בנב.

1541 " אונ׳ בור גרושם דורשט קונט ער קוים גיצן 4564

// אונ׳ בור הונגר ווש ער שיר ור דורבן".

בבא=בוך, סטר׳ 222.

רעד: אויפן קאַרטל איז דאָ אַן אויסטייטש:

" אַפּיפּס טאָן, דעם אָטעם כאַפּן". איז עס אַזוי?

דאַרף מען אפשר לייענען "געצן"?

ג י ר - דער, בא. שטאַרקער באַגער, זשעדנעקייט;

גיריקייט.

1943 " ווען די זײַניקע |היטלערס| האָבן זיך אַ לאָז

4565 געטאַן מיט גיר און גרויספּרעסערישע אַפּעטיטן אַרײַנצוכאַפּן

נײַע לענדער |...|". נסתּר, 5א.

1948 " |...| אַזאַ ניט=צוטריטלעכקייט האָט געזעצט פֿון

4569 זײַן מונדיר, געשטאָפּט מיט גיר און גאווה".

מאַרקיש, 9, 87.

1968 " |...| ס'האָט דאָס אַלטוואַרג מיט נקמה=גיר // גאָלפֿינען

4566 צײַט צו ריידן זיך מיט מיר". מאַניק, 3, 54.

600

גיראָמאַנטיע – <u>די, באַ.</u> <u>פֿפֿ</u> <u>כיראָמאַנטיע</u>.

דאָס טרעפֿן און פֿאָרויסזאָגן דעם גורל פֿון מענטשן לויט די ליניעס אויף די הענט.

601 - גי -

גיראָסאָל - דער, =ן. זגאַל איידלשטיין |סטוטש 529|.

1961 "אין מאַנהעטן געפינען זיך נאָענט צו צוויי

הונדערט מינים צירשטיינער, ווי: אַמעטיסט און 4575

טאָרמאַלין, אָפּאַל און אַלמאַז |...| גיראָסאָל, אָניקס |...|".

י. וואַלאַך, פּער 69, VI /4.

(?נ?) ג י ר אָ ס ט אַ ט - דער, =ן. פּפֿ זשיראַסטאַט.
אַ מאָדיפֿיצירטער גיראָסקאָפּ.

|| גיראַסטאַטיק - די, בא. |סטוטש 201|. די לערע וועגן
די געזעצן פֿון זיך דרייענדיקע קערפּערס.

גיראַסטאַטיש - אדי/אדוו. שייכדיק צו גיראָסטאַט,
גיראָסטאַטיק.

ג י ר אָ ס ק אָ פּ – דער, =ן. פּפּ זשיראָסקאָפּ.
אַפּאַראַט וואָס באַשטייט פֿון אַ זיך דרייענדיקער ראָד, וואָס איר אַקס קאָן זיך אומדרייען פֿרײַ אין אַלע ריכטונגען, אײַנהאַלטנדיק די זעלבע אַבסאָלוטע ריכטונג אין געשפּרייט, ניט געקוקט אויף די באַוועגונגען פֿון דעם אָנשפּאַר פֿון אַפּאַראַט; דינט צו אויפֿהאַלטן די גלײַכוואָג אויף שיפֿן, עראָפּלאַנען אא"וו.

|| גיראָסקאָפּיש – שײַכדיק צו גיראָסקאָפּ.

604 - גי

גירָאפּלאַן - דער, =ען. |סטוטש 177|.

מין ערָאפּלאַן.

(?,?)

ג י ר ו ש  * |גײַרעש| - דער, =ים, |גערושים|.

דאָס אַרויסטרײַבן (פֿון לאַנד, געגנט, שטאָט).

% דער גירוש פֿון שפּאַניע איז געווען אין 1492.

1866 " עס איז געקומען איין באַפֿעל פֿון קיניג, דאָס

מען זאָל אַרויסטרייבן אַלע ייִדן פֿון בעהמענלאנד. 4595

|...| די סיבה פֿון דיזעם |=אָט דעם| גירוש וואַר

|=איז געווען| נאָר איין פֿאַלשער חשד". דיק, 25, 25.

1935 " |שבתי=צבי| איז געוואָרן אַ קאַליף און אַ

ייִדנפֿײַנט און ער האָט אויסגעפֿועלט אַ גירוש קאנק

אויף אלע פֿרומע לײַט". באשעווים, 1, 170.

1973 " נאָך יעדער גזירה, נאָך יעדער גירוש פֿירן די

פֿאַרטרײַבערס מאַסנווײַז אַרויס שטיינער פֿון ייִדישע 4591

בית=עולמס און מען פֿאַרניצט זיי אויף בויען שלעסער

|...|". מ. ווײַנרײַך, 8, 345.

0 גירוש=באַפֿעל - דער, =ן. דעקרעט אַרויסצוטרײַבן.

1951 " די לאָקאלע באַאַמטע האָבן טאַקע דעם גירוש=באַפֿעל

|...| דורכגעפֿירט מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט". 4599

ל. שטיין, פֿער, 106, 97.

גירוש=גזירה |=גזיירע| - די, =ות. דזוו דפֿוו.

1951 " |...| די קיידאַנער ייִדן האָבן |...| אין 1495

געמוזט זיך נעמען צום וואַנדער=שטעקן צוליב דער 4602

גירוש=גזירה פֿון גרויספֿירשט אַלקסאַנדער". ש. דאַט, פֿער 106,

1475.

<u>גירוש=שפּאַניע</u> – <u>דער, בא.</u> דאָס אַרויסטרייבן די ייִדן פֿון שפּאַניע אין 1492.

1964 "|...| דעמאָלט קניפּט זיך אָן בינדט זיך דער <u>גירוש=שפּאַניע</u> מיט הימלישער השגחה |...|".
<u>י.ג. |גלאַטשטיין|, פֿער 69, VI/21.</u>

<u>גירוש=ספֿרד</u> |=ספֿאַראַד| – <u>דער, בא.</u> <u>דזוו דפֿוו.</u>

1973 "אין דער זעלבער צײַט האָט דער <u>גירוש=ספֿרד</u> צוגענומען בײַ ייִדן |...| דעם לעצטן דרויסנדיקן 4603
אָנשפּאַר |...|". <u>מ. ווײַנרײַך, 6, 167.</u>

<u>מאסן=גירוש</u> – <u>דער, =ים.</u> דאָס אַרויסטרײַבן אַ סך מענטשן, קהילות.

1951 " דער קוזשי=בילבול האָט געצילט צו שאַפֿן די

4598 נייטיקע שטימונג |...|, אַז דער מאַסן=גירוש

פֿון די ליטווישע ייִדן איז אַ נויטווענדיקייט".

ל. שטיין, פֿער 106, 95.

ם גירוש.

1698 " ר׳ יצחק אביהב |...| איזט גישטארבן אין פֿורטיגאל

4593 |...| זיבן חדשים נאך דעם גירוש אין ספרד".

צמח דוד, דף לב - !!.

ג י ר ט ל - דער, =ען/ =ס. (עלט) גאַרטל.

1899 " אומגעגאַרטלט מיט איין גאָלדענעם גירטל,

4607 אין וועלכן איין דאָלך |...| מיט דימענטן רײַיך באַזעצט

האָט |...| געבליצט". איבן שפּערלינג, 1, 28.

1970 " די געשמוגלטע סחורה האָט מען געפֿירט אויף זיך,

4613 באַהאַלטן אין אַזעלכע ספּעציעלע גרויסע גירטלס".

ל. וונדה, יזב 7, 293.

ם גירטל.

1610 " |...| אונ' איין הויב אונ' איין ברוך

4606 גירטל אונ' זאלן מאכן קליידה הייליק צו אהרן דיינם

ברודר". טייטש=חומש, שמות, כח - ד.

1676 " איינר הוט געהיט איין בייא גירטל מיט געלט

4609 |...|". ברנט שפיגל, פרק נ.

1711 " אן גיגורט אייער גירטל אונ' אייער שיק |...|".

צאינה=וראינה, 3, דף ס-!!!.

611 - גי

(?נ?) ם

ג י ר ט ן - טרוו. אָנטאָן אַ גאַרטל, אָנגורטן.

XV | י"ה | " תחגור - אומה גרטשטן, ל׳ ויחגור אותו".

4617 רייכלין 8, תהילים, עו - יא.

1610 " אונ׳ ער זול גירטן זיין גורט דש אויף אים ער

4618 אין זיין ווערק גולד בלוא זייד אונ׳ פירפל זיידא".

טייטש=חומש, שמות לט - ה.

ם גירי כט – דער. מנהג, שטייגער, פֿירונג. (?נ?)

1610 " און' זיא רופֿטן מיט שטים גרוש און' זיא
קראצטן זיך אלש איר גיריכט מיט שווערטער און' מיט 4620
שפּישן ביז עש גוש בלוט פֿון זיא". טייטש=חומש,
שמות (כי תשא, הפטורה, מלכים א', יח – כח).

רעד: דאַרף מען עס לייענען "געריכט" אָדער „געריכטי"?

ג י ר י ק - אדי/אדוו. פּפּ געריק. שטאַרק באַגעריק, זשעדנע, לעכצנדיק. % גיריק נאָך געלט. דער הונגעריקער איז גיריק נאָך אַ שטיקל ברויט. זיי זײַנען גיריקע צו ביכער.

1856 " |...| האָט אַלץ געקוקט אויף דעם קעסטעלע מיט גיריקע אויגן". אנ. הנסיון, ז׳ 22. 4623

1927 " אויסגעבויגענע האַקנס האָבן געכאַפּט הונדערטפֿודיקע איי־זנס און אויסגעשפּיגן זיי מיט גיריקער שנעלקייט. 4656
י. י. זינגער, 4, 81.

1968 " ער האָט גיריק אַ כאַפּ געטאָן דעם הויפֿן פּאַפּירגעלט |...|". גראַדע, 7, 374. קאנק

|| גיריקייט - די, בא. איינגשאַפּט צו זײַן גיריק.

1920 " בינדן זיך אַרום מיט גיפּטיקע פּעדעם
4642 פֿון בגידה, רציחה, ליגן און גיריקייט".
אײַנהאַרן, 4, 98.

1954 " קסעניאַ |...| האָט מסכים געווען ניט מחמת הונגער,
4650 ניט צוליב נויט, נאָר צוליב גיריקייט, וואָס די מאַמע
האָט אין איר אײַנגעפּלאַנצט". גרינבערג, 3, 38.

0 בלוטגיריק - אדי/אַדוו. וואָס לעכצט צו פֿאַרגיסן
בלוט, אכזריותדיק, מערדעריש.

1968 " יידן האָבן דערפֿילט די שווערע לאַפּע פֿון דעם
בלוטגיריקן דיץ, וואס איז געשטאַנען אין שפּיץ פֿונעם
אַרבעטסאַמט". ג. קוציק, יזב 2, 877.

**גע́לטגיריק** - אדי/אדוו. וואָס איז זשעדנע נאָך געלט.

ג י ר ל אַ נ ד ע - [ווייכער ל.] די, =ן, =ס/ =ן.

1. צווייַגלעך, בלעטער און בלומען (אויך קינסטלעכע) צונויפגעפלאָכטן אין אַ קייט, וואָס מע הענגט אויף ווי אַ דעקאָראַציע. % דער זאַל איז באַהאָנגען מיט גירליאַנדעס לכּבֿוד דעם יום=טובֿ.

1890 " אַז די גאַרדינען זענען שוין פֿאַרטיק געוואָרן, האָט זי זיך גענומען אויספֿלעכטן פֿון בלומען און בלעטער אַ שיינע גירלאַנדע די סוכּה אויסצופּוצן. דינעזאָן, 1. 4665

1937 - 1939 " גירלאַנדן=געפֿלעכט אויף טויער און טיר |...|". סוצקעווער, 3, 94. 4658

1956 " מיט קאָרנבלימלעך זי אויסגעצירט, גירלאַנדן איר פֿון יאָדלע אויסגעפֿלאָכטן". מאַרקיש, 11, 347. 4672

2. אַן אָרנאַמענט (מאַלעריַי, סקולפּטור) אין דער פֿאָרעם פֿון אַ גירלאַנדע. % דער סופֿיט איז אַרומגענומען מיט גירלאַנדן פֿון גיפּס.

1944 " דער |?| הויפּטקאמער |...| מיט אויסגעמאַלטע
4663 גירלאַנדעס ביַי די זיַיטן און מיט אָפּגעבליאַקעוועטע אַראַבעסקן". שניאור, 8, 278.

3. קאָפּבאַפּוץ אין דער פֿאָרעם פֿון אַ גירלאַנדע.

1866 " נגידותטעס פּלעגן האָבן דימענטענע מיט רובינענע
4657 שטיק אויף די 6 שטיקלעך סאַמעט אין די רעדער אויף דער שוואַרצער גירלאַנדע |פֿון שטערנטיכל|". פּער 177, נ' 4, ז' 53.

1914 " ווי שניי איז ווייַס איר חופּה=קלייד,// און גרין

4673 איז איר <u>גירלאַנדע</u> |...|". <u>סעגאַלאָוויטש,2, 29</u>.

1944 " די רייַכע כּלה=<u>גירלאַנדעס</u> האָבן זיך געבאָמבלט

4676 אַרום פּאַרטומלטן קאָפּ". <u>שניאור, 8, 24</u>.

619 - גי

ג י ר ל י א נ ד ע - ←--- **גירלאנדע.**

ג י ר ל י ץ - דער, =ן. |סטוטש 247|. (זאאל)

זינגפֿויגל, ענלעך צו אַ קאַנאַריק, מיט אַ געלבלעכן און גרויסן געפֿעדער און אַ שטומפּיקן שנאָבל, לעבט אין די ראַנדן פֿון וועלדער אין פּאַרקן.

D: GIRLITZ

---

רעד: סטוטש גיט אָן: שטיגליץ, גירליץ, טשיזשיק

א אַז"ור. איז גירליץ דזוו טשיזשיק? אויב יאָ, איז דער ווסב פֿון גירליץ:

FRINGILLA SPINUS

---

(?נ?) ג י ר ל ע - די, בס, האַרטע י און ל. (רעג, מאָלדעווע)

" אַ טביך" |קטוו|. %„די בהמות טרינקען פֿון דער

גירלע אין מיטן שעס" |קטוו|.

(?צב?) ג י ר ן - <u>אויסוו.</u> <u>(רעג? עלט?)</u> יערן, פֿערמענטירן.

1920 " דעמאָלט באַקומט מען אַ רויען ווײַנטרויבן=זאַפֿט

וואָס הייבט שוין אָן צו <u>גירן</u> אין עטלעכע שעה אַרום. 4679

דאָס <u>גירן</u> נעמט זיך פֿון די מיליאָנען מיקראָסקאָפּישע

הייוון=שוועמלעך, וואָס זײַנען נאָך פֿון פֿריִער געלעגן

אויף דעם ווײַנטרויב=הײַטל". <u>איבן האָכבערג, 1, 37</u>.

גירסא / גירסה | גירסע | - אי, =ות | גירסעס/

גירסאעס | . (לל) 1. אויסטײַטש, פּירוש, ווערסיע.

% יעדער איינער האָט געגעבן זײַן אייגענע גירסא

פֿון דער געשעעניש.

1915 "|...| מענטשן, וואָס ווייסן, גיבן די מעשׂה אויף

4689 צווײַערליי אופֿנים, צוויי גירסות, הייסט עס".

שלום=עליכם, 5א, 230.

1922 " |...| דער לעזער זאָל אליין קענען פֿעסטשטעלן די

4683 ריכטיקע גירסא |...|". איבז זאַלקינד, 4, הקדמה.

2. טעקסט, נוסח.

1961 " |...| כּדי אַרויסצוגעפֿינען די געניויסטע גירסא

4682 פֿון אַ נאָמען צי אַ דאַטע אין אַ היסטאָרישן דאָקומענט".

א. שטיינבערג, פֿער 38, נ' 39, ז' 12.

0 גירסא = דינקותא |גירסע=דעיאַנקעסע| - (לל) דאָס
געלערנטע קינדוויַיז (וואָס געדענקט זיך גוט).

1867 " על=כל=פּנים גירסא=דינקותא געדענק איך פֿאָרט עד היום".
פֿער 57, נ' 43, ז' 377. 4687

1968 " אונדזער אַלטע אמונה |...| די סביבה אין וועלכער
מיר זענען |...| דערצויגן געוואָרן - גירסא דינקותא - 4688
|...| קען נישט און דאַרף נישט פֿאַרווישט ווערן |...|".
ש. גולדשטיין, יזב 14, 11.

גירסא דיַונקותא |גירסע דעאיוואַנקעסע| - שפּאַטישע
פּאַראַפֿראַזע (פֿון וואָרט, איוואַן") ד"ה, אַ פּירוש פֿון אין
איוואַנען, געמיינט פֿון אַן עם=הארץ.

ג י ר ע - די, =ס, פקפ גירקע, (רוס, דא).

געוויכט (צום וועגן). % א צווייפונטיקע גירע.

דער קרעמער שטעלט אַרויף די גירקע אויף דער וואָגשאָל.

1951 " שׂרה וועגט די תּבֿואה, און דער פֿויער טאַפּט די

גירעס". שעליובסקי, 2, 123.

1960 " |...| אין שאָטנדיקן ווינקל דער זייגער מיט די

גירעס אויף דער זשאַווערדיקער קייט". ל. רובינשטיין, 2, 182,

גירקע - די, באַ. פּפּ הירקע. (עלט) מין ווייץ.

1865 " |...| גירקע |טעקסט:גהירקא| 13600 |=טשעטוועריק

4701 אָדער טשעטווערט, אַלטרוסישע מאָס פֿאַר שיטעוודיקע זאַכן],

|...דערפֿון 3200 טש׳ פּרימאַ סאָרט". פֿער 177, נ׳ 10 ז׳ 158.

гк: Тирка

1870 " |...| אַזוי האָט מען אויך געהאַט די מעגלעכקייט

4701 אַוועקצושיקן אַהין |קיין אויסלאַנד| גרויסע לאָדונגען,

צו מיינסטנס מיט גירקע |טעקסט: גירקא|".

פֿער 177, נ׳ 48, ז׳ 361 - !!!.

1882 " ביסט אַ מלמד, ניט קיין סוחר! וואָרעם וואָס טענהסטו:

4702 ׳סטי־יטש, מי־ין ווייץ איז געווען ריינע גירקע

|טעקסט: הירקע| |...| האָט איר דאָך די ברירה אים

ניט צו נעמען". לינעצקי, 6, 5 - !!.

(?נ?) ג י ש אַ ך ם - אוטוו. פֿאָרמע פֿון ווערב געשען, פֿאַרגאַנגענע צײַט (אימפּערפֿעקטום).

|XV| י״ה| " זי אשן דא אם יום כפור איר קיינם גישאך

קיין ליידא |...|". מלכים=בוך, סטר׳ 443. 4704

628 גי-

ג י ש ט ע ר - ----<== <u>גיסטער</u>.

ג י ש ק ע ל ע – דאס, =ך. (רעג, מאראמורעש)

" מיינט דישקעלע |?|, קאניש, אונטן ברייט, אויבן שמעלער" |קטוו|.

.....................................

רעד: אפשר דייזשקע(לע)?

.....................................